STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00038

ALE VERK

Mendele Mokher Sefarim

Permanent preservation of this book was made possible by
Sandra Serebin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג
מענדעלע
ווארשע

17 באַנד — 1 בויגן

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

זיבעצעהנטער באַנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפקי 7

1928

אלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאוויטש)

עלטערען און קינדער

(ראמאן)

פערלאג „מענדעלע", ווארשא

1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

עלטערען און קינדער

„עלטערען און קינדער“ איז איבערגעזעצט פון העברעאיש פון מענדעלע׳ס ראָמאַן „האבות והבנים“ דורך ב. עפּעלבוים.

ווי פיעל פון מענדעלעס ווערק, איז אויך „האבות והבנים“ בהדרגה׳וויז געשאַפען געוואָרען און געענדערט געוואָרען, ביז ס׳איז אויסגעוואַקסען אין דער פאָרם, ווי ס׳קומט איצט צום לעזער.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „רשימות לתולדות״¹) דערצעהלט מענדעלע, אַז נאָך זיין יאָהר 1862 האָט ער „געפּרובט פּערפאַסען אַ ספור אויף אַ קלאָרען לשון־קודש, געשטיצט אויפ׳ן פאָלקס־גייסט און פאָלקס־לעבען פון זיין צייט, און פון דעם ספור האָט ער אַרויסגענומען איי־ניגע קאַפּיטלען און דאָס אָבגעדרוקט מיט אַן אַריינפיהר־וואָרט אין אַ בעזונדער בוך אונטער׳ן נאָמען „למדו היטב“, ספור־אהבים, וואַרשא, 1862“. דערנאָך אין 6 יאָהר אַרום, אין 1868, איז פערעפענטליכט געוואָרען אין העברעאיש דער גאַנצער ראָמאַן, „האבות והבנים“, וואָס איז געוועזען געשריבען אונטער דער השפּעה פון א. טורגעניעוו׳ס בעריהמטען רוסישען ראָמאַן „עלטערען און קינדער“. אויך ביי מענדעלע׳ן אין ראָמאַן ווערט געשילדערט דער קאַמף צווישען עלטערען און יונגערען דור.

וועגען „האבות והבנים“ שרייבט י. ח. ראַווניצקי: „דעם ערשטען בעלעטריסטישען פּרוב פון אַבראַמאָוויטשען קאָן מען נישט רעכענען פאַר שטאַרק געלונגען. אמת, אין יענער צייט איז דאָס אויך געוועזען א חיבּ־טיגע ערשיינונג. נאָר אַבראַמאָוויטש האָט נישט געפונען זיין געוואונשטען

¹) זע די אידישע איבערזעצונג אין אַלע ווערק פון ממו״ס ב. XIX

סטיל („האבות והבנים" איז נאָך געשריבען אין אַ ריין־ביבלישער שפּראַך), זיין ריכטיג, איהם־צוגעפּאַסטען אָרט־שרייבען".[2])

מיט זיין „האבות והבנים" האָט מענדעלע אין יענע יאָהרען, ביים ערשיינען, געהאַט פּיעל עגמת־נפש. אין 1867 האָט זיין פריינד ל. בינשטאָק איבערגעזעצט דעם ראָמאַן אויף רוסיש און געוואָלט איהם דרוקען אין איינעם פון די מאָסקווער אָדער פּעטערבורגער רוסישע זשורנאַלען, אָבער נישט געקוקט אויף אַלע בעמיהונגען, האָט זיך עס נישט איינגעגעבען, און קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען ווי אַרויסצולאָזען די רוסישע איבערזעצונג פון „האבות והבנים" אין אַ בעזונדער אויסגאַבע.[3])

מענדעלע האָט דאָס ווערק אין דער פאָרם, ווי ער האָט עס פּערעפּענטליכט אין יאָהר 1868, נישט געוואָלט מעהר אַרויסלאָזען. אין די בריעף צו זיין יודישען פערלעגער (ש. שרעבערק) שרייבט מענדעלע, אַז ער האָט בדעה דאָס ווערק פונסניי צו בעאַרבייטען, עס איז אָבער געווען פאַר מענדעלע'ן זעהר אַ שווערע זאַך. „מיט דעם „אבות והבנים"— שרייבט ער דעם 9־טען פעברואַר 1911,—איז מיר ריין־אוממעגליך זיך צו בעשעפטיגען, איך דענק אָנהויבען איהם ערשט זוממער איה"ש". „ווינטער איה"ש—שרייבט ער אין אַ צווייטען בריעף דעם 28־טען יוני 1911— וועל איך איהם אינגאַנצען איבערמאַכען, מען טאָר זיך נישט כאַפּען". און אין אַ דריטען בריעף איז ער מודיע: „איך בין נאָך אַלץ נישט רעכט געזונד און דאָס שרייבען קומט מיר אָן זעהר שווער. איך מוז האָבען רוה אַ צייט, און דאַ שטעהען מיינע פערלעגער אין העברעאישען און פאָדערען דעם „האבות והבנים". וואָס זאָל איך טהון, איך טהו מיר אָן אַ כח און בעשעפטיג מיך אצינד מיט דעם דאָזיגען ספר. ער וועט אויסקומען כמעט ניי".

וועגען דער נייער איבעראַרבייטונג פון „האבות והבנים" דערצעהלט י. ח. ראווניצקי—מענדעלעס נאָהענטער פריינד און העברעאישער אַרויסגעבער.[4]) עס איז געווען אין יאָהר 1911, ווען מען האָט אַרויסגעגעבען

---

[2]) י. ח. ראווניצקי — אַלע ווערק פון ממו"ס ב. I

[3]) ש. גינזבורג—אַלע ווערק פון ממו"ס, באַנד XXII

[4]) י. ח. ראווניצקי. אַלע ווערק פון ממו"ס באַנד XXI

מענדעלעס דריי בענדער אין העברעאיש. „דערווייל האָט מען גענומען דרוקען דעם דריטען באַנד פון אַבראַמאָוויטשעס העברעאישע כתבים", וואו צום סוף האָט בעדאַרפט. לויט דעם פּלאַן, אַריינקומען זיין יוגענדווערק „האבות והבנים", אַרויסלאָזען איבעראַנייעס דעם „האבות והבנים" אַזוי „ווי ער שטעהט און געהט" אָהן ענדערונגען—דערויף האָט ר׳ מענדעלע אויף קיין פאַל נישט געוואָלט איינגעהן: צו־פיעל שוין נאַאיווע און, מען מוז זאָגען, האַלב־קינדערשע זייטלעך האָבען זיך דאָרט געפונען. האָט ר׳ מענדעלע נישט געקוקט אויף דעם דאָקטאָר׳ס שטרענגען פערזאָג, נישט צו נעהמען קיין פען אין דער האַנד—און ער האָט זיך גענומען גאַנץ־ערנסט צו דער אַרבייט. און אַ שמיקעל אַרבייט האָט ער דאָ פאַר זיך געהאַט זעהר אַ שווערס. ערשטענס, איז גלאַט נישט קיין גרינגע זאַך איבערצוניצעווען אַלטוואַרג, אַרויסוואַרפען שטיקער, גאַנצע קאַפּיטלען און אַריינשטעלען נייע אויף זייער אָרט, איבערדרעהען און איבערשטעלען שפּעטערדיגע זייטלעך אויף פריהער, און פערקעהרט, און דאָס אַלץ פערגלעטען אַזוי קונציג, אַז עס זאָל נישט בלייבען פאַר אַ זייטיג אויג קיין ברעקעל סימן פון אַ געשטיקעוועטער זאַך; און צווייטענס, איז דאָס שוועריגקייט געווען דאָ דאָפּעלט און איבערדאָפּעלט צוליעב דעם לשון, ווייל ר׳ מענדעלע האָט דאָס מאָל זיך געמוזט פעסט האַלטען אין דער ריין־ביבלישער שפּראַך, וואָס אין איהר האָט ער געשריבען אין זיין פריהער יוגענד דעם „האבות והבנים" און שטאַרק געהיט זיין נישט אַראָבצוקריכען, חלילה, פונ׳ם וועג און נישט אַריינפאַלען אין „מענדעלעס לשון", אַלע מאָל האָט ער זיך אַליין געכאַפּט ביי דער האַנד, אַז ס׳האָט זיך ביי איהם אַרויסגעכאַפּט אַ וואָרט אָדער אַנ׳אויסדרוק, וואָס איז נישט אָנגעפּאַסט צום לשון פון „האבות והבנים".

די יודישע איבערזעצונג איז געמאַכט פון אָט דעם לעצטען העברעאישען וואַריאַנט, וואָס איז געדרוקט אין דער העברעאישער מענדעלע־אויסגאַבע פון 1912.

ג. [illegible]

עלטערען און קינדער

(ראָמאַן)

פון העברעאיש ב. עפעלבוים

א.

עלטערען וועגען קינדער.

—וואָט איז דיר, אפרים—האָט שרה געפרעגט איהר מאַן, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען א פערצאָרענטער איבער זיין צימער—וואָס האָט דיך דאָס אזוי אָנגעשפּאַרט מיך אַ רוף צו טהון? ווייסטו דען נישט, אַז איך בין אַ גאַנצען טאָג אַ יאָהר איינגעשפּאַנט אין דער אַרבייט ווי אַנ׳אָקס אין דער סאָכע? אָהן מיר גיט דאָך די דינסט נישט אַ ריהר מיט אַ פינגער אַריינשטעלען אַ טעפּעל, פּערבעטען די בעטען און אויסקעהרען די שטוב, אָהן מיר שטעקט זיך דאָ קיינער נישט צו צו קיין אַרבייט. ס׳איז דאָך שוין עפּעס אלול אין גאַס, מען בלאָזט דאָך שוין שופר, און עס געהען אַזעלכע יום-טובים, און איך—וועה איז מיר!—כ׳האָב נאָך קיין זאַך נישט אָנגעהויבען צוצוגרייטען צו יום-טוב. ס׳שפּאַלט זיך מיר, ממש, דער קאָפּ, דערמאָהנענדיג זיך, אַז באַלד איז שוין אונזער זוהנס חתונה מיט מזל, און איך האָב נאָך גאָרנישט צוגעגרייט. די צייט איז קורץ, און אַרבייט איז דאָ גאָר אָהן אַ שיעור, און דו ווילסט נאָך מיר מאַכען שווערער. אָט אַזוי איז שוין פון תמיד דיין שטייגער: ווי דו קומסט נאָר פון אָדעס, איז נישטאָ אַ טאָג, וואָס דו זאָלסט נישט זיין אין כעס, און קיין זאַך אין שטוב געפעלט דיר נישט.

אפרים כרמול, איז געווען איינער פון די כסלונעווקער חשוב׳סטע גבירים. זיינע עסקים זענען געווען אין אָדעס; דאָרט האָט ער געהאַט אַ געלד-קאָנטאָר און אַ גרויס געשעפט פון תבואה, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפיהרט אליעזר פרחי—זיין ווייבס אַ נאָהנטער קרוב. אפרים אַליין פלעגט אַראָבפאָרען צוליב זיינע געשעפטען קיין אָדעס צוויי מאָל אַ יאָהר און איטליכעס מאָל פלעגט ער דאָרט אָבזיצען אַ לאַנגע צייט. אין דעם

אויסגעלאָסענעם אָדעס, וואו קיין יראת־שמים איז ניטאָ אפילו אויף אַ רפואה, וואו יודען סוחרים זיינען גריילאך ניט פרום, קרעמער זיינען מחלל שבת בפרהסיא און סרסר׳ס עסן טריפות בראש גלי, האָט אפרים פון דרכי־שלום־וועגען פערבויגען זיין חסידות, האָט אַ ביסעל אָפּגעקירצט דעם ראָק און די פאות פערדרעהט אויף הינטער. דערפאַר, קומענדיג אהיים קיין כּסלונעווקע, צוין דער אמת׳ער יודישער שטאָט, האָט ער אויף זיך אַרויפגעצויגען וואָס מער חסידות, האָט זיך געפיהרט זעהר פרום, כדי מכפּר צו זיין דורך דעם זיינע אָדעסער חטאים.

שרה זיין ווייב האָט זיך פון תמיד אָן געהאַט די געוואוינהייט צו שרייען נאָכאַנאַנד מיט קולות אויף איהרע הויז־מענשען, אַז זיי זענען פויל, אַז די גאַנצע שטוב־אַרבייט דאַרף זי טראָגען אויף זיך אַליין, און זי פאַלט שוין אין די האַליאַבליעס, כאָטש באמת האָט זי אַליין גאַרנישט געטהון, און האָט נאָך מיט איהרע געשרייען דעם אַנדערן געשטערט פון דער אַרבייט. אַזוי האָט זי זיך אויך געהאַט אַ טבע צו באַקלאָגען איהר שיקזאַל, כאָטש אין אמת׳ן איז זי געווען איינע פון די גליקליכסטע פרויען. אין איהר שטוב איז שטענדיג געווען פון כל טוב, און מ׳האָט זיך ביי איהר, ממש, געבאָדען אין האָניג און אין פוטער. די כסלונעווקער ווייבער פלעגען תמיד איינע דער אַנדערער האָבען צו ערצעהלען וועגען שרה׳ס גליקליך לעבען, ווי איר מאַן אַכט איהר און שעטצט איהר, ווי ער איז זיך מיט איהר וועגען אַלץ מישב, און רעדט זי נאָר עפּיס אַרויס פון מויל, ווערט דאָס באַלד בעשאַפען.

— קענסט דיך טרייסטען — האָט אפרים אָבגעענטפערט זיין פרוי מיט אַ ביטערען איראָנישען געלעכטער — קענסט דיך טרייסטען: גאָט האָט דיך אויסגעלייזט פון דיין געפּייניגטען לעבען און פון דיין שווערער אַרבייט. רעדענדיג האָט ער איהר אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער אויפ׳ן טיש.

— וועה און ווינד איז מיר! — האָט שרה אויסגעשריען ניט זוי מיט איהר קול — דאָס זענען דאָך די אויערינגלאַך מיט די פינגערלאַך, װאָס מיר האָבען געשיקט אַ מתנה דער כלה ביי אונזער שמעון׳ס תנאים!

— דו וועסט דיך נאָך מעהר וואונדערען — האָט געזאָגט אפרים מיט אַן אָנגעשטעלטער רוהיגקייט —; הער זיך נאָר אָקאָרשט צו, וועל איך פאַר דיר איבערלייענען דאָס, וואָס מען שרייבט דאָ אין דעם בריעף וועגען דיין בן־יחיד, „דיין" חתן, וועסטו זיך האָבען וואָס צו פרעהען...

מיט אַ טיעפען זיפץ האָט אפרים גענומען דעם בריעף פון טיש און האָט ביטער אַ זאָג געטהון צו זיין פרוי:

— „אַ שלעכטער זוהן איז אַ טרויער פאַר זיין מוטער“. גרייט־זשע דיך צו אויך צו האָבן אַ ביסעל חרפה, און הער דיך איין וואָס מ׳שרייבט דאָ אין בריעף:

„לידידי הרבני הנגיד המפורסם מוהר״ר אפרים נ״י

איך בין אייך מודיע, דאָס איך בין, ברוך השם, געזונד; הלואי דאָסזעלבע פון אייך צו הערען. מיך וואונדערט זעהר: עס שטעהט, אז אפילו דורך אַ בּזמה פון צדיקים ברענגט גאָט ניט קיין תקלה, און אַ פשיטא שוין דורך זייערע קינדער, און דעריבער איז מיר אַ וואונדער, ווי האָט ער דאָס דורך אייך געבראַכט אַזא תקלה (איר וועט שוין פאַרשטיין, וואָס איך מיין...).

— איך פאַרשטעה בשום אופן ניט, וואָס ער מיינט מיט די ווער־טער—האָט שרה שטאַרק פערוואונדערט געזאָגט צו איר מאַן, ווע̇לכער האָט איהר דעם בריעף איבערגעזעטצט אין יודיש.

— דו וועסט וויסען, וועכט וויסען—האָט איהר אפרים געענט־פערט, און האָט ווייטער געלייענט:

„... כ׳האָב געהערט, און בין אויפגעציטערט געוואָרען, וואָס לייט זאָגען, אַז דיין זוהן, דער חתן, איז אַרויס לתרבות רעה, און האָט זיך בעהעפט מיט שלעכטע און זינדיגע מענשען, וואָס פערברענגען זייערע טעג אויף טריף־פסל׳ען. וועה געשריען: איך האָב געהערט ערצעהלענדיג, אַז ביי איהם אין חדר האָט מען געפונען פון די נייע „מליצה־ביכלאַך“, וואָס דרוקען זיך אין ווילנע, אַ דקדוק־ביכעל פון „בן־כלב“, און פסוק מיט „משה אָדעסערס“ פירוש. מ׳דאַרף דאָך אויף דעם, ממש, קריעה רייסען! וואָרום אויסער, וואָס אַ מענש טאָר זיין זוהן ניט לערנען קיין פסוק, כידוע, זינדיגט ער נאָך מעהר מיט דעם, וואָס ער לערענט מיט׳ן ביאור, ימח שמו. און דאָס איז נאָך איהם וועניג; ווי מ׳האָט מיר מודיע געווען אין דער שטיל האָט ער אַמאָל אָבגעפּאַרבט אויף שוואַרץ די ווייסע העהנער, וועלכע זיינען געווען אָנגעגרייט אויף כפרות“...

— פערשפּאַרט זאָלען ווערען, רבונו של עולם, די מיילער פון אונזערע שונאים, וואָס האָבען לאַנגע צינגער און זאָגען ליגענס!—האָט שרה אָנגעהויבען צו שיטען מיט קללות—האָבען אַ מויל און—פּלאַפּלען!... ווייסע העהנער—זאָגען זיי! ניט קיין העהנער, נאָר אפילו איין האָהן, איין מכה, און אַ גרויסע, זאָל זיך זעטצען אונזערע שונאים אין האַלדז!

האָט ער ניט אָבגעשוואַרצט, ווי זיי זאָגען; ער האָט זיך אַליין פערשוואַרצט, הלואי זאָלען אַזוי פערשוואַרצט ווערען זייערע פּנים׳ער, טאַטע געטרייער! דער האָהן האָט זיך אַליין פערשוואַרצט. ער איז אַריין אין אַ מולטער מיט געקאָכטע יאַגדעס, וועלכע איך האָב אָנגעגרייט צום יום־טוב׳דיגען פלאָדען; ער האָט זיך געוועסט אַוועקגעשטעלט אויף דער מולטער, און האָט אָנגעהויבן צו פּיקען, יוי דער שטייגער איז פון העהנער, און האָט זיך אַזוי פערשוואַרצט; און אַזוי ווי דו האָסט פון דעם ניט געוואוסט, און אַזוי ווי דער דאָזיגער האָהן, דיין כפּרה, איז אָבגעוואַשן געוואָרען מיט זייף און איז צוריק ווייס געוואָרען, אַזוי זאָלען מיר ניט וויסען קיין שלעכטס, און די רכילות־טרייבער זאָלען ווערען אונזער כּפּרה און די כּפּרה פון כל ישראל!

— גענוג שוין דיר!—האָט אפרים געזאָגט דער פרוי מיט כּעס, און האָט גענומען לייענען ווייטער:

„... איז ווען געהערט געוואָרן אַזאַ נבלה?!... בכן קום איך דיר מודיע זיין, אַז איך און מיינע שטוביגע זיינען געזונד, און איך שיק דיר אָב די תּנאים, ווייל איך וויל בשום אופן ניט אויסגעבען מיין טאָכטער פאַר „אַני־עם־הארץ"... אויך שיק איך אייך אָב די מתּנות, וואָס איהר האָט געשיקט דער כּלה, און איהר פון אַייער זייט זאָלט אבשיקען די מתּנות, וואָס איך האָב געשיקט דעם חתן, און אַ קלוגען דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלעגען. איך ווינש אייך אַ כּתיבה וחתימה טובה צוגלייך מיט אַלע צדיקים גמורים".

— ווי האָט ער דאָס אַ העזה פון אונז אָפּצוחוזק׳ן?—האָט זיך שרה פונאַנדערגעשריען ווי פערצווייפעלט—וואָס דרעהט ער דאָ אַ מוח? עס איז דאָך שוין אַלץ צוגעגרייט צו אונזער זוהנס חתונה; אַלץ—זאָל נאָר פעהלען אַ האָהר! האָניג און פּאַטיקע אויף צו באַקען לעקאַכער און טאָרטען, אויך אייער און אַ סך עופות: היהנער און ענדיקעס. וועה איז מיר! וואָס וועל איך דאָס איצט מיט דעם אַלץ מאַכען? וואוהין וועל איך אַהינטהון דעם האָניג מיט די אָבגעקאָרמעטע עופות? אַ רוח אין זיין טאַטענס־טאַטען אַריין!

— אַ רוח זאָל אַריין אין דיין בן־יחיד!—האָט זיך אפרים פונאַנדערגעקאָכט—דו האָסט געהערט? אין דיין בן־יחיד. דו דאגה׳סט גאָר פאַר די העהנער מיט די אייער, און דאגה׳סט גאָר ניט פאַר דיינע קינדער. אונזער רחל׳ען רעדט מען איצטער שדוכים מיט פּרצ׳ס זוהן, און דער שדוך מיט פּרצ׳ן געפעהלט מיר זעהר. דער מחותן איז אַ געאַכטער מאַן,

אַ רייכער מיט אַ סך גוטס, און אַ כשר'ער יוד. און דער חתן געפעהלט מיר אויך. דאָס איז אַ בחור לויט מיין פערלאַנג. און איך האָב מורא, אַז ווען מען וועט דערגעהען, דאָס דע־ מחותן האָט אָבגעשיקט דיין זוהן די תנאים, קאָן דאָס נאָך שאַדען רחל'ען. דער מחותן וועט זיך אוועקשטעלען און וועט זאָגען: איך וויל זי ניט!

— אומזיסט דאגה'סטו—האָט שרה געזאָגט—זי וויל ניט.

— ווער וויל ניט? זי, רחל?—האָט אפרים אַ געשריי געטהון—אַ יודישע טאָכטער, ווי האָט זי דאָס אַ העזה אַזוי צו רעדען? און דו, מאַמע, האָסט איר געשוויגען?

— איך האָב ניט געשוויגען. איך האָב מיט איר געטענה'ט און געטענה'ט, און זי האַלט זיך ביי דאָס איהריגע: איך וויל ניט און איך וויל ניט.

— די פעולה האָט זי שוין געהאַט פון דיין זוהן—האָט אפרים געזאָגט—אַז ס'איז נאָר דאָ איין שטוב איין בן סורר ומורה, מאַכט ער שוין קאַליע אַלע קינדער. אַט געה איך צו אים!

ב.

קינדער וועגען עלטערען.

אין דער צייט וואָס אפרים און שרה, דער פאָטער און די מוטער, האָבען גערעדט וועגען זייערע קינדער, האָבען זיך שמעון און רחל, דער זוהן און די טאָכטער, געשמועסט וועגען זייערע עלטערען.

— אָט בין איך, רחל, אויף וואָס האָסטו מיך גערופען?—האָט געזאָגט שמעון, אַריינגייענדיג צו זיין שוועסטער אין צימער.

רחל איז האַלב געלעגען און האַלב געזעסען אויף איהר בעטיל, און איז געווען פאַרטיעפט אין אַ בוך. ניט אויפהייבענדיג איהרע אויגען צו שמעון'ען, האָט זי צו אים געזאָגט:

— כ'האָב צו דיר אַ אינטערעס, שמעון.

— וואָס פאַר אַ אינטערעס? זאָג מיר, רחל!—האָט איהר שמעון געפרעגט, וואַרפענדיג פון דער זייט אַנ'אויג אויפ'ן בוך, וועלכען זי האַלט אין האַנט, און צושמייכלענדיג דערביי—דעם בוך האָסטו דאָך פערענדיגט לייענען נאָך אייערנעכטען.

— „ער" איז שוין ביי מיין פריינדין, דינה, ניט געווען פון עס-

ליכע טעג, און האָט מיר ניט געבראַכט, ווי זיין שטייגער, קיין ניי׳עם בוך,—האָט רחל געענטפערט, ווערענדיג בלאַסליך אין געזיכט און מיט אַ נערוועאישען אָפּקלאַנג אין איהר קול.

— ער, דאַווידזאָן, איז ניט געוועזען, ווייל דו ביסט שוין ביי איהר פון אַ לאַנגע צייט ניט געוועזען. און וואָס דאַרף ער ביי איהר?—האָט זיך אָבגערופען שמעון מיט אַ שמייכעל.

— הער אויף, שמעון...—האָט רחל געזאָגט רויט ווערענדיג.

— ער ווייס, אַז דו ביסט שוין פון עטליכע טעג ניט געוועזען אין גאַס.

— ווער האָט דאָס אים געזאָגט?

— איך. ער האָט מיך געפרעגט, וואָס דו מאַכסט, און פאַרוואָס דו באַהאַלטסט זיך עפּיס אַזוי לאַנג? און צי דו ביסט, אפשר, קראַנק?

רחל׳ס געזיכט האָט געלויכטען הערענדיג שמעונ׳ען אַזוי רעדענדיג. זי האָט אַוועקגעלעגט איהר האַנד אויף זיין אַקסעל, האָט איהם אַ ווייל בעטראַכט און געזאָגט:

— און דו געהסט נאָך צו איהם ווי פריהער? ס׳איז דאָך שוין געקומען אַהיים דער טאַטע, און אין גאַס איז אלול, ימים-נוראים, און אין די טעג איז ער דאָך אַזוי בייז, און וואַרפט אויף אונז אָן נאָך אַ גרעסערען פחד.

— איך בין שוין ניט קיין קליינער. מיין גייסט מיט מיין קערפּער געהערען איהם שוין מעהר ניט, און ער קען שוין אויף מיר אַזוי ניט געוועלטיגען לויט זיין פאַרלאַנג. דער זוהן מיט דעם פאָטער האָבען אַ גלייכע דעה און אַ פרייען ווילען צו טהון און צו האַנדלען נאָך זייער אייגענעם גייסט. אין דעם באַשטעהט די ענטוויקלונג פונ׳ם מענשען. ווען ניט, וואָלט דאָך גלייך געוועזען דער דור פון די קינדער צו דעם דור פון די עלטערען, אַ דור וואָלט אַוועק און אַ דור וואָלט געקומען, און דער מענשליכער גייסט וואָלט געבליבען שטעהען אויף איין מצב פון ימי-בראשית ביז אויף היינטיגען טאָג, פונקט ווי אַ בהמה.

— דאָס זענען, ברודער, ניט דיינע אייגענע געדאַנקען. אַזעלכע רייד, און נאָך ברייטער אַרויסגעזאָגט, האָב איך שוין געהערט פון דאַווידזאָנען.

— מיר האָבען ביידע געהערט; אָבער איך הער און טהו, און דו הערסט און טהוסט ניט.

— וואָס ווילסטו מיט דעם זאָגען?

— רחל! לאָמיך מיט דיר רעדען קלאָרע דבורים. דו ביסט דאָך מיין שוועסטער, און איך, דיין ברודער, וועלכער ליעבט דיך ווי זיך אליין, פיהל און ווייס, וואָס עס טהוט זיך אין די טיעפעניש פון דיין הארצען. אַז דו שעטצט דאַווידזאָנען און דיר איז אָנגענעהם צו אונטערהאַלטען זיך מיט אים, — דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג, און פרעה מיך שטאַרק מיט דעם. איך ליעב דאָך אים אויך מיט'ן גאַנצען האַרצען. אָבער פאַרוואָס זאָלסטו איהם אויך ניט פאָלגען, און בעזונדערס איצט, בעת מ'האַלט דיר אין רעדען שדוכים! מ'וויל דיך פער'שדכ'ענען, און אויף דיין פנים קען מען לייענען, אַז דו האָסט דערפון פאַרדרוס און גרויס ערגערניש, און פונדעסטוועגען האָסטו מורא צוועקצושטעלען זיך בעגען אונזערע עלטערען און זאָגען זיי: איך וויל ניט! וואָרום זיטצסטו פאַרשפאַרט אין שטוב אַנ'אומעטיגע, אַ קראַנקע און אַ פאַרוויסטע, שטום ווי אַ שעפס פאַר איהרע שערער, און דו עפענסט קיין מויל ניט?

— אַי, האָב איך געעפענט מיין מויל! כ'האָב געעפענט און געזאָגט: איך וויל ניט! אָבער...

— האָסטו אויך דייטליך און קלאָר דערקלערט, פאַרוואָס דו ווילסט ניט? האָסטו דיך צוועקגעשטעלט און אַרויסגעזאָגט מיטן פולען מויל מפורש'ע ווערטער, אַז עלטערען האָבען ניט דאָס רעכט צו טהון מיט זייערע קינדער וואָס זיי ווילען, פאַרקויפען זיי און חתונה מאַכען זיי, ניט אָנפרעגענדיג ביי זיי און פאַרפינסטערען אַזוי זייער לעבען לעולם ועד?

— און דו, שמעון, ביסט געוואָרען אַ חתן מיט דיין גוטענעם ווילען? ביי דיר האָט מען אַ סך געפרעגט?

— איך בין אַ חתן געוואָרען נאָך אין מיין קינדהייט. אַז איך בין נאָך געווען אַ קליינער און געלערענט ביי אַ דרדקי-מלמד, איז מען בעקומען און מ'האָט מיר געזאָגט: מזל-טוב, דו ביסט אַ חתן און דו האָסט אַ כלה! און איך געדענק, אַז אין יענעם טאָג האָט מיר מיין מלמד אָבגעשמיסען. אָבער זינט מיך האָט באַהערשט אַנ'אַנדער גייסט און איך וויל מיך נעהמען פאַר בילדונג, האָב איך מיך באַשלאָסען צו צעשטערען דעם בונד, וואָס די עלטערען האָבען געמאַכט מיט דער כלה. מיין מלמד ר' יונתן האָט מיר אָבער אַנ'עצה געגעבען צו וואַרטען; אָט האָב איך מיך איינגעהאַלטען, און איצטער...

— וואָס איצטער?

— איצטער וועסטו זעהען, וואָס איך האָב געטהון. דאָס זאָל אָבער

בײ דיר פאַרבלײבען בסוד. אַ מסירה האָט מען װעגען מיר אָװעקגעשיקט צו מײן מחותן, אַז איך בין אַראָפּ פון װעג אַז כ'האָב גאָט אין הארצען ניט און גלויב ניט אין קײן גוטע יודן, אַז כ'בין מבזה די יודישע הײליגקײטען און זײער גלויבען און לאַך אָפּ פון כפרות־שלאָגען. און נאָך און נאָך אַזעלכע זאַכען האָט מען אויף מיר געשריעבען, כדי איך זאָל איהם װערען מיאוס און ער זאָל מיך ניט װעלען קענען. און דעם דאָזיגען בריעף האָב איך געשריעבען, איך, שמעון, אַלײן.

— און אויב דער בריעף װעט גיט װירקען װי אַלע מסירות?

— דאַמאָלסט װעל איך זיך שטעלען און װעל זאָגען מיטן פולען מויל: איך װיל ניט די כלה, װעלכע איהר האָט מיר פאַרקנסט—איך בין אויף זיך אַ בעל־הבית! מײנער איז דער גוף און מײנע איז די נשמה, און איך קען טהון דאָס, װאָס מיר געפעהלט און װאָס מיר איז אָנגענעהם, און אויסקלײבען מיר די, װעלכע כ'האָב ליעב. אַזוי איז דאָס, מײן שװעסטער, צו װאָס זאָל איך פון דיר לײקענען? איך ליעב—דינה'ן!

— דאָס װײס איך שוין לאַנג. דײן געזיכט און דײן מויל און דײנע שטענדיגע בעזוכען בײ איהר מוטער האָבען דיך פאַרמסר'ט, אַז דו ליעבסט. הלואי זאָל זיך אַלצדינג אויסלאָזען נאָך דײן פערלאַנג. װאָס יועט אָבער זײן, אַז מ'װעט דיר ניט הערען?

— אויב מ'װעט מיר ניט הערען, װעל איך דאַמאָלט װיסען װאָס צו טהון.

— דו ביסט אַ מ אַ נ ס ב י ל, און קענסט טהון אַלץ װאָס דיר געפעהלט. דו װילסט זיך לערנען—קענסטו אַרײנטרעטען אין דער שול, אָדער אין יענער. די גאַנצע װעלט איז פאַר דיר. און איך, אַ פרויענצימער, האָט פאַר זיך מעהר ניט װי זאיהר פאָטערס הויז מײדעלװײז, אָדער דעם מאַנס הויז נאָך דער חתונה. װאָס בין איך? און װאָס קען איך טהון? אוי, ברודער, מיר איז זעהר ביטער!

רחל און שמעון זענען בײדע געבליבען זיטצען שטיל פאַרטיעפט אין זײערע געדאַנקען. דערנאָך האָט זיך שמעון אָבגערופען.

— װאָס פאַר אַ אינטערעס האָסטו דאָס צו מיר?

— נעהם בײ מיר דאָס בוך און גיעב עס איבער דװאָיריזאָנ'ען, און בעט איהם אין מײן נאָמען, אַז ער זאָל דיר געבען אַן אַנדער בוך.

— און מער גאָרנישט?—האָט שמעון געפרעגט מיט אַ שמײכעל, אײנקוקענדיג זיך גוט אין דער שװעסטער.

— מעהר גאָרנישט!—האָט געענטפערט רחל, א שאָקעל־טהונדיג מיטן פינגער געגען שמעונ׳ען און ווערענדיג רויטליך אין געזיכט.

— און איך וועל עפּיס צולעגען צו דיינע ווערטער—האָט שמעון געזאָגט—און וועל איהם געבן אין דיין נאָמען דאָס, וואָס דו האָסט פאַרגעסען, איך וועל איהם געבען א... דאַנק.

— געה, דו צולאָזענער יונגעל!—האָט זיך רחל אָבגערופען אויך מיט א שמייכעל.

— איך וועל געהען, אָבער ניט צו איהם; צו איהם וועל איך איצטער ניט געהען. איך געה אַריין צוריק צו מיר אין צימער אויסרוּהען זיך אַביסעל.

אין עטליכע מינוט אַרום האָט זיך דערהערט פון שמעונ׳ס חדר א הויכער שמועס צווישען איהם מיטן פאָטער. פון קיך האָט זיך אויך דערטראָגען א גרויס געפּילדער. שרה האָט זיך שטאַרק געבייזערט אויף איהרע שטוב־מענשען, די דיענסטען זיינען אומגעלאָפען ווי צומישטע, און אין מיטען האָבען זיך פונאַנדערגעשריען העהנער און אינדיקעס, אז עס האָט זיך געשפּאָלטען אויף דער הימעל.

ג.

די בילדונגס־פאַרשפּרייטער.

אויף א קליינער שאַלקע איז זיך געזעסען איינזאַם ביי נאַכט א יונגערמאַן פון א יאָר פינף־און־צוואַנציג, און האָט געלייענט א בוך פאַר א חלב׳נר ליכט, וואָס איז בייי איהם געשטאַנען אויפ׳ן טיש. מי־נוטענווייז האָט ער אַרויסגענומען די אויגען פון בוך, האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט און זיך פערטיעפט אין געדאַנקען. אין שטאָדט איז געווען שטיל און פינסטער. ווען ניט ווען האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון ווינד, וועלכער האָט צעשפּרייט די וואָלקענס נאָך א גאַנצענ־טאָגעדיגען רעגען; אויפ׳ן הימעל האָבען זיך בעוויזען שטערען. פּלוצים האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טהיר. דער יונגערמאַן האָט איהר גלייך געעפענט, און עמיצער איז אַריינגעגאַנגען.

— אַהאַ, ר׳ יונתן!—האָט אויסגערופען דער יונגערמאַן מיט פרייד—ברוך הבא!

— אַ גוטער יום־טוב אייך, הער דאַווידזאָהן! — האָט געזאָגט דער מאַן, אַראָבציעהענדיג פון זיך זיין מאַנטעל.

— איהר, מיין ליעבער ר׳ יונתן, זענט ביי מיר תמיד אַ טהייערער גאַסט, און היינטיגען אָווענד נאָך מעהר ווי אַלע מאָל.

— מיט וואָס איז דאָס עפּיס היינטיגע נאַכט אַנדערש פון אַלע נעכט?

— היינטיגע נאַכט, די נאַכט פון הושענא רבה, ערוועקט אין מיר היילגע געפיהלען און די טהייערסטע עראינערונגען פון מיין יוגענד. היינטיגע נאַכט זיצט גאָט אויף זיין היילגען שטוהל און מלאכים שטעהען אַרום איהם אין גרויס מורא און פחד בשעת ער פסק׳נט אָב דעם משפט פון יעטווידער מענשען. אויף מאָרגען אין דער פריה ווערט שוין איטליכען אונטערגעחתמ׳עט זיין צעטיל. יודען זיטצען היינט וואַך אַ גאַנצע נאַכט, און מאַכען ניט צו מיט אַן׳אויג. פיעל פון זיי געפינען זיך אין די קלויזען און בתי־מדרשים, זאָגען מיט אַ ניגון „משנה־תורה״, און חאַפּן בשעת מעשה אַ פער׳גנב׳עטען בליק אויפ׳ן וואַנד, אום צו זעהען, אויב זייער קאָפּ איז דאָ אין שאָטען — אַ סימן, אַז זיי וועלען לעבען — אָדער דער קאָפּ איז אָהן אַ שאָטען, אַ צייכען, אַז היי־יאָהר וועלען זיי שטאַרבען. פיעל זיטצען אין די סוכות, אַנדערע זאָגען תהילים, און אַנדערע — פלעכטען אויס הושענות. די פרייד פון די קינדער איז גאַר אין לשער. זיי ערצעהלען צווישער דעם אַנדערען וואָס זיי האָבן אויפגעטהון בעטהון פאַר׳ן טאָג און וויפיעל ניס זיי האָבן געוואונען, און צגיסטען זיך דערביי אין פרעהליכע געלעכטערס. אויך די ווייבער האָבן היינטיגע נאַכט פיעל אַרבייט: זיי פאַרקנעטען טייג און האַקען פלייש און פיהלען אָן דערמיט קרעפּלאַך, — אַ מאכל, וועלכען אַ יוד עסט דריי מאָל יערליך, און פיהלט אין זיי טעם גן־עדן. ווי גוט זענען דייגע קרעפּלאַך, דו יוד!...

— יאָ, די קרעפּלאַך זענען גוט, אָבער נאָר מיט דער תורה, וואָס ווערד היינטיגע נאַכט געלייענט אין דעם יודענס הויז. אָבער איצטער אין אונזערע יאָהרען, ווען די קינדער זיטצען אָהן תורה, און קרעפּלאַך הייסט מען אונז עסען, וואָס פאַר אַ צורה קענען ביי אונז האָבען די קרעפּלאַך?

— גיעב אָב כבוד דער קרעפּיל! — האָט אויסגערופען דאַווידזאָהן מיט גרויס בעגייסטערונג — ווייל זי איז איינע פון די פּראַקטישע מצוות און פון די יודישע מנהגים, אין וועלכע עס איז דאָ אַ תורה אַ

עראינערונגען וועגען די לעבענס-געשעהענישען פון פאָלק, וועגען זיין פראַכט און זיין שטאָלץ. און ווען מיר זאָלען זיי ניט האָבען, וואָלטען פיעל זאכען פון דער יודישער היסטאָריע שוין לאַנג פון אונז פארגעסען געוואָרען. א גרויסער יום-טוב, למשל, ווי יציאת מצרים,—פיעל יאָהר זענען מיר געווען קנעכט צו פרעה'ן אין מצרים, און מיר זענען פון דער קנעכטשאַפט אַרויס צו פרייהייט,—ער הייסט „חג המצות!״ „זיעבען טעג זאָלסטו עסן מצות, האָט די תורה געזאָגט, כדי דו זאָלסט נעדענקען דעם טאָג פון דיין אַרויסגאַנג פון מצרים אויף דיין גאַנצען לעבען״. די טעג פון פורים הייסען טעג פון עסען און טרינקען, און ווען ניט די המנ-טאַשען און די האָניג-קיכלאַך, וואָס מיר עסען אום פורים, וואָלטען אָט די טעג פונ'ם פאָלק שוין לאַנג פארגעסען געוואָרען, און די מגלה וואָלט דאָ גאָרנישט געהאָלפען. „די דאָזיגע טעג ווערען געטהון— שטעהט דאָרט, און דעראיבער—וועלען זיי ניט פערבייגעהען פון די יודען, און זייער אָנדענקען וועט ניט אויפהערען ביי זייערע קינדער״.

— איז ווערליג איהר זאָגט, וועט זיין דער פשט פון פסוק: „אום עס זאָל זיין די תורה פון גאָט אין דיין מויל״, טאַקי, ממש, די אכילה— האָט יונתן געזאָגט, און א פרייגדליכער שמייכעל האָט בעשטראַהלט זיין שענעם פנים.

— זאָגט זיך, מיין פריינד, וואָס איהר וועט זאָגען, איך האַלט מיך ביי דאָס מייניגע, און וואָס איך האָב געזאָגט איז ריכטיג. א יודישער מנהג איז דאָס רוב א תורה, נאַציאָנאַל און זעהר שען.

— און אויך דער מנהג פון עסען אום חנוכה לאַטקעס און שפיעלען אין קאָרטען?—האָט איהם יונתן געפרעגט מיט א געלעכטער.

— אויך די לאַטקעס און די קאָרטען. ווען ניט זיי, וואָלטען פיעל ביי אונז ניט געוואוסט, וואָס איז דאָס אַזוינס חנוכה, און נאָר צוליב זייער זכות דערמאָהנען מיר אונז אָן די חשמונאים. א יוד, ער מאָג זיך אפילו האָבען געזינדיגט און אָבגעזאָגט זיך פון כלל, בלייבען איהם דאָך אָנגעגעהם פיעל יודישע מנהגים און יודישע שפייז. זיי ערוועקען אין איהם פיעל ערהויבענע געפיהלען און געדאַנקען, זיי לעבען אין איהם אָב די געשיכטע פון זיין פאָלק, און ער זעהט אין זיי דעם מקור פון זיינע אייגענע האָפענונגען. און באמת ווייזט מיר אויף טשיקאַוועס נאָך אַזעלכע פוסטע און עביג שטעהענדע דענקמעלער פון זיי. די פיראַמידען פון מצרים וועלען אונטערגעהען און בערג וועלן איינפאַלען—און די מצה און די קרעפּיל און די המנ-טאַשען מיט די חנוכה-לאַטקעס, וואָס

זענען געמאַכט פון פּייג, וועלען בלייבען שטיין און וועלען זיך ניט אויס־נעהמען פון אונזערע מיילער און פון די מיילער פון אונזערע קינדער און קינדס־קינדער ביז עביג! היינטיגע נאַכט איז ביי מיר אַ וואַך־נאַכט פון דער יוגענד אָן. איך דוכט מיר אַ גאַנצע נאַכט, איך שטעל מיר פאָר אַמאָליגע צייטען, מיין געבורטס־שטעדטיל און מיין פאָטערס־הויז; איך לייען מיר איבער קהלת און מדרש־אגדה, און האָב פון דעם פיעל פערגעניגען. און ווי אָנגענעהם איז מיר צו זיצען היינטיגע נאַכט און צו שמועסן מיט אזא טהייערען פריינד ווי איהר.

— דאווידזאָהן איז געווען פון די ערשטע, וואָס זיינען אָנגעקומען אין ראַבינער־שול ווי ער האָט זיך נאָר געעפענט. אַלע זענען זיי געווען פון די אָרעמע פאָלקס־שיכטען, ישיבה־בחורים, קינדער פון געדריקטע על־טערען, וועלכע האָבען אַריינגעקוקט אין די השכלה־ביכלאַך, און זענען נתחמץ געוואָרן. פון די רייכע און חשוב׳ע בעלי־בתים איז דאָרט איינער ניט געווען. אויף די יאָרען פון די תלמידים האָט מען דאָן ניט מקפיד געווען. אַן־עלטערער איז געזעסען אויף איין בענקיל מיט אַ יונגערען, אַלטע און יונגוואַרג אין איין קלאַס. עס זענען דאָרט געווען אויך בעווייבטע און טאַטעס פון קינדער, בחורים, חתנים און יונגע לייט, וואָס האָבען געוואָרפען זייערע ווייבער, און זענען אַנטלאָפען פון דער היים.

דאַווידזאָהנס עלטערען זענען געווען חשוב׳ע בעלי־בתים אין איינער פון די ליטווישע שטעדטליך. מיט דער צייט זענען זיי אַראָב פון מצב און געוואָרען אָרעמע לייט. אַ שלעכטע און אַ קורצע קינדהייט האָט ער געהאַט. ער האָט ניט געקאָנט זעהען די ליידען פון זיין היים געליבטען פאָטער, וועלכער האָט שוין ניט פאַרמאָגט צו געבען זיין טהייערען זוהן זיינע בעדערפעגישען און צערטלען איהם אַזוי ווי קליינערהייד. זיין קינדהייט איז פאַרבייגעלאָפען ווי אַ שאָטען, אָהן ליכטיגע טעג און פרעהליכע מינוטען. דערפאַר האָט ער פריה דערקענט דאָס לעבען פון פּראַקטיק. זיינע צרות האָבען איהם אויסגעלערנט פונאַנדערצוקלייבען זיך אין דער ווירקליכקייט, צו אורטהיילען וועגען יעדער זאַך מיט פערשטאַנד, און אַזוי איז דער שכל געוואָרען זיין וועג־ווייזער. פון דער אַנדער זייט האָבען אָבער זיינע שווערע איבערלעבענישען אין איהם ניט אָבגעטויט זיין פיהלענדיגע האַרץ, זיין נאַטירליכען טעמפּעראַמענט, זיין בעגייסטערונג פאַר פּאָעזיע. די דאָזיגע בעגייסטערונג האָט אין איהם ערוועקט אַ ליעבע צו דער פערגאַנגענהייט, און צו אַלץ, וואָס עס שטאַמט פונ׳ם יודישען קהאַל. בחורווייז האָט דוד געלערנט אין אַ ישיבה צוזאַ

האָט געשמ״ט פאַר אַפּיקורסות. אַכטצעהן יאָהר אַלט איז ער אַריין אין ראַבינער־שול, וואו ער האָט שטודירט וועלט־קענטעניש צוזאַמען מיט יודישע ידיעות. די ראַבינער־שול האָט ער געענדיגט אַלס איינער פון די בעסטע תּלמידים, און האָט באַקומען אַ לעהרער־שטעלע אין כּסלונעווקער קרוינישער יודישער יונגעל־שול. פון אָנפאַנג האָט זיך דאַווידזאָהן געפרעהט מיט זיין שטעלע, ווייל ער האָט זיך מיט דער יודישער בילדונג זעהר אינטערעסירט, און האָט גערעכענט, ווי אַלע משכּילים פון זיין דור, אַז כּדי צו פערבעסערען זייער לאַגע איז קיין אַנדער מיטעל ווי בילדונג ניטאָ. ער האָט זיך פאָרגענומען אויסצובילדען ניט בלויז די תּלמידים פון זיין שול אַליין, נאָר אַלע כּסלונעווקער יונגע לייט. דאַווידזאָהן האָט אוועקגעלאָזען די אַלטע; ער האָט פערשטאַנען, אַז ניט שטענדיג וועט זיך איהם איינגעבען אָבצולעבען די דאָזיגע פאַרטריקענטע ביינער, און אַז זיין מיה צו בילדען זיי וועט זיין אַרויסגעוואָרפען, און וועט נאָר אויפוועקען אין שטאָדט אַ רעש און אַ געפילדער. דער עיקר איז ביי איהם געווען צו פאַרשפּרייטען וויסען נאָר צווישען דער יוגענד, וועלכע וועט מיט דער צייט פערבייטען דעם אַלטען דור, און דאַמאָלסט וועלען זיי, די יונגע, איינאָרדנען דאָס לעבען אויף גאַנץ נייע יסודות. אַזוי איז מיט דער צייט געוואָרען זיין וואוינונג אַ זאַמעל־פּונקט פאַר יונגע לייט, וועלכע זיינען געקומען צו איהם שטילען זייער דאָרשט צו בילדונג. ער האָט מיט זיי געלערנט תּנ״ך און געלייענט פאַרשיידענע נוטצליכע ספרים. יונתן איז אַ ליטוואַק פון אַ יאָהר פינף־און־דרייסיג, אַ גרויסער תּלמודיסט, אַ קענער אין תּנ״ך, אַ קלוגער און אַ געלאַסענער פון דער נאַטור. אין זיין הילוך און זיינע קליידער אונטערשיידט ער זיך ניט פון אַלע פרומע יודען; ער אונטערשיידט זיך אָבער פון זיי מיט זיין גייסט און מיט זיינע געדאַנקען. ער שטרעבט דערצו, אַז די רעליגיע זאָל אויסגעלייטערט ווערען אין דעם שמעלץ־טיגעל פון דער וויסענשאַפט, אַז זי זאָל אָבגערייניגט ווערען פון די אַלע צו איהר אָנגעטשעפּעטע נאַרישקייטען און דומהייטען. צוליעב דעם פלעגט ער זיך אָפט ווענדען צו משכּילים מיט פאַרשיידענע פראַגען און פלעגט מיט זיי דיספּוטירען וועגען פיעל זאַכען, וואָס קומען ביי איהם ניט אויס ריכטיג, כּדי צו הערען, וואָס זיי וועלען איהם אויף דעם ענטפערען, און תּמיד האָט ער זיך געפרעהט, ווען זיי האָבען איהם מנצח געווען. מיט די פרומע האָט ער זיך אַזוי ניט געפיהרט. מיט זיי האָט ער ניט דיספּוטירט, זיי האָט ער קיין זאַך ניט פאַרגעהאַלטען און האָט זיך מיט זיי ניט דורכגע׳טענה׳ט, ווייל ער האָט געוואוסט.

אז זיי וועלען איהם ניט הערען, און אז ער וועט זיך נאָר שאָדען און מאַכען צום נאַרען.

בעת אין ליטע האָט אויסגעבראָכען דער הונגער, און פיעל מענשען האָבען פון דאָרטען אויסגעוואַנדערט און זענען געפאָהרען זוכען פרנסה אין וואָהלין, האָט יונתן אויך פאַרלאָזען זיין געבורטס־שטאָט און איז געקומען קיין כסלוגעווקע. ער איז דאָרט געוואָרען אַ מלמד, ווי אַלע דאַמאָלסט אָנגעפאָהרענע ליטוואַקעס. די וואָהלינער האָבען פיינד געהאַט די ליטוואַקעס ווי דעם טויט, און האָבען, ממש, געברענט זייערע טריט, און פונדעסטוועגען האָבען זיי געוואוסט צו שעטצען די ליטווישע מלמדים פאַר זייער תורה, און פלעגען צוליעב זיי מדחה זיין די אָרטיגע עם־הארצ׳ישע מלמדים. יונתן איז געווען מפורסם אין גאַנץ שטאָדט אַלס פאַר־שטענדיגער מאַן און בעריהמטער „למדן״, און מ׳האָט איהם גערופען יונתן דער ליטוואַק, אָדער ליטוואַק סתם. ער איז ניט געווען קיין דרדקי־מלמד, און האָט ניט געהאַלטען קיין חדר פון קליינע קינדער. זיינע תלמידים זענען געווען שוין היבשע, מעהר צי ווייניג זעלבסטשטענדיגע בחורים און יונגע לייטלאַך אויף קעסט, וואָס האָבען ביי איהם געלערנט עטליכע שעה אין טאָג. קווארטיר און קעסט האָט ער זיך אָנגעדונגען ביי יוכבד די אלמנה, אַ חשוב׳ע פרוי, וועלכע איז אַמאָל געווען גאַנץ רייך און האָט זעהר ברייט געלעבט, און איצטער לעבט זי מיט איהר טאָכטער דינה׳ן ניט בהרחבה׳דיג. דינה איז אַ שענע און אַ קלוגע מיידעל; אַלע, וואָס קענען איהר, ריהמען איהר זעהר און זאָגען, אַז זי איז גע־ראָטען אין דער מוטער. דאַווידזאָהן, וועלכער האָט די ערשטע צייט נאָך זיין קומען קיין כסלוגעווקע אויך געוואוינט ביי יוכבד׳ן, האָט זיך דאָרט בעקאָנט מיט יונתן, וועלכער האָט ביי איהם שטאַרק אויסגענומען מיט זיין קלוגשפאַט און אָרענטליכקייט, און זענען געוואָרען גוטע פריינד. יונתן פון זיין זייט האָט זיך אויך אָנגעקלעבט צו דאַווידזאָהנען און האָט איהם זעהר ליעב בעקומען.

די דאָזיגע צוויי פריינד, איינער אַן אָפּענער משכיל און דער צווייטער אַ פערבאָרגענער, זענען געווען די שלוחים פון דער השכלה אין כסלוגעווקע, און יעדערער אויף זיין שטייגער האָט זיך געטהון זיין אַרבייט טריי. יונתן האָט פערשפרייט צווישען דער יוגענד די ידיעה פון תנ״ך, און דאַווידזאָהן האָט איר מחנך געווען.

אַז אפרים האָט דערהערט וועגען יונתנע׳ן, אַז ער איז דער בעסטער אפילו צווישען די ליטווישע מלמדים, האָט ער איהם איינגעלאַדען צו

לערנען מיט זיין שמעון׳ען באזונדערס די למודים, וועלכע זענען נויטהיג צו וויסען א חתן, וואס האלט ביי חתונה, ווי לייענען די הפטרה מיטן ריכטיגען ניגון און מיט דקדוק, און וואס די ליטוואקעס זענען אזעלכע מומחים, כדי דער עולם אין שול זאל דאס הערען און זאל זיך וואונדערען אויף זיין זוהנס קענטעניש, און דערוויילע וועט ער, זיין פאטער, אויך האבען כבוד. שוין צוויי יאהר ווי יונתן לערנט מיט שמעון׳ען ניט בלויז קיין הפטרה, נאר אויך תנ״ך בכלל, און צווישען די למודים, וועלכע זענען נויטהיג פאר א חתן, מאכט ער איהם בעקאנט אויך מיט אנדערע נוטצליכע ידיעות. און אפרים צאהלט איהם שכר-למוד ווי דער גרעסטער גביר מיט דער פולער האנד, לאדט איהם איין צו זייז טיש אלע שבתים און יום-טובים און בעריהמט זיך מיט איהם, און שמעון מאכט גרויסע פארטשריט.

— שוין א חדש, אז איך האב אייך ניט געזעהען, מיין פריינד — האט דאווידזאהן געזאגט צו יונתנ׳ען נאך א קורצען שטילשווייגען — מיין הארץ זאגט מיר, אז די טעג האבען געגעבען א סך נייעס. ערצעהלט זשע מיר.

— אוי נייעס, אוי נייעס!

— פארוואס זיפצט איהר דאס אזוי, ר׳ יונתן? — האט איהם דאווידזאהן געפרעגט א צעשראקענער.

— אוועק איז דער שלום פון אפרים׳ס שטוב. זיי האבען דארט א פערשטערטען יום-טוב.

— וואס אזוינס איז געשעהען?

— דאס וואס ס׳האט געדארפט געשעהען און וואס ס׳וועט געשעהען — האט געענטפערט יונתן — כל זמן מ׳וועט ביי אונז ניט קענען פעראייניגען דעם גייסט פון וויסען מיט יראת-שמים און מ׳וועט געהען געגען דאס לעבען, און עלטערען מיט קינדער וועלען איינע מיט די אנדערע שטרייטען. אין אפרים׳ס שטוב איז א גאנצע איבערקערעניש. שמעון זיין זוהן, וועלכער איז געגען דעם סדר-העולם געווארען א חתן נאך קינדווייז, איז שוין איצטער, בחורוויז, מעהר קיין חתן ניט, און איז צוריק געווארען אנ׳אומפערקנס׳טער מיט מזל. ער איז מיאוס געווארען דעם מחותן, ניט דער כלה, נאר דעם מחותן, און ער האט איהם אבגע׳גט; א פסול האט ער אין איהם געפונען: ער גארט נאך בילדונג און איז נתחמץ געווארען. אפרים איז אין כעס; אין כעס איז ער אויף זיין מחותן, וואס האט איהם אנגעטהון אזא גרויסע שאנדע, און אויך אויף

שמעון׳ען, פאַרוואָס ער איז געוואָרען צולאָזען און אַראָב פון דרך הישר. שרה שרייט, שילט און וויינט. און רחל...

— וואָס איז מיט רחל׳ען? וואָס איז מיט איהר? — האָט אַ פרעג געטהון דאַווידזאָהן מיט שרעק, און איז בלייך געוואָרען.

— מיט רחל׳ען איז גאָרנישט; האָב קיין מורא ניט — האָט איהם געענטפערט יונתן, אַריינקוקענדיג זיך טיעף אין זיין פריינד —; רחל איז געזונד, אָבער אומעטיג. דער פאָטער ווייזט איהר ניט אַרויס קיין גוטע מינע, און די מוטער שאָקעלט אויף איהר מיטן קאָפּ. ס׳איז אויף איהר נגזר געוואָרען, אַז זי זאָל אויפהערען צו געהען צו יוכבד׳ן, און זאָל שוין איהר פריינדין דינה מעהר ניט בעזוכען.

— איצטער ווייס איך!...— האָט זיך אָבגערופען דאַווידזאָהן מיט אַ שטראַהלענדיגען פנים — צוליעב מיר איז אויף איהר אַרויס די גזרה. מ׳האָט זיך דערוואוסט, אַז איך מיט רחל׳ען קומען זיך אָפּט צונויף ביי יוכבד׳ן און ראָמאַנסירען. און אויב זיי האָבען דאָס דערגאַנגען און זע־נען בייז, איז דאָ אַ האָפענונג, אַז זיי וועלען בעסער ווערען.

— איהר האָט אַ טעות, מיין טהייערער, ניט צוליעב אייך, נאָר צוליעב שמעון׳ען איז אַרויס די גזרה. שמעון האָט זיך אוועקגעשטעלט און געזאָגט: איך ליעב דינה׳ן! אפרים׳ען מיט שרה׳ן האָט דאָס שטאַרק פערדראָסען, וואָרום ווי קומט דינה צו ווערען אפרים׳ס אַ שנור, וויבאַלד אַז זי איז אַנ׳אָרעמע יתומה. חוץ דעם איז דאָ עפּיס פאַרהאַן אַנ׳אַלטער פאַמיליען־ברוגז. ביי אפרים׳ען אין שטוב איז מען איצטער צאָרענדיג און אומעטיג און צעטראָגען, און איך האָב דערפון קנאַפּ נחת. יאָ, מחשבות׳ן! גוט וואָס איך האָב מיך דערמאָהנט! — האָט יונתן אַ זאָג גע־טהון — מ׳האָט מיך געשיקט בעטען דיר, אַז דו זאָלסט קומען צו יוכבד׳ן שמחת־תורה; דאָרט וועלען זיין געסט, און רחל אויך.

— אין וועמעס נאָמען לאַדסטו מיך איין?

— אין דינה׳ס נאָמען און אינ׳ם נאָמען פון... פון... — האָט יונתן געענטפערט פריהער שטאַמלענדיג, און דערנאָך מיט מעהר דרייסט — יאָ, זאָל זיין אַזוי, אויך פון איהר נאָמען... דו פערשטעהסט?

— איך פערשטעה, איך פערשטעה — האָט זיך דאַווידזאָהן אָבגע־רופען מיט גרויס פרייד — איך הער, און וועל דאָס טהון. אָבער ווי וועט זי קומען נאָכדעם, ווי עס איז אויף איהר אַרויס די גזרה?...

— די גזרה איז אויף איהר צו שווער, און זי וועט איהר ניט קע־נען אויסהאַלטען.

— דאָס איז ביי מיר אַ סימן, אַז זי האָט מיך שטאַרק ליעב, און איך בין זיכער...—האָט דאַווידזאָהן געזאָגט נאָך פרעהליכער—וואָס פייניגט איהר מיך, מיין פריינד, מיט אייער שווייגען? רעדט!

— און ווען איך וועל שוין זאָגען, אַז אַזוי ווי דו זאָגסט, אַזוי איז דאָס באמת, וועלען אייך דען מיינע רייד עפּיס העלפען?—האָט איהם יונתן געענטפערט אין אַ ביטערען טאָן—צי ווייסט איהר דען ניט, אַז דער ווילען פון אַ טאָכטער האָט ביי יודען קיין שום ווערטה ניט?—אַז איהר ליעבע און איהר שנאה זענען גאָרנישט? און די ליעבעס-געפיהלען זענען בכלל אַ גרויסער פערברעכען. ווי שעפּסען צום קוילענען אַזוי ווערען ביי אונז געפיהרט די בליהענדע מיידלאַך אונטער דער חופה מיט בחורים גאָרנישטען און אומוויסענדע, גאָר ניט אָנפרע-גענדיג זיך אַפילו ביי זיי. פרעגט אויף טשיקאַוועס אַ יודען: וואָס איז ליעבע? וועט ער אייך זאָגען: אַז ס'איז אַ מצוה האָלט צו האָבען גאָט, און האָלט צו האָבען דעם אַנדערען ווי זיך אַליין, ווי אין פסוק שטעהט, אָבער אַז אַ בחור זאָל ליעב האָבען אַ מיידעל, און אַ מיידעל—אַ בחור, דאָס ווייסט ער ניט. אַזאַ ליעבע בעטראַכטען זיי פאַר אַ חרפה און אַ שאַנד, און געהט רעדט וועגען איהר, וועלען אייך לייט אויסלאַכען. צי איהר ווייסט ניט, אַז רחל'ס פאָטער איז איינער פון די, וואָס בע-געהען זיך מיט זייערע קינדער לויט זייער פערלאַנג און פערקויפען זיי פאַר געלד און פאַר יחוס? און איהר האָט דאָך ניט קיין געלד און ניט קיין יחוס, און אויסער דעם איז נאָך אייער בילדונג אויך פערהאַסט ביי אַזאַ מענשען ווי אפרים, און איז ביי איהם אַ חסרון. טאָ אין וואָס איז אייער קראַפט און אויף וואָס האָפט איהר דאָס, אַז ער זאָל זיך וועלען מיט אייך מתחתן זיין?

— איהר רעדט אפילו גאַנץ ריכטיג, מיין פריינד—האָט דאַוויד-זאָהן געזאָגט—אָבער וואָס די צייט מאַכט, דאָס מאַכט ניט דער שכל, און די צייט ענדערט זיך דאָך, און ווערט פאַר אונז אַלץ בעסער און בע-סער. די פעהלערען פון דעם אַלטען דור וועט פעררריכטען דער היינ-טיגער, נייער דור.

— אמן!—האָט געענטפערט יונתן, אויפהויבענדיג זיך פון אָרט,— איך האָב מיין שליחות ערפילט. זייט געזונד!

—געהט געזונד!—האָט דוד געזאָגט באַגלייטענדיג יונתנ'ן צום טיהר—; שמחת-תורה וועל איך קומען צו יוכבדי'ן און דאָרט וועלען מיר רעדען.

— און איהר געדענקט און פערגעסט ניט, אז נאר אין דיבוק־נאמען האב איך אייך איינגעלאדען, — אזוי האט געזאגט יונתן און צו אַרויס פון שטוב.

ד.

יונגע משכילימלאך.

הושענא רבה איז געוועהן זעהר א שענער טאג. די זון האט געשיינט אין איהר פולסטען גלאנץ, האט אויסגעזעהן איהר ליכט איבער דער שטאדט און בעגולט מיט איהרע שטראהלען די קופאלען פון די קלויסטערס. מ׳זעהט פיעל יודען אין די גאסען: די געהען זיך טובל׳ען אין מקוה, און יענע געהען שוין פון מקוה און זייערע פאות רינען, אנדערע געהען יום־טובדיג פארפוצט אין שול אריין, טראגענדיג אין האנד דעם שענעם אתרוג מיטן גרינעם לולב; זיי פאראויס געהען קליינע יונגלאך מיט הושענות, און אלע לויפען און איילען זיך. א יודענע, בעוואפענט מיט אלע מכשירין, לויפט אליין אין גרויס איילעניש אהין. איהרע אויגען זיינען שוין פייכט באלד ווי זי גייט ארויס פון שטוב, און ווי זי טרעט ארויף אויפ׳ן שוועל פון שול, עפענען זיך תיכף אויף די קוואלען פון איהרע אויגען, און זי וויינט זיך פונאנדער פאר גאט, דער האר פון גנאד און פון רחמים, וועלכער פערנעהמט די בכיות און די זיפצן פון די צעבראכענע הערצער און ענטפערט די יודישע טעכטער, וואס רופען צו איהם.

די פרוי, וואס געהט דארט, האט א גאנצע נאכט מיט אן אויג ניט צוגעטהון פון פיעל ארבייט. פריהער פאר אלץ איז זי צוגעגאנגען צום שטייג, האט ארויסגענומען פון דארט א פאר העהנער און אוועקגעשיקט זיי דורך א מענשען צום שוחט. דערוויילע וואס ווען איז זי אריין אין קיך און האט איינגעהייצט דעם אויווען, און איז ארויסגעגאנגען. מ׳האט איהר געבראכט די העהנער, האט זי זיך תיכף אוועקגעזעטצט און האט זיי אבגעפליקט, כשר געמאכט און אויסגעזאלצען, און איז ווידער ארויסגעגאנגען. נאכדעם איז זי א צווייטען מאל אריינגעשפרונגען אין קיך מיט א פאן אין איין האנד און מיט א סקאווראדע אין דער צווייטער האנד, האט פארקנאטען טייג און האט געמאכט קרעפלאך. די קינדער האבען דערשמעקט דעם ריח פון די שפייז, וועלכער האט ארויסגעשפארט פון

אריוועז, האָבען זיי זיך פונאַנדערגעשריען, אַז זיי זענען הונגעריג. גיך האָט זי געכאַפּט און איינגעשטילט זייער הונגער; איז צוגעגאַנגען צו אַ וויינענדיגען קליין קינד אין וויגעלע און האָט אים אָנגעזויגען. דערנאָך האָט זי די קליינע קינדער געלעגט אויף זייערע ערטער און האָט זיי פאַרשלעפּערט. האָט אָנגעגרייט אויף מאָרגען ליילאַכער און ווייסע ציכלאַך אויף די בעטגעוואַנט, אַ העמד און גאַטקעס פאַרן מאַן, העמדער און קליידעלאַך פאַר די קינדער, און פאַר זיך אַליין אַ נייעם טשעפּיק. און ווידער אַריינגעלאָפען אין קיך און האָט אָבגעקאָכט דעם מאָרגעדיגען מיטאָג כסדר: פיש, יויך מיט פלייש און צימעס. ווי עס איז נאָר טאָג געוואָרען האָט זי זיך באַלד איינגעוואַשען, האָט זיך אָנגעטהון, האָט גענומען אין האַנד דעם קרבן-מנחה מיט דער תחינה מיט אַ סך הושענות פאַר זיך און פאַר איהרע מיידלאַך און פאַר דעם וויג-קינד און איז אַוועקגעלאָפען אין שול אַריין מיט פייכטע אויגען. דאָרט וועט זי זיך גוט אויסוויינען און ווידער צוריקקעהרען צו איהר אַרבייט: קאָכען און באַקען, אָנזויגען דאָס קינד, זיין אַ מוטער צו די קינדער, אויסהאַלטען זיי מיט גרויס ליעבשאַפט, און ממלא זיין אויך דעם רצון פון איר מאַן!...

אין דעם הושענא-רבה-טאָג איז דאַווידזאָהן געווען באַזונדערס אויפגעלעגט און מונטער. אַ גאַנצער שטראָם מיט פרייד און מיט לעבענסלוסט האָט זיך אין איהם אַריינגעגאָסען. ער האָט ניט געקענט איינזיצען אין שטוב, און איז אַרויס אויפ'ן גאַס. ער האָט זיך זעהר געפרעהט, וואָס ער איז איינגעלאַדען צו דינה'ן, וואו ער וועט זיך זעהען מיט רחל'ן. ער איז ביי זיך געווען גאַנץ זיכער, אַז דאָס, וואָס ער איז פאַרבעטען צו דינה'ן, וואַקסט דאָס אַלץ פון איהר, פון רחל'ען. צוליעב איהם געהאָרכט זי ניט דעם פאָטער. זי האָט דאָס באַזאָרגט דעם אָווענד און האָט איינגעלאַדען די געסט, און אַלץ נאָר צוליעב איהם! דערצו נאָך די היילינקייט און די רוהיגקייט פון הושענא-רבה מיט'ן גוטען מיטאָג, און אַזאַ שענער טאָג, ממש אַ פריהלינגס-טאָג, אַ זוניגער און אַ וואַרימער.

דאַווידזאָהן איז אַרויס אונטערען שטאָדט, האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער די פעלדער, אַרויף אויף די נאָך בעגרינטע בערגלאַך און אַראָבגעלאָזען זיך פון דאָרטען אין די טהאָלען. איהם האָט אויסגעוויזען, אַז די גאַנצע נאַטור פרעהט זיך היינט מיט זיין פרייד. עס לאַכט מיט איהם דאָס פעלד, די פייגעלאַך זינגען איהם אַ ליעד פון ליעבע, אַ שמעטערלינג קומט שפּרינגענדיג אַרויס פון גראָז און שטעלט אויף איהם אויס אַ פּאָר אויגען, אַ פליג קומט צו פליהען און זומט איהם אַריין זיין סוד

אין אויער, די בערג געריסען איהם פון דערווייטענס, און די סאזשעלקע דאָרט אין טהאָל שעפטשעט איהם צו דורך איהרע וועלען: טהו אויס דיינע שיך, וואַרף אַראָב פון זיך דיינע קליידער, און קום צו מיר! דאַווידזאָהן איז אַראָב און האָט זיך אויסגעבאָדען און איז צוריק אַרויס, ערשט דער וואַלד בוקט זיך צו איהם פון ווייטען, שפרייט אויס צו איהם זיינע הענד און רופט: קום, רוה דיך אויס אין מיין שאָטען!

אין וואַלד טומעלט זיך. עס הערט זיך ווי מענשען רעדען און דיספוטירען, אויך פרעהליכע שטימען. ס'האָט זיך צונויפגעקליבען די יונגוואַרג, גאַנצע קאָמפאַניעס יודישע בחורים־לאַך און משכילים־לאַך אָפענע און באַהאַלטענע: תלמידים פון די קלויזען און בתי־מדרשים, די וואָס לערנען זיך פערגנב׳עטערהייד חכמות חיצוניות אויף די בוידי־מער און אין די קעלערס. דערזעהענדיג דאַווידזאָהנען, האָבען זיי זיך מיט איהם זעהר דערפרעהט.

— וואָס טומעלט איהר אַזוי, פריינד? — האָט דאַווידזאָהן געפרעגט די יונגע לייט, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט, און זיין פנים האָט דערביי געלויכטען —; מ'הערט דאָך אייערע געשרייען פון ווייטען, און אַלע וואַלד־פייגלאַך זענען זיך צולאָפען איבער אייערע קולות.

— מיר דיספוטירען וועגען דער ליטעראַטור — האָט געענטפערט דער עלטערער פון דער קאָמפאַניע —; ס'איז ביי אונז דערוועקט געוואָרען די פראַגע: די שענע ליטעראַטור און די פאָלקס־ענטוויקלונג, ווער פון זיי ביידעןווירקט אויף דער אַנדערער? און ס'האָבען זיך ביי אונז צעטיילט די דעות, די זאָגען אַזוי, און די אַזוי. און איך זאָג, אַז זיי זענען אָנגעהאַנגען איינע אָן דער צווייטער, און זיי ווירקען איינע אויף דער אַנדערער. די ליטעראַטור, וואָס איהר מקור איז דאָס פאָלקס־לע־בען, איז משפיע צוריק אויפ׳ן פאָלק און איז גורם צו זיין ענטוויקלונג.

— און אונזער העברעאישע ליטעראַטור — האָט זיך אָבגערופען אַ צווייטער —, וועלכע האָט צום פאָלק קיין שייכות ניט און ווערט ניט בעאיינפלוסט פון זיין לעבען, קען דעריבער אויף איהם ניט האָבען קיין ווירקונג, און איז ממילא אַ גאַנץ איבעריגע זאַך.

— און איך מיין נאָך עפּיס — האָט געזאָגט אַ דריטער —; ניט בלויז די שענע ליטעראַטור, נאָר אפילו וויסענשאַפטליכע ספרים אין העברעאיש זענען אויך איבעריג; צו וואָס דאַרף מען זיי, און צו וואָס דאַרף מען העברעאיש? די משכילים, וואָס האָבען אַ פאַרלאַנג צו וויסענ־שאַפט, לייענען דאָך ביכער אין אַנדערע שפּראַכען, און די מאַסע איז

אַ פאַנאַטישע און אַ פינסטערע און האָט יעדע וויסענשאַפט פיינט ווי דעם טויט.

— ס'איז ניט ריכטיג—האָט זיך אָבגערופען דאַווידזאָהן—אמת טאַקי, אַז פאַר יעדען געבילדעטען מענשען זענען אָפען די ביכער פון די אַנדערע פעלקער, פונדעסטוועגען וואָלט איהם אָנגענעהם געוועזן, אויב ער האָט נאָר אַ יודיש האַרץ, צו לייענען וויסענשאַפטליכע זאַכען אין העברעאיש, די עביגע שפּראַך פון אונזער פאָלק, דער אוצר פון די יודישע קאָסטבאַרקייטען, די שפּראַך, וואָס מאַכט אונז, נאָך דעם חורבן פון לאַנד ישראל, צו אַ פאָלק, צו אַ ביכער-פאָלק. פון אַלע אונזערע פערצייטיגע גייסטיגע אוצרות איז אונז פערבליבען בירושה נאָר די העברעאישע שפּראַך. עפּיס ווי גאָט וואָלט זי לכתחלה איבערגעלאָזען כדי אָבצולעבען נאָכהער דורך איהר דעם גייסט פון אונזער פאָלק און צו ערוועקען אין איהם דעם חשק צו בילדונג. דורך העברעאיש ווערט תמיד געעפענט די טיהר צו דער יידישער בילדונג. דורך איהר באַקומען זיי אַ דורשט צו וויסענשאַפט און צו וועלט-קענטעניסען. דורך איהר האָט זיך אָנגעפאַנגען די בילדונג ביי די יודען אין די מערב-לענדער; גאָר צום ערשטען איז זי געוועזן ווי אַ לייכטענדער שטערען אין די הענד פון משה מענדעלסאָן דורך זיין ביאור צום תנ"ך, דורך די זאַמעל-ביכער מאספים און בכורי-עתים. נאָך דעם זענען אויפגעשטאַנען נאָך געבילדעטע לייט, וועלכע האָבען אָבגעפרישט דעם יודישען גייסט, וועלכע האָבען פאַרשפּרייט אונטער דעם פאָלק פערשיידענע וויסענשאַפטען און בעקאַנט געמאַכט איהם מיט די שפּראַכען פון די פרעמדע פעלקער. אויך צווישען די הונדערטער טויזענדער יודען ביי אונז אין לאַנד וועט נאָר דורך העברעאיש ערוועקט ווערען דער חשק צו בילדונג. זי וועט זיי עפענען די אויגען און אָנווייזען די יונגע מיט די אַלטע דעם ריכטיגען וועג, וועלכען זיי האָבען צו געהען אַלס מענשען. דאָס איז קלאָר פאַר יעדערען, וועלכער איז בעקאַנט מיט דעם גייסט פון אונזער פאָלק, און פיעל מאָל האָבען מיר עס שוין געהערט פון פערשיידענע שרייבער און משכילים. און דעריבער טאַקי טהוט וועה דאָס האַרץ זעהענדיג, אַז אפילו צווישען די, וואָס אינטערעסירען זיך מיט דער בילדונג פון אונזער פאָלק, זענען נאָך דערווייל דאָ גאַנץ וועניג אַזעלכע, וואָס זאָלען זיך דערוועקען צו שטיצען העברעאיש און מאַכען איהר פאַר אַ פערמיטלער צווישען זיך און דעם פאָלק. ליידער זענען נאָך דאָ גאַנץ וועניג אפילו צווישען די, וועלכע זאָרגען פאַר יודען

און פאר זייער בילדונג, אַזוינע, וואָס זאָלען שטיצען יודישע שריפטשטעלער און מחברים, כּדי זיי זאָלען קענען נוטצען דעם פאָלק. דעריבער געהט ביי אונז צו מיט דער יודישער בילדונג גאַנץ שוואַך, דעריבער שטעהען ביי אונז אַייזערנע ווענד צווישען משכּילים און משכּילים און צווישען די משכּילים מיט די פרומע און מיט דער גאַנצער יודישער מאַסע, און געגנעהענטערען זיך ניט איינער צום אַנדערען. כּל־זמן מיר האָבען נאָך אונזער שפּראַך און איהר ליטעראַטור, וועלען מיר יודען ניט אויפהערען צו זיין קיין פאָלק... און דאָס וואָס איהר זאָגט, אַז די מאַסען זענען אומוויסענד, פאַנאַטיקער און שונאים פון בילדונג, האָט איהר אין דעם אויך אַ טעות. נאָך מיין מיינונג ליגט די סבּה פון דעם, וואָס דאָס פאָלק איז אומוויסענד, ניט אין זיין נשמה און אין זיין גייסט, נאָר אויסער זיי.

— זייט אַזוי גוט און ערקלערט אונז, וואָס איהר ווילט דערמיט זאָגען.

— איך בין ניט מסופּק—האָט געזאָגט דאַווידזאָהן—אַז דאָס פאָלק, וואָס לויט אייערע רעד איז ער פאַנאַטיש און אַ שונא פון יעדער נייאיגקייט, איז פון דער נאַטור גאָר ניט ווייט פון בילדונג; די בילדונג איז אָבער ווייט פון איהם. און ווען די שריפטשטעלער וואָלטען נאָר געוואָלט געהען פאַר׳ן פאָלק און לייכטען איהם פאָראויס זיין וועג, וואָלטען זיך שוין לאַנג די פינסטערע וואָלקענס צעשפּרייט, און אין דער יודישער גאַס וואָלט ליכטיג און העל געוואָרען. גיט דעם פאָלק נוטצליכע ספרים, ערקלערט איהם וואָס עס איז גוט פאַר׳ן מענשליכען לעבען, וועט ער זיך דאַמאָלסט אויפכאַפּען פון זיין שלאָף, וועט זיך אָבטרייסלען פון זיינע נאַרישע געדאַנקען און פינסטערע חלומות.

— ערלויבט מיר נאָר אייך צו פרעגען—האָט זיך אָבגערופען אַ יונגער בחור׳ל, וואָס לויט זיין געזיכט און זיינע פלאַמענדיגע אויגען האָט אויסגעוויזען, אַז ער איז געשטימט פּאָעטיש—; פון אַייערע ווערטער נעהם איך אַרויס, אַז פאַר׳ן פאָלק דאַרף מען שרייבען נאָר וויסענשאַפטליכע ביכער, און וואָס וועלען מיר טהון מיט דער פּאָעזיע, מיט יענער גאָטס־טאָכטער, וועלכע פערנעהמט אין אַלע ליטעראַטורען דעם גרעסטען פּלאַטץ?

— ריכטיג—האָט איהם דאַווידזאָהן געענטפערט—; גרויס און ערהויבען איז די פּאָעזיע, אויב זי איז נאָר באמת „ג אָ ט ס ־ ט אָ כ ט ע ר״, אַ טאָכטער פון דער נאַטור און פון לעבען, און איז בעלעבט דורך דער

נשמה פון אַ גרויסען געדאַנקען. אין דער אכתי־קר פּאָעזיע דאַרף זיך אויסגיעסען די שענקייט פון דער שעפּפונג און נאָר אין דעם בעשטעהט איהר בעדייטונג. אַ שיר, וואָס איז בלויז צונויפגעשטו־קעוועט פון פסוקים און פון מליצות, און זאָגט גאָרנישט צום האַרצען, צום געפיהל, איז קיין שיר ניט. ליידער געפינען זיך ביי אונז פוסטע מליצים, וואָס קענען ניט די נאַטור און ניט דאָס לעבען פון אונזער פאָלק, און זיי זענען דאָס אונזערע משוררים! אָבער — שאַ! — האָט דאַ־ווידזאָהן איבערגעריסען זיין שמועס — איך הער עפּיס ווי אַ ניגון, און ווי עפּיס אַ ניגון פון גמרא.

אונטער אַ בוים זענען געזעסען יונגע משכילים־לאַך, ישיבה־בחורים. איינער פון זיי האָט געלייענט פון אַ ספר מיט אַ ניגון, האָט זיך דערביי געשאָקעלט און געדרעהט מיט׳ן גראָבען פינגער, ווי דער שטייגער פון די, וואָס לערנען גמרא. זיינע חברים האָבען זיך צוגעהערט, און אַלע זענען געווען בעגייסטערט, און זייערע פּנים׳ער האָבען אַזש געפלאַמט, און ווייל זיי זענען געווען פערטיעפט אין זייער לערנען, האָבען זיי אָנ־פאַנגס דאַווידזאָהנען ניט בעמערקט. דערזעהענדיג איהם איצטער צוגע־העגדיג צו זיי, האָבען זיי זיך אַ כאַפּ געטהון פון זייערע ערטער, און האָבען איהם געמאַכט צווישען זיך אָנ׳אָרט.

— איך וויל אייך ניט שטערען פון לערנען, — האָט צו זיי דאַווידזאָהן געזאָגט.

— מיר האַלטען ניט ביי׳ם לערנען; מיר לייענען „משה׳ס שליחות“ פון שילער, — האָבען איהם די בחורים געענטפערט, רעכענענדיג, אַז זיי וועלען ביי איהם מיט דעם נושא חן זיין.

— זיינע רעד זענען ממש האָניג — האָט געזאָגט דער בחור, וואָס האָט פאָרגעלייענט פאַר זיינע חברים —; ער מאַכט, פּשוט, בלינד־זעהענדיג.

— איצטער זעהען מיר ערשט — האָט זיך אָבגערופען אַ צווייטער בחור — ווי ווייט געגאַרט מיר זענען געווען; איצטער ווייסען מיר, אַז אַלע פון די נביאים ביז די כהנים זענען אַלע געווען איינפאַכע רמאים.

— איך מוז אייך זאָגען דעם אמת — האָט זיי דאַווידזאָהן אויף דעם בעמערקט — אַז מיר שיינט דאָס גאַנץ ווילד צו זעהען, ווי איהר פרעהט אייך ווען מ׳חוזקט אָב פון אונזערע אבות, די גרעסטע מענשען פון אונזער פאָלק און זיין שטאָלץ. מ׳לאַכט אָב פון אונזער מוטער שרה, פון יעקב אבינו, וועלכער האָט אָבגענאַרט זיין ברודער עשו און זיין

פעטער לבן הארמי, מ׳זאָגט אויף משה רבינו, אַז ער איז אַ ליגנער, אַז די תורה איז דאָס ניט זיין תורה, און נאָך און נאָך אַזעלכע ליגענס, און איהר נעמט זיך צו די דאָזיגע זידלערייען מיט גרויס פרייד. און איך פערשטעה ניט: וואָס איז דאָס מיט אייך אַזוי די שמחה? אַ פאָלק, וואָס מ׳זאָגט איהם: דיין פאָטער איז אַ רמאי און דיין מוטער איז אַ זונה, דיינע גרעסטע לייט זענען שפל׳ע בריות, דיינע חכמים זענען גאָרנישטען און וואָס זיי רעדען און וואָס זיי טהוען איז לויטער נאַרישקייט, אויך דיינע נביאים זענען פינסטער און אומוויסענד, און בכלל האָסטו ניט קיין רעכטע דענקער, פאָליטיקער, שריפטשטעלער און דיכטער. אַזאַ פאָלק דאַרף זיך פרעהען? איהם דאַרף דאָך, פערקעהרט, וועה טהון דאָס האַרץ פאַר בושה, און בפרט אַזאַ עביגע פאָלק ווי מיר זענען, אַזאַ גרויסע פאָלק, וואָס האָט בעלויכטען די וועלט מיט זיין תורה, אַ תורה פון מענשען־ליעבע, פון רחמים און פון די שענסטע מדות. און ווען עס קומען צוגעהען קריטיקער פון די אַנדערע אומות און מאַכען אייער פאָלק צו שפּאָט און צו שאַנד און שפייען איהם אָן אין פנים, איז דאָס ביי אייך אַ שמחה?! דאָס איז דאָך אַ מדה פון קנעכט, פון שפל׳ע בע־שעפענישען, וואָס האָבען ניט ביי זיך קיין שום פונק פון עהרען־געפיהל, און צו מיין גרויסען בעדויערען מוז איך זאָגען, אַז די מדה האָבען אונזערע יודען, און בעזונדערס יענע וואויל־לערנער, וועלכע זענען אי־בער אַ נאַכט געוואָרען משכילים. נעהמט ניט פאַר אומגוט, ברידער! — אַזוי האָט פערענדיגט דאַווידזאָהן, און האָט זיך געווענדעט צו אַנדערע יונגע לייט.

— מיר קענען בשום אופן ניט פאַרשטעהען דעם פשט פונ׳ם פסוק „אוֹ נָשִׁישׁ שֵׁבֶט בְּנִי מוֹאֶסֶת כָּל עֵץ״ — האָבען זיך אָבגערופ׳ען די יונגע לייט צו דאַווידזאָהנען — שוין וויפיעל יאָהר, אַז חכמים אַמפּערען זיך וועגען דעם אין „מגיד״, און קיין ריכטיגען פירוש איז נאָך אויפ׳ן פסוק דערוויילע ניטאָ. זייט אַזוי גוט און פערטייטשט איהר אונז דעם פסוק.

דאַווידזאָהן האָט ממלא געווען זייער בקשה און האָט זיי דערקלערט דעם פשט פון פסוק, זאָגענדיג דערנאָך מיט אַ שמייכעל:

— שוין וויפיעל יאָהר, זאָגט איהר, אַמפּערען זיך אונזערע חכמים אויף דעם פסוק און קענען ניט אויסגעפינען זיין ריכטיגען טייטש. וואַרט נאָך אַ יאָהר, נאָך צוויי יאָהר, נאָך צעהן יאָהר, און וואָס שפּאַרט דאָס אייך אַזוי צו וויסען דעם פשט דוקא היינט אין אַזאַ פיינעם יום־טוב־די־

צען טאָג און אָט אין דעם וואונדער-שענעם וואַלד, עפּיס ווי איהר מוחס דאָס האָבּען גראָד אין דער מינוט, און מ'קען דאָס אויף מאָרגען ניט אָבּלעגען. אָט געהס, מיינע פריינד, שפּאַצירט אייך, זאַפּט אייך אָן מיט דער זיסקייט פון דער נאַטור, און זייט לוסטיג כל זמן איהר זייט יונג!...

די בּחורים איז דער פּלאַן געפעלען געוואָרען, זיי האָבּען זיך אוועקגעלאָזען אַלע שפּאַצירן איבּער'ן וואַלד, און דאַווידזאָהן איך מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע.

ה.

דער יום-טוב מיט זיין שענער לופט האָט אַ ביסעל אפרים'ען בּערוהיגט, און ער איז אויפגעלעגטער און פרעהליכער געוואָרען. האָט אָנגעהויבּען ווערען פריינדליכער צו דער פאַמי'יע און רעדען ווייכער מיט יעדערען בּכלל. הושענא-רבּה איז צו איהם געקומען דער שמש פון שול גוט-יום-טוב בּיטען, זאָט איהם אָבּגעבּראַכט זיין לולב מיט'ן אתרוג אין דער זילבּערנער פושקע און דערבּיי געוואונשען איהם און זיין הויזגעזינד אַ פרעהליכען און אַ געזונדען יאָהר, געבּענשט איהם צו דערלעבּען האָבּען איבּער אַ יאָהר אויך אַזאַ שענעם און כשר'ן אתרוג. אפרים האָט איהם פריינדליך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, האָט איהם אַריינגעבּעטען אין דער שענער און פערפּוצטער סוכּה און מכבּד געווען איהם מיט אַ גלעזעל וויין און פאַרבּייסענס. דערצו האָט ער נאָך איהם אַריינגערוקט אין האַנד אַ מטבּע. שרה האָט מזכּה געווען דעם שמש מיט אַ מצוה אָוועקצוטראָגען דעם אתרוג צו איהרער אַ בּעקאַנטער מעוברת'ע פרוי, און געבּען איהר אָבּבּייסען דעם פּיטום. דער שמש האָט געמאַכט דערווייל עטליכע שנעפּסלאַך און צוגעבּיסען מיט אַ שטיקעל פיש און אַ פּאָר געפילאַכצלאַך, און איז גאַנץ פרעהליך געוואָרען. בּגלופין'דיג האָט ער זיך פונאַנדערגערעדט וועגען דער וועלט, און דערבּיי תּמ'עוואַטע און משונהווילד אונטערגעלאַכט.

איבּער דער שטאָדט איז אויסגעגאָסען אַ יום-טוב-פרעהליכקייט, דער עולם געהט שפּאַצירען איבּער די גאַסען. אפרים מיט שרה'ן זיטצען בּיי דער טיהר פון זייער וואוינונג און שמועסען.

— זאָל מיך גאָט שטראָפען, אויב איך פערשטעה די דרכים פון אונזער בּחור! — האָט געזאָגט אפרים שמייכלענדיג — ער איז לעבּע

מיר היינט געזעסען אין שול און האָט געדאַווענט פון אָפּענעם מחזור, און איך קוק און פרעה מיך. בעת מ׳האָט אָנגעהויבען צו זאָגען „קול מבשר" האָט דער גאַנצער עולם געשלאָגען הושענות איטליכער אויף זיין שטענדער, און אונזער בחור — ניט פון אָרט, און זיין הושענא איז געבליבען אַ גאַנצע, ניט קיין געשלאָגענע.

— און מיין הושענא און רחל׳ס, וואָס איך האָב אייך געגעבען? — האָט געפרעגט שרה מיט האַרץ־קלאַפּעניש.

— געשלאָגען! געשלאָגען! — האָט אפרים בערוהיגט זיין פרוי — איך מיט מיינע הענד האָב זיי געשלאָגען, און אונזער בחור האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. שמעון — האָב איך צו איהם געזאָגט — נאָ דיר די הושענא און שלאָג אויפ׳ן שטענדער! וואָס איז דער שטענדער שולדיג איך זאָל איהם שלאָגען? — האָט ער מיר געענטפערט — צי אָט דאָס איז די כפרה פונ׳ם פאָלק ישראל, און אַז מיר וועלען שוין דאָס שלאָגען, ווערען מיר שוין ריין פון אונזערע זינד? — שלאָג! — האָב איך מיך אויף איהם אָנגעבייזערט שטיל אונטער מיין טלית, דער עולם זאָל ניט הע־רען. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און גענומען שלאָגען די הושענא מיט אַזאַ כוח און מיט אַזאַ גרויסען כעס, ביז עס זענען צושאָטען געוואָרען אַלע בלעטער, און דער שטענדער האָט זיך בעת מעשה געטרייסעלט און אומגעפאַלען, באופן, אַז אַלע מתפללים האָבען זיך אויף איהם פערקוקט. כדי מאַכען דאָס צו קליינגעלד האָב איך מיך פונאַנדערגע־לאַכט, און נאָך מיר האָבען שוין אַלע געלאַכט. און באמת איז דאָך נאָך יענע ווערטער, וואָס ער האָט מיר אָט דאָ ניט לאַנג געהאַט די העזה צו זאָגען, די גאַנצע מעשה מיט דער הושענא אפילו קיין שמעק טאַבאַק ניט ווערטה, אַזוי ווי די מעשה מיט דעם ווייסען האָהן צו כפרות, וועל־כען ער האָט אָבגעשוואַרצט.

— דו דערמאָהנסט מיר ווייטער די מעשה מיט׳ן האָהן! — האָט שרה געזאָגט צום מאַן מיט פערדרוס — טאָמער האָט זיך דער האָהן אַוועקגעשטעלט אויף דער מולטער מיט די יאַגדעס און איז שוואַרץ גע־וואָרען, זאָגט מען שוין: שמעון האָט איהם אָפּגעשוואַרצט! און וואָס וועסטו עפּיס נאָך אויף איהם אויסטראַכטען? דו קוקסט אויף מיר און לאַסט, און איך ווייס ניט, וואָס לאַכט זיך דאָס דיר היינט.

— און ווי זאָל איך דאָס ניט לאַכען? דער קליינער זאָגט: „איך האָב האָלט דינה׳ן". דו הערסט? ער, אונזער בחור, האָט האָלט! און וועמען? דינה׳ן!... ווי געפעהלט דיר די נייעס? נאָ דיר גאָר ליעבע ביי־

אונז ידען! ליעבע צו ווייבער, מחילה, ס׳איז גאָר אַ חרפה דאָס פון מויל אַרויסצורעדען. טפו, טפו, טפו! איהם איז נאָך ווייניג, וואָס ער בעשמוצט זיין מויל און זאָגט: איך האָב האָלט! האָט ער זיך נאָך אויך ניט געשעמט צו זאָגען: איך האָב ליעב דינה׳ן? דו הערסט? דינה׳ן האָט ער ליעב... און אפשר ווייסטו, וואָס אַזוינס האָט ער דאָס אויסגעפונען אין דינה׳ן? דינה איז אַ מיידעל ווי אַלע מיידלאַך, און ווער פון יודישע קינדער קוקט דאָס גאָר אויף אַ מיידעל?... אָבער וואָס זאָל איך זאָגען און וואָס זאָל איך רעדען? מיר אַרט אָבער ניט, וואָס ער האָט אין איהר געפונען. איך זאָל מיך מתחתן זיין מיט יוכבד׳ן און מיט איהר טאָכטער דינה׳ן — דאָס קען איך ניט. געדענק, וויפיעל צרות כ׳האָב געהאַט דורך זיי און דורך אלקנה דעם אפיקורס און מיין שונא, יוכבד׳ס ברודער. איצט זענען מיר שוין מיינע אויגען אָפען און איך פערשטעה, פון וואַנען דער שלעכטער גייסט האָט זיך דאָס גענומען צו אונזער שמעון׳ען... מיר דאַרפען אונזערע קינדער דערווייטערען פון יוכבד׳ס הויז. זיי זאָלען אַהין ניט געהען? זאָג נאָר, שרה, דו ביסט מקיים מיין בעפעהל און לאָזט רחלען ניט געהען צו דינה׳ן?

— אָהן דיין בעפעהל געהט זי אויך אַהין ניט. אַ אומעטיגע און אַ פערטרויערטע זיטצט זי גאַנצענע טעג אַליין, און וויל ניט אַרויס אויפ׳ן גאַס, — האָט געענטפערט שרה מיט אַ זיפץ.

— איז ניט אַ געלעכטער דיין זיפצען? — האָט אפרים געפרובט טרייסטען זיין פרוי. זי האָט איהם אָבער איבערגעהאַקט די רעד און געזאָגט:

— פון וואַנען נעהמט זיך דאָס צו דיר היינט דער געלעכטער, אפרים? איך דערקען דיך, ממש, ניט! איך זיפץ איבער די צרות, וואָס מיר האָבען פון דער טאָכטער, און דו...

— איך לאַך ניט ווילענדיג — האָט געזאָגט אפרים, און אין זיין קול האָט זיך דעם מאָל געהערט ווי אַ שטילער קרעכץ — איז דאָס ניט קיין געלעכטער, וועה איז מיר, אַז יודישע מיידלאַך זאָגען שוין אויך אַ דעה אין שידוכים?!... היינט איז צו מיר ווידער געקומען דער שדכן וועגען דעם שידוך מיט פרצ׳ן. זיין זוהן דעם חתן לויבט מען זעהר, אַז ער איז אַ כשר׳עס קינד. פרץ וויל זיך זעהר מיט אונז מתחתן זיין. ער איז אַ גרויסער גביר און מיט אַ סך נדן, און רחל וועט זיין אַנ עשר׳טע און וועט לעבען ביי איהם גליקליך. האָסטו וועגען דאָס אַלץ מיט איהר גערעדט, שרה?

— איך האָב גערעדט; כ׳האָב פיעל גערעדט, און מיינע רעד האָבען ניט געהאָלפען.

— ווער ווייסט?—האָט אפרים אָנגעהויבען מיט צאָרען און גע־ענדיגט מיט אַ שמייכעל—ווער ווייסט, אויב זי וועט אויך ניט זאָגען: „איך האָב האָלט!״ איך ליעב דעם און דעם... וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי, שרה?

— דו ביסט מיר היינט אַ רעטעניש, אפרים, און איך ווייס ניט, וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ גרויסע שמחה אויף דיין קאָפּ, און וואָס איז דאָס דער געלעכטער? אָט געה שלאָף דיך אויס!

— איך זאָג דיר, שרה, אַז די מעשה מיט רחל׳ען איז עפּיס ניט גלאַט, און דאָ מוז שטעקען אין מיטען עמיצענס אַ האַנד, און אַלץ וואַקסט פון יוכבד׳ן. איך זאָג דיר נאָך אַמאָל: מיר מוזן אָנווענדען אַלע מיטלען צו דערווייטערען די קינדער פון יוכבד׳ס הויז. דו הערסט, שרה?

— רעד, רעד, אפרים! איך הער.

— מיין הארץ זאָגט מיר, אַז די דאָזיגע פריינדשאַפט צווישען שמעון׳ען מיט דינה׳ן איז געוואָרען דורך יונת׳ען. יונתן איז דאָך אַ שכן ביי יוכבד׳ן, און שמעון האָט איהם זעהר ליעב, און קומט צו איהם אַלע טאָג, האָט ער דאָרט דערזעהען דינה׳ן, און האָט זיך אין איהר פער־ליעבט. און אפשר האָט יונתן אין דעם אויך אַ חלק, און מיט זיין הסכם איז געוואָרען די ליעבע.

— צי יונתן זאָל דאָס טהון? אַזאַ ערליכער מאַן און אַ ירא־שמים ווי ער איז, אַזאַ למדן, וואָס לערנט מיט שמעון׳ען אַזוי טריי, ער זאָל איהם אָנרעדען צו ליעבעס?!

— אמת טאַקי, יונתן איז אַ וואויל־לערנער און אַ גרויסער למדן, אָבער ער איז דאָך אַ ליטוואַק, און אַ ליטוואַק איז גרייט אַלץ צו טהון. מ׳דערצעהלט, אַז אַ ליטוואַק האָט זיך געשמד׳ט און האָט חתונה געהאַט מיט אַנ׳ערלית נאָר צוליעב דעם, אַז זיין ווייב זאָל איהם מפרנס זיין, און ער זאָל זיך קענען רוהיג זיטצען און לערנען תורה. איך זאָג אָבער ניט אויף געוויס, אַז די ליעבע איז געוואָרען דורך איהם. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז אפשר האָט יונתן אין דעם אַ חלק.

— איז וואָס קלערסט־דו צו טהון, אפרים?

— איך קלער פאָרצולעגען יונתנ׳ען: אָדער ער זאָל אַריבער אין

אנ׳אַנדער דירה, אָדער, אויב ער וועט ניט וועלען, וועל איך נעהמען פאַר שמעונ׳ען אַנ׳אַנדער מלמד.

— מיר געפעהלט דאָס ניט, אפרים. צי ער רעדט בייטען צי דו וועסט בייטען, שמעון וועט אַלץ איינס ניט אויפהערען צו געהען צו יוכבד׳ן, און דו וועסט נאָך דערמיט געווינען יונתנ׳ען פאַר אַ שונא.

— גיב דו, שרה, אַנ׳עצה; אדרבה, זאָג דו וואָס מ׳זאָל טהון.

— איך וועל איבעררעדען מיט יונתנ׳ען. איך וועל איהם אַלץ דערצעהלען און וועל איהם בעטען, אַז ער זאָל אונז טהון די טובה און זעהען אָבהאַלטען שמעונ׳ען פון צו געהען צו יוכבד׳ן ווייל ס׳קען איהם פון דעם אַרויסקומען די גרעסטע רעה. איך בין זיכער אין יונתנ׳ען, אַז ער וועט ממלא זיין מיין בקשה מיט גרויס שכל, און איך וועל מיין פערלאַנג אויספיהרען.

— רעד דו, שרה, און האָב גליק! און הלוואי זאָל איך ניט דאַרפען זאָגען: וואויל איז דעם מענשען, וואָס לאָזט זיך ניט פיהרען פון זיין ווייבס עצה!

ו.

פיעל נעכט נאָכאַנאַנד האָט רחל אויף איהר געלעגער געזוכט צו פערענטפערען די פראַגע: וואָס זענען דאָס אין איהר פאַר אַזעלכע פערבאָרגענע געפיהלען זינט זי האָט דערקענט דאַווידזאָהנען? פאַרוואָס ווערט זי דאָס אַזוי רויט אין געזיכט יעדעס מאָל, ווען זי זעהט איהם? וואָס איז מיט איהר און וואָס איז איהר פאַרלאַנג? אַזאַ מענש ווי דאַווידזאָהן, וועלכער דענקט אַנדערש ווי די אָרטיגע יודען און געהט אין אַנדערע דרכים, איז דאָך פערהאַסט ביי זיי און ביי איהרע עלטערען, און זי, ווי אַלע יודישע מיידלאַך, געהערט דאָך מיט איהר האַרץ און איהר נשמה צו איהר פאָטער, און ער קען איהר פערקנס׳ן צו וועמען ער וויל, טאָ וואָס קען זי שוין אויפטהון, אַז זי וועט איהם ניט הערען, און וואו וועט זי דאָס נעהמען די קראַפט אויסצוקלייבען דעם, וועמען ער וויל ניט? די דאָזיגע געדאַנקען האָט ביי איהר אַוועקגערויבט איהר רוה און האָבען איהר אַזוי גייסטיג צוגעדריקט, דאָס זי איז שיער ניט קראַנק געוואָרען, אָבער די רעד, וועלכע זי האָט געהערט פון שמעונ׳ען און וועלכע זי האָט די טעג אַליין געלייענט אין ביכער, אַז עלטערען האָבען קיין רעכט

ביס צו געוועלטיגען איבער קינדער און חתונה מאַכען זיי מיט גוואַלד, און אַז יעדערער קען זיך אויסדערוועהלען זיין פאַר לויט זיין פערלאַנג, האָבען אין איהר דערוועקט גאַנץ נייע מחשבות, און אויף איהר געלעגער שמיני־עצרת ביי נאַכט האָט זי זיך געפרובט פונאַנדערקלייבען אין איהרע פאַרבאָרגענע געפיהלען. און דעם מאָל האָט זי שוין דערגאַנגען וואָס מיט איהר איז — זי ליעבט! זי ליעבט „איהם“... און איהר ליבע איז אַ ריינע, זי ליעבט איהם פאַר זיין עדעלען גייסט, פאַר זיין בילדונג און וויסען, זי ליעבט איהם וויל... איהר האַרץ ציהט צו איהם, און ווער ווייס זיך דאָס פערהאַלטען מיט פעראַכטונג צו איהר און צו די דאָזיגע הייליגע געפיהלען? די דאָזיגע געדאַנקען האָבען איהר בערוהיגט און לייכטער געמאַכט אויפ׳ן האַרצען, און אין דער פריה אַז זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך פאַרקעמט און אויסגעפוטצט יום־טוב׳דיג, איז זי ביי זיך געוואָרען מונטערער און פרעהליכער, און פעסט איז זי געוואָרען אין איהר האָפנונג, אַז איר פערלאַנג וועט מיט דער צייט דערפיהלט ווערען.

שרה האָט זיך דערפרעהט זעהענדיג איהר רחל׳ען אַן אויסגעפוטצטע מיט אַ לייכטענדיגען פנים, נאָכדעם ווי זי איז אַ לאַנגע צייט אָבגעלעגען אַ פאַרטרויערטע און אַ פאַרצאָגטע אין איהר צימער. זי האָט ביי זיך אַ קלער געטהון: סוף־סוף איז רחל געקומען צום שכל און האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר צוליעב איר טובה וועגען ווילען דער טאַטע מיט דער מאַמען זי פערקנס׳ן מיט פרצ׳ס זוהן, און האָט געקראָגען חרטה. הלואי וואָלט זיך אַזוי שמעון בעטראַכט און אונז געהערט, וואָלט ער געוועזען גליקליך.

אַז אפרים איז געקומען פון שול און האָט געזעהען זיין טאָכטער אַ מונטערע און אַ פרעהליכע, האָט ער זיך אויך דערפרעהט אין האַרצען.

נאָך מיטאָג איז רחל אַריין אין איהר צימער און האָט זיך אַוועק־געזעצט ביים טיש און האָט גענומען לייענען אַ בוך, ווי איהר שטייגער. ערשט שמעון איז אַריין און האָט צו איהר געזאָגט:

— רחל! איך געה צו דאַווידזאָהנען. אפשר דאַרפסט־דו וואָס צו איהם; זאָג מיר.

— דו ביסט אַ גוטער בחור, מיין ברודער, דו ביסט געגרייט צו טהון מיין ווילען, נאָך איידער איך פערלאַנג דאָס פון דיר. וואַרט אַ ווילע. אָט תיכף ענדיג איך לייענען דאָס בוך „קראַפט און מאַטעריע“ פון ביכנערען. דו וועסט איהם אָבגעבען דאַווידזאָהנען מיט גרויס דאַנק, און זאָלסט ביי איהם נעהמען פאַר מיר... אָבער צוליעב וואָס זאָל איך דאָס דיר אומזיסט בעמיהען? מאָרגען קלייבען מיר זיך דאָך צונויף ביי

יוכבד׳ן, ווי מ׳האָט אָבגערעדט; דאָרט וועל איך מיך מיט איהם זעהען, און וועל איהם בעטען, ער זאָל מיר ערקלערען דאָס, וואָס מיר קומט אויס שווערליך אין דעם בוך, און ער זאָל מיר געבען צום לייענען אַני אַנדער בוך, וועלכען ער וועט געפינען פאַר גלייך. און פאַרוואָס געהסט דו דאָס שמעון צו איהם היינט, אויב מאָרגען וועלען מיר זיך אַלע זעהען?

— היינט קלייבען זיך ביי איהם צונויף אייניגע יונגע לייט פון זיינע נאָהענטע בעקאַנטע, און איך אויך. מיר האָבען מיט איהם אַ שמועס. אויסער דעם וועלען מיר דאָרט מקבל זיין אַ חשוב׳ן גאַסט, וואָס איז צו איהם געקומען, זיינער אַ געוועזענער חבר, מיט וועלכען ער האָט אַמאָל געלערענט אין ראַבינער־שול. צוזאַמען וועלען מיר זיך דורכרעדען, און נאָכדעם, אויב זיי וועלען מסכים זיין, וועלען מיר געהען אינאיינעם אין שול צו הקפות.

— ווי גליקליך זייט איהר, איהר יונגע בחורים — האָט זיך אָבגעשרופען רחל מיט קנאה — אַז איך וואָלט געווען אַ בחור, וואָלט איך איצטער...

— אַנשטאָט דעם ערוואַרט דאָך דיר אָבער פיעל גליק מאָרגען, — האָט שמעון געענטפערט, אַריינקוקענדיג זיך טיעף אין זיין שוועסטערס בעזיכט מיט אַ שמייכעל.

— אַוועק, דו שטיפער! — האָט רחל אַ זאָג געטהון, רויט ווערענדיג דערביי אין געזיכט.

ווי שמעון איז אַוועק, האָט זיך רחל אַריינגעלעגט אין בעט מיט איהר בוך אין האַנד. איהרע אויגען זענען אין בוך, און איהר האַרץ איז ביי איהר געליעבטען. זי נעהמט דערוועקען אין איהר זכרון דאָס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט און איבערגעטראַכט זינט זי מיט דאַווידזאָהנען האָבען זיך דעם ערשטען מאָל בעגעגנט. זי נעהמט זיך פאָרשטעלען דעם גרויסען נחת־רוח, וועלכען זי וועט האָבען מאָרגען, בעת זיי וועלעןביידע זיטצען ביי יוכבד׳ן, און האָפט אויף גוטס און אויף גליק. פאַרטאָג האָט זיך איהר געחלומ׳ט: ערשט זי שוועבט ווי אַ טויב איבער בערג און אָבגרונדען, און זי געהט אַראָב און בלייבט רוהען אין אַ שענעם גאָרטען אויף אַ בייט פון אַלערליי בשמים, אַרומגעצוימט מיט רויזען. אַרויסגעהענדיג היינט אויפ׳ן גאַס איז איהר פערבייגעגאַנגען אַן אַלטע גויה און טראָגט אויף איהרע פלייצעס פולע קריג מיט וואַסער. דאָס אַלץ זענען ביי איר געווען גוטע סימנים אויף גליקליכע, פרעהליכע צייטען. זענענדיג אַזוי פאַרטיעפט אין איהרע פאַנטאַזיעס ערשט ס׳איז אַרייז יוכבד׳ס משרת,

וו... האָט איהר איבערגעגעבען אַ פערחתמ׳עטען בריעף און איז אַרויסגעגאַנגען...

רחל האָט געעפענט דעם בריעף און האָט אין איהם איבערגע־לייענט:

„אין מיין מוטערס נאָמען שרייב איך דיר, טהייערע רחל. מיין מוטער טהוט זייער לייד, וואָס די פערוויילונג, וועלכע דו האָסט בע־שטימט אויף מאָרגען, קען ניט זיין אין איהר וואוינונג לויט דיין פער־לאַנג. דו ווייסט דאָך, ווי ווייט זי האַלט דיך טהייער, און ווי זי איז תמיד געגרייט צו טהון דיין ווילען. אָבער היינטיגען מאָל האָט זיך פלוצים געמאַכט אַ סיבה, וואָס דערלאָזט איהר דאָס ניט, און דו וועסט איהר אַזוי גוט זיין מוחל זיין. דאָס שרייבט דיר מיין מוטער. איך פון מיין זייט וועל אויף דעם עפיס מוסיף זיין און וועל דיר ענטפלעקען אַ סוד. דאָס האָט אָנגעמאַכט דיין פאָטער. ווי דו ווייסט, איז ער דאָך שוין לאַנג אויף אונז אויפגעבראַכט, ער האָט נאָר ביז אַהער ניט גע־וואָלט אַרויסווייזען זיין שנאה פאַר לייט. איצטער, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך צווערטעלט מיט שמעונ׳ען, איז ער זעהר אין כעס, און ער וויל אָוועקשטעלען אַנ׳אייזערנע וואַנד צווישען אייך מיט אונז. ביז וואַ־נען וואָס־ווען זאָל דאָס ביי דיר זיין אַ סוד... און איך, ווי כ׳בין דיין פריינדין, אַזוי וועל איך פערבלייבען שטענדיג, און קיין אייזערנע וואַנד וועט אונז ניט פונאַנדערשיידען. דיין פריינדין דינה“.

דער בריעף האָט רחל׳ען זעהר אויפגערעגט. זי איז אויפגעשפרונ־גען פון איהר אָרט און האָט ביטער און מיט צאָרען אויסגעשריען:

— וועה, איהר עלטערען! אייַנשמידען דעם גייסט פון אייערע קינדער מיט גוואַלד ווילט איהר — דאָס וועט זיך אייך אָבער ניט איינגעבען!

ז.

ס׳איז אַ פינסטערע נאַכט. עס זענען צעשפרייט שטערען איבער׳ן הימעל, אָבער די לבנה בעווייזט זיך מיט זיי ניט. אויפגעקאָרטשעט איז איהר פנים, זי איז ווי אַ מבויש׳ע און בעדאַלט זיך. אָבער קיינער אינ־טערעסירט זיך היינט ז׳ט מיט דער ליכט פון דער נאַכט—יודען האָבען געענוג ליכטיגקייט פון שמחת־תורה. די מאַסע איז לעבעדיג, לוסטיג און

די שטאָדט קאָכט. אין די גאַסען איז ששון־ושמחה. מ׳פיהרט גבאים אין שול אַריין מיט ליכט און מיט פאַקלען און מיט גרויס פרייז
רחל, וועלכע איז געווען אויפגערעגט פון דינה׳ס בריעף, איז געזעסען אין איהר צימער אַנ׳אומעטיגע. פאַרנאַכט איז זי אַרויס שפּאַציערען אין גאַס. זי איז אַזוי אַרומגעגאַנגען און געבלאָנדזשעט אין די גאַסען איינע אַליין און טרויעריג, ניט וויסענדיג וואוהין זי געהט. זי איז אַריין אין אַ גאַס, ערשט אַ מאַסע יודען געהען און זינגען און ליאַרימען און פילדערען. רחל איז אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין געזעמעל, און דער שטראָם האָט איהר מיט זיך פערטראָגען ביז צו דער גרויסער שול. די שול איז, ווי אַלע יאָר אום שמחת־תורה, געווען אָנגעפּאַקט מיט מאַנסביל און ווייבער, יונגלאַך און מיידלאַך, בחורים און פריילינס. דער עולם איז געגאַנגען „הקפות״, פאָראויס דער חזן, און פון הינטען די גאַנצע קליינוואַרג. די אַרומיגע האָבען זיך געשפּאַרט און געשטויסען, יעדערער האָט געוואָלט כאַפּען אַ ספר־תורה און געבען איהר אַ קוש. רחל האָט זיך אויך געשטופּט, האָט אָנגעכאַפּט אַ ספר־תורה און האָט איהר מיט גרויס געפיהל געגומען קושען, און ניט ווילענדיג האָבען די קושען בעריהרט אויף די הצ[?]בד פון דעם, וואָס טראָגט די ספר־תורה...
זי קושט אַזוי, ערשט אַ ווייכע און אַ זיסע שטימע רופט איהר ביי׳ם נאָמען. רחל האָט דערהערט און האָט זיך אַ טרייסעל געטהון, ווי איינער וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. זי האָט דערזעהען ערשט פאַר איר שטעהט דאַווידזאָהן און דאַלט אין האַנד די ספר־תורה. איין מינוט זענען זיי ביידע געבליעבען שטעהען ווי פערגליווערט, אָהן ווערטער האָבען זיך אין זייערע הערצער אויפגעפלאַקערט די ליעבעס־געפיהלען. אין מיטען האָט זיי דער המון אָבגעשטויסען אַהינטער, און די ליעבענדע האָבען זיך צושיידט.
ס׳איז שוין אַנ׳אַלטער מנהג אין כסלונעווקע, אַז שמחת־תורה ביי נאַכט צו הקפות קומט גאַנץ שטאָדט, אָרים און רייך, אין דער גרויסער שול. בשעת דאַווידזאָהן מיט זיין קאָמפּאַניע זענען אַריין אין שול, האָבען זיך דאָרט געפונען מענשען פון זיינע בעקאַנטע, וואָס זייערע קינדער לערנען זיך אין זיין שול, וועלכע האָבען איהם אַרויפגעפיהרט און אַוועקגעזעצט אויבענאָן נעבען ארון־קדש, און האָבען איהם מכבד געווען מיט אַ הקפה.
דאַווידזאָהן איז אַוועק און האָט זיך אַוועקגעזעצט אייגזאַם אין אַ ווינקעל שול, אויפגערעגט און דערוואַרימט פון רחל׳ס קוש. ער זיטצט

און טראַכט וועגן איהר און צוויי טראָפּענס טרעהרען, טרעהרען פון פרייד און גליק, האָבען אָבגעגלאַנצט ווי ברילּיאַנטען אין זיינע אויגען.

דער אַרומיגער געזאַנג האָט בעוועגט דאַווידזאָהנען אויפצושטעהן פון אָרט. ער איז צוגעגאַנגען צום ארון־קדש. די הקפות האָבען זיך שוין געענדיגט. די עלטסטע חשוב׳ע לייט פון דער קהילה טאַנצען אַ קאַראַהאָד מיט די ספר־תורות אין די הענד, נאָך זיי טאַנצען און זינגען יונגע בחורים, און די אַרומיגע, קליינע און גרויסע, פּאַטשען מיט די הענד. אויך שמעון און זיינע פריינד שטעהען דאָרטען און קוקען זיך איין ווי דער עולם מאַכט זיך לוסטיג. רחל געפינט זיך אויך דאָרט און רעדט מיט׳ן גאַסט, שמעונ׳ס חבר, און וויזט בשעת מעשה אויס זעהר שען. דאַווידזאָהן האָט איהר דערזעהען און האָט אַזש אָנגעקוואָלען. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען, געגריסט זיך מיט איהר און געזאָגט:

— מיך פרעהט זעהר צו זעהען אייך דאָ שטעהענדיג געראַם. איך האָב געזעהען די ענגשאַפט מיט די שטופּעניש הינטער דער בימה, ווי איינער דעם אַנדערען האָט געשטויסען מיט די זייטען און מיט די פלייצעס. האָט אייך גאָרנישט פּאַסירט?

— גאָרנישט!—האָט געענטפערט רחל בעשיידען—איך דאַנק אייך, מיין הער, פאַרוואָס איהר בעקימערט זיך אַזוי וועגען מיר.

— איך וואונדער מיך—האָט געזאָגט דאַווידזאָהן—אייער ברודער שמעון האָט דאָך געוואוסט, אַז איהר געהט צו הקפות אין שול, סאָ ת[...]רום האָט ער אייך געלאָזען אַליין, און איז געקומען מיט מיר?

— שמעון האָט ניט געוואוסט, און היינט איז דאָס ערשטע מאָל, ו[...]אָס איך בין אַהער אַריין. איך האָב אָבער קיין חרטה ניט, וואָס איך בין געקומען,—האָט געזאָגט רחל און האָט זיך פערשעמט, וואָס עס האָט איהר צוגעגעבען אַ בעזונדער חן.

דאַווידזאָהן איז געשטאַנען זעהר אויפגערעגט, בעמיהענדיג זיך [...]איינשטילען זיינע געפיהלען, כדי זיין ליעבע זאָל זיך ניט אַרויסווייזען דאָ פאַר אַלעמען אין די אויגען.

— איך בין אַריין און האָב געזעהען דאָס, וואָס איך האָב שוין [...]אַנג ניט געהערט—יודען פרעהען זיך!... האָט רחל פערענדיגט איהרע רעד.

— און איך לעג צו דעם צו—האָט געזאָגט דער גאַסט—ווי יודען טאַנצען און מאַכען זיך נאַריש ווי שכור׳ע!

— ריכטיג האָסטו געזאָגט—האָט זיך דאַווידזאָהן אָבגערופען צו

זיין חבר — ווי שכור׳ע, אָבער ניט שכור׳ע. אַט די יודען, וואָס זענען זיך משמח, וואָס שפּרינגען און טאַנצען, קען איך גאַנץ גוט. דאָס רוב פון זיי זענען אָרימע לייט, זייער ברויט קומט זיי אָן גאַנץ שווער, קיין ווייַן און קיין ביער טרינקען זיי ניט; זיי זענען שכור, אָבער ניט פון ווייַן, די תורה מאַכט זיי שכור, און זי איז זייער פרייד. ווי שטאַרק זיי ליעבען איהר! זעהט נאָר די פייער-פונקען אין זייערע אויגען, זעהט נאָר זייער בעגייסטערונג, זייער התלהבות!

פלוצים האָט איינער פון דאַווידזאָהנס בעקאַנטע איהם אַ כאַפּ געטהון פאַר׳ן פאָלע און האָט איהם נאָך זיך אַריינגעשלעפּט אין קאַראַהאָד, אויסשרייענדיג דערביי: קום, מיין פריינד! לאָמיר טאַנצען! צו זיי האָבען זיך באַהעפט נאָך פרעהליכע יודען, איינער האָט אַרויפגעלעגט די האַנד אויף דעם אַנדערענס אַקסעל, און מ׳האָט זיך גענומען דרעהען אין קאַראַהאָד און זינגענדיג דערביי:

„נָגִיל וְנָשִׂישׂ בְּזֹאת הַתּוֹרָה
כִּי הִיא לָנוּ עֹז וְאוֹרָה.
תּוֹרָה הִיא עֵץ חַיִּים,
כִּי עִמָּה מְקוֹר חַיִּים“.

און אַנטקעגען זיי האָט זיך אַן־אַלטער יוד געטאַנצט פאַר זיך איינער אַליין. די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע זענען פערוואָרפען אויף זיינע פּלייצעס, און ער שפּרינגט זיך, און ווי אַ בת־קול ברומט ער זיך דערביי אונטער און זאָגט:

— וואויל איז אייך, יודען! וואויל איז אייך, יודען! וואויל איז אייך, יודען! וואויל איז אייך!

ח.

וועה איז צו די עלטערען און וועה איז צו די קינדער!

דאַווידזאָהן און זיין גאַסט, יעקב נופף, זענען געוועזען חברים אין ראַבינער־שול. פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס זיי האָבען זיך איינער מיט דעם אַנדערען דערקענט, זענען זיי צווישען זיך געוואָרען גוטע פריינד. זיי האָבען זיך געטהיילט מיט דעם גראָשען, און איינער דעם צווייטען האָט געהאָלפען אין דער נויט.ביידע זענען זיי געוועזען גלייך

געבילדעט און ענטוויקעלט, גלייך בעגאַבט און פעהיג;ביידע זענען זיי געווען גוטע און פריינדליכע מענשען. און דאָך איז געווען צווישען זיי אַני־אונטערשייד. דאַווידזאָהן האָט ליעב געהאַט צו טהון גוטס צוליעב דאָס גוטס אַליין, ווייל דאָס איז אַ שענע זאַך, און פערדיענט מ׳זאָל עס טהון; און יעקב נופך וויל, אַז פון דער גוטס, וואָס ער טהוט, זאָל איהם אַליין, אגב, אויך אַרויסקומען אַ שטיקעל טובה. דאַווידזאָהן יאָגט זיך ניט נאָך גרויסע זאַכען, ער איז אַני־ענו, און אַלע מענשען זענען ביי איהם גלייך, רייך און אָרים, און יעקב נופך וויל אַלץ זיין צווישען גרויסע, רייבען זיך אָן רייכע, און זיין מיט זיי אַ מחותן. און פונדעסט־וועגען, ווי פערשיידען זיי זענען געווען אין זייערע כאַראַקטערען, זענען זיי איינער מיט דעם צווייטען געבליעבען אויפגעבונדען אפילו נאָך דעם, אַז זיי זענען שוין אַרויס פון ראַבינער־שול און זענען לעהרער געוואָרען אין קרוינישע שולען — דאַווידזאָהן אין כסלונעווקע, און יעקב נופך אין אַני־אַנדער שטאָדט. זיי פלעגען תמיד שרייבען בריעף איינער צום צווייטען, און איצטער איז נופך אַראָבגעפאָהרען זעהען זיך מיט דאַווידזאָהנען און זיך דורכרעדען מיט איהם.

ס׳איז אַריבער דער יום־טוב און ס׳זענען אָנגעשטאַנען די וואָכע־דיגע טעג. יעקב נופך איז נאָך ניט אָבגעפאָהרען. אין אַ געוויסען פאַר־נאַכט איז ער געזעסען ביי דאַווידזאָהנען אין צימער, איטליכער ביי אַ גלאָז טיי און מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, און האָבען זיך געשמועסט.

— יאָ, מיין פריינד — האָט זיך אָבגערופען נופך — צוריק אויף מיין אָרט פאָהר איך שוין ניט. איך וויל אָנקומען אין אוניווערזיטעט לערנען זיך. אַזוי האָב איך בעשלאָסען.

— און איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז מיר געפעהלט דיין בעשלוס ניט — האָט איהם געענטפערט דאַווידזאָהן —; געדענק נאָר, יעקב. אַני־אָרימער און אַני־עלענדער ביסטו געווען ווי איך און ווי נאָך פיעל פון אונזערע חברים. די ראַבינער־שול האָט דיך אויפגענומען און האָט דיך דערצויגען פאָטערליך, געגעבען דיר עסען און טרינקען, און אַלע דיינע מעדערפענישען האָסטו בעקומען פון די אָרימסטע פון אונזער פאָלק, דורך זייער האָרעוואַניע און שווערער פּראַצע, נאָר כדי דו זאָלסט זיך פריהער אַליין לערנען און זאָלסט דערנאָך לערנען מיט זייערע קינדער. און איצטער בעהמסטו מיט אַמאָל און ווילסט זיי אַוועקוואַרפען. וואָס איז? — דיר ווילט זיך זיין אַ דאָקטאָר צי אַ יוריסט, כדי צו פערדינען געלד און צו לעבען אַ גוטען טאָג.

— דו מיינסט אפילו גוט, אָבער רעדען רעדסטו ניט ריכטיג— האָט איהם נופך געענטפערט. —אָט אַזוי איז שוין דיין שטייגער פון דער יוגענד אָן צו בעטראַכטען די וועלט, נאָר ווי זי קומט ביי דיר אויס לויט דיין פאַנטאַזיע. דו אורטהיילסט וועגען דעם ענין ווי ער דאַרף זיין, און ניט ווי ער איז באמת. אין אמת׳ן האָט דאָך אונזער פאָלק ניט געקענט ניט די צוויי ראַבינער-שולען און ניט אונזערע קלענערע שולען און ניט אונז לעהרער. ניט זיי האָבען דאָך געגרינדעט די דאָזיגע שולען און ניט זיי זענען אויף זיי די בעלי-בתים. מ׳זאָגט זיי: גיט געלד—גיעבען זיי, די הערשאַפט געהערט דאָך אָבער אַ פרעמדען, ער געוועלטיגט איבער זיי און טהוט מיט זיי וואָס ער וויל. יודען שטאָלצי-רען מיט איהם, און ער פון די יודישע לעהרער חוזק׳ט אָב. אונזערע שולען האָבען קיין ווערטה ניט; ניט דער יודישער גייסט און ניט די יודישע אָרדענונג הערשט אין זיי!

— דעריבער—האָט זיך אָבגערופען דאַווידזאָהן מיט גרויס גע-פיהל—דאַרפען מיר, די פיאָנערען פון בילדונג, וועקען אונזער פאָלק, און רעדען צו איהם נאָכאַנאַנד, אָהן אַנ׳אויפהער, אויפווייזען איהם, אַז ס׳איז געקומען די צייט צו פעראינטערעסירען זיך מיט דער צוקונפט פון די קינדער צו ערציהען זיי אין דעם גייסט פון דער נייער צייט און פון נייעם דור, און פערהאַלטען זיך צו די שולען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. צוריק צו דיין אַרבעט, יעקב! פאָהר אַ היים, און לאָז ניט דיין אָרט...

ווי דאַווידזאָהן האָט געענדיגט רעדען, האָבען זיך דערהערט טריט. אין צימער איז אַריין יונתן מיט אַ פערדאגה׳טען פנים.

—איך זעה, מיין פריינד, אַז איהר זייט עפּיס פערזאָרגט—האָט זיך צו איהם דאַווידזאָהן אָבגערופען — זאָגט שוין מיר, וואָס איז דאָס מיט אייך?

—שמעון איז ניטאָ!... ער איז אַנטלאָפען!—האָט געענטפערט יונתן פערטרויערט...

— ווי אַזוי איז דאָס צו דעם געקומען?

— אָנגעהויבען האָט זיך עס פון די ישיבה-בחורים. אין שטאָדט איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז עס זענען דאָ צווישען זיי אויסגעטהאָנענע פון לערנען, וואָס זיטצען אָב גאַנצע טעג אין דער ווייבערשער שול און שפּיעלען אין קאָרטען. מ׳האָט די זאַך אויסגעפאָרשט און עס האָט זיך דערגאַנגען, אַז דאָס איז אַ קאָמפּאַניע ליידאַקעס, אָהן אַ פונק אמונה, לאַכען אָב פון יודישקייט און זענען מחלל שבת. זיי האָבען נאָך אויך

אראָבגעפיהרט פון וועג אַנדערע אָרטיגע יונגע לייט. די גאַנצע שטאָדט קאָכט מיט דעם און דער צאָרען איז זעהר גרויס. די חסידים בעשולדי־גען די ליטוואַקעס, וועלכע גלויבען ניט אין גוטע־יודען, און זאָגען, אַז פון זיי האָבען זיך דאָס די יונגע לייט אָבגעלערענט זייערע שלעכטע מעשים. די שטאָדטיגע מלמדים וואַרפען אַלץ אַרויף אויף די ליטווישע מלמדים, אַז זיי האָבען דאָס זייערע תּלמידים איבערגעפיהרט, לערנענדיג מיט זיי תּנ״ך מיט׳ן „ביאור״ מיט „לשון״ און נאַרישע מליצות, וואָס דערלאָזען זיי ניט פרום צו זיין. אַז אפרים האָט דערהערט, דאָס וואָס עס טהוט זיך אין שטאָדט, און ווי די עלטערען זענען אויפגעבראַכט אויף זייערע צולאָזענע קינדער, האָט ער אויסגעלאָזען זיין גאַנצען כּעס צו שמעון׳ען און האָט איהם געפּרובט שלאָגען. האָט גענומען שמעון און איז פון איהם אַנטלאָפען.

— די קינדער האָבען זיי טאַקי פערזינדיגט—האָט זיך דאַווידזאָהן אָבגערופען גאַנץ צוקאָכט—אָבער שולדיג זענען זייערע עלטערען, וואָס האָבען ניט געזאָרגט צו ערציהען זיי ווי געהעריג איז אין תּורה און דרך־ארץ, און צו פעראייניגען אין זיי די תּורה מיט דער בילדונג נאָך אין דער קינדהייט. אַז זיי ווערען גרעסער און דערשמעקען פון דער־ווייטענס דעם ריח פונ׳ם עץ־הדעת, וועלכען זייערע טאַטעס האָבען אַרומגעצוימט מיט ברענענדיגע שלאַנגען, מיט׳ן העלישען פייער פון גיהינום און מיט מלאכי־חבלה, ווערען זיי אונרוהיג אין זייער נשמה אין הערען אויף צו גלויבען. די טאַטעס זינדיגען געגען זייערע קינדער און זענען נאָך אויף זיי אין כּעס. די קינדער ליידען נאר צוליעב זייערע עלטערען!

— און זיי בעשולדיגען נאָך אַנדערע!—האָט געזאָגט יונתן—אויף אונז איז מען אויך אין כּעס, און מען פעראַכט אונזער נאָמען.

— אָט, פאָלג מיך, לאָז זיי!—האָט זיך אָבגערופען נופך, אָנגעה־מענדיג זיין פריינד פאַר׳ן האַנד—לאָז זיי; לאָמיר אַריין אין אוניווערזי־טעט, דאָרטען וועלען מיר זיך בילדען ביי די גויים, און אונז וועט זיין גוט.

— ניין, מיין פריינד!—האָט איהם דאַווידזאָהן, געענטפערט אויפ־הייבענדיג זיך פון זיין אָרט—געהען פיטערען זיך אין פרעמדע פעלדער בשעת דאָס אייגענע פאָלק וואַרט אויף דער הילף פון זיינע קינדער,—דאָס איז אַ גרויסער פערברעכען. איך וועל שטעהן אויף מיין פּאָסטען, וועל רעדען צום פאָלק, מתרה זיין איהם און זאָגען: ס׳איז צייט צו בויען

יודישע ערציהונגס-אנשטאַלטען! קומט און בויט איהר זיי, דאַן וועט אין זיי הערשען אַ גייסט פון וויסענשאַפט און יראת-שמים, אין די בעלי-בתים וועט איהר זיין. דאַמאָלסט וועלען אַלע אייערע קינדער זיין קינדער צו זייער פאָלק, געלערענטע אין תורה און אין חכמה, און שלום וועט זיין צווישען אייך. טאָמער ווילט איהר ניט און געהאָרכט ניט—וועט איהר האָבען אַ ביטערען סוף, און איהר וועט שפּעטער שטאַרק חרטה האָבען!...

ט.

אַן אומעטיגער און אַ צעטראָגענער איז אַרומגעגאַנגען אפרים איבער זיין צימער אין איינעם פון די הערבסט-טעג. דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער און אַ וואָלקענדיגער. אַ ווײַלע האָט ער זיך אָבגעשטעלט און גענומען גרייזלען זיין באָרד, אַרייַנלעגענדיג איהר מינוטענווייז אין זיין מויל פון פערטראַכטקייט, און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוגעלאָפען צום פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט מיט אונגעדולד אויפ׳ן גאַס. ער האָט זיך אויף יעדען פון ווײַטען אײַנגעקוקט, און זעהענדיג אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, און אַז דאָס איז ניט דער, וועמען ער דאַרף, האָט ער פון כעס אַ טופּע געטהון מיט די פיס, און איז אַריבער אין דעם אַנדער זייט צימער. באַלד איז ער אָבער ווידער צוגעפלויגען צום פענסטער, האָט אַרויסגעקוקט מיט האַרץ-קלאַפּעניש און מיט שמאַכטענדיגע אויגען. צו זיין בעדויערען האָט ער אויך דעם מאָל אַ טעות געהאַט. אַזוי איז אפרים אומגעגאַנגען אין שטוב הין און צוריק, ביז ער האָט דערהערט טריט אין פירהויז. באַלד האָט זיך געעפענט די טיהר.

— בעל-הבית׳טע! בעל-הבית׳טע! — האָט זיך פונאַנדערגעשריען אַ פרוי, וועלכע האָט זיך אָװעקגעשטעלט אין טיהר און האָט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין צימער.

— געה צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! — האָט זיך אויף איהר אפרים אָנגעבייזערט, דערזעהענדיג, אַז זיין האָפנונג האָט איהם ווידער אָבגענאַרט—איך האָב דיר וויפיעל מאָל פערזאָגט, דו נאַרישע יודענע איינע, אַז דו זאָלסט ניט אַריין צו מיר אין צימער מיט אַ ליאַרים. צו אַלדי שוואַרץ יאָהר, דו נאַרישע דיענסט!

די דיענסט האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג, האָט אויסגעשנייצט

דעם נאָז און איז אַרויסגעגאַנגען, און אפרים געהט נאָך אַלץ אום זעהר צעטראָגען, ער קוקט און הערט זיך צו מיט גרויס אונגעדולד. מיט אַמאָל האָט זיך ווידער געעפענט די טיהר.

— שרה?!

— וועה איז מיר, אפרים! — האָט שרה אויסגעשריען אויפ׳ן קול אַריינגעהענדיג — וועה איז מיר, וואָס פאַר אַ ביטערען מזל איך האָב דאָס אויף דער וועלט! ווענ יג איז מיר מיין אַרבעט אין דער היים. אָהן מיר גיט דאָך קיינער ניט אַ ריהר מיט אַ פינגער עפּעס צו טהון און קיינער הייבט זיך ניט אויף פון אָרט ערגעץ צו געהען! ווענ יג איז פאַר מיר, וואָס איך דאַרף אייך אַלעמען טראָגען אויף מיין קאַרק, וועה איז מיר, און בין אַ גאַנצען טאָג אייגעשפּאַנט ווי אַ נ׳אָקס אין דער סאָכע, דאַרף איך זיך נאָך, אַנ׳אומגליקליכע, אַרומשלעפּען אין אַזאַ רגענדיגען טאָג, ווען מ׳זעהט אין גאַס ניט אפילו קיין משוגענעם הונד! מסתמא איז אויף מיר אַזוי נגזר געוואָרען, און בין געבאָרען געוואָרען אין אַזאַ שלעכטען מזל... גערעכט ביסטו, גאָט און זיין משפט איז גערעכט! אין אַזאַ שנייי האָב איך געמוזט געהען צו בנימינ׳ען, וועלכער וואוינט ,אַנ׳עק וועלט, אַזש ביי דעם נייעם שעכטהויז!.. גיעב כאָטש אַ קוק, ווי מיינע שיך זענען פול שנייי און ווי עס קוקען אויף מיר אויס מיינע בגדים!

— וואָס האָט דיר געזאָגט בנימין? — האָט איר אפרים געפרעגט מיט אונגעדולד — ס׳איז ריכטיג, אַז ער האָט איהם בעגעגענט אין וועג?

— ווינד און וועה איז מיין מאַמע, וואָס האָט מיך געבוירען! — האָט שרה ווידער גענומען שרייען — ווענ יג זענען פאַר מיר מיינע אַלטע צרות, האָט נאָך גאָט אויף מיר אָנגעשיקט נייע צרות! אויב ניט היינט, וועל איך פון מיינע צרות מאַרגען האָבען אַ פּלוצלונגען טויט... איך קען שוין מעהר ניט אַריבערטראָגען!

— וואָס האָט דיר געזאָגט בנימין? — האָט איר אפרים אַ צווייטען מאָל געפרעגט.

— איך קען שוין ניט אויסהאַלטען! — האָט שרה אויסגעשריען אויפ׳ן קול און האָט אַ ביטערען זיפץ געטהון — וועה איז מיר, וויפיעל צרות איך האָב דאָס!... דו, אפרים, האָסט דאָס אַלץ אָנגעמאַכט, דו, דו, נאָר דו! און איך, נאַרישע פרוי, הער נאָך וואָס דו זאָגסט, און געה וואוהין דו שיקסט מיך...

— קומט, געהט אַרויס, זעהט איהם, מ׳האָט איהם שוין געפונען! — האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ ליאַרים פון פירהויז.

הערענדיג די ווערטער, זענען שרה מיט אפרים׳ען העכדום־פענדום ארויסגעלאָפען פון שטוב.

— ווי ווערה האָט מיר געטהון דאָס הארץ, אז ער איז אנטלאָפען געוואָרען! — האָט די דיענסט געזאָגט צו די שטוב־מיידלאַך

— וואָס איז דאָס פאר א געשריי? — האָט שרה געפרעגט ווי א ווי א צומישטע.

— ס׳האָט זיך אָבגעפונען! ס׳האָט זיך אָבגעפונען! — האָט זיך אָבגערופען די דיענסט, דערזעהענדיג די בעל־הבית׳טע — און איהר געזיכט האָט געפלאַמט — געפונען, זאָל איך אזוי געפינען ווען מיר איז ליעב! די רגע ברענג איך איהם אַהער.

ווי צוגעשמידטע זענען אפרים מיט שרה׳ן געבליעבען שטעהען אויף זייערע ערטער, דערוואַרטענדיג צו זעהען זייער פערלאָרענעם זוהן, — און האָבען א וואָרט ניט געקענט אויסרעדען פון אויפגערעגטקייט.

— איצטער וועט איהר שוין זעהען, אז איך זאָג ריכטיג — האָט די דיענסט גערעדט צו זיך אליין, צוריקקעהרענדיג זיך אין א ווײַלע ארום פון קיך.

רעדענדיג האָט זי ארויסגענומען פון אונטער דער פאַטשיילע א רויטען און א געזונדטען האָהן, וועלכער האָט זיך גאַנץ לוסטיג פונאַנדערקרעהט, דערזעהענדיג ווי אַלע שטוב־מענשן זענען איהם ארויס מקבל פנים זיין.

— א רוח אין דיין טאַטענס־טאַטען אריין! — האָט זיך שרה פונאַנדערגעבייזערט אויף איהר דיענסט! דו וועסט אויסברעכען דעם ברויט, וואָס דו האָסט ביי מיר געגעסען, פאַסקודסטווע דו איינע! האָסט ניט געקענט פערשליסען גוט דעם שטייג?... איצטער זעהסטו? איין ווײַלע בין איך ניט געוועזען אין שטוב, און קיין זאַך איז שוין ניט אויף זיין אָרט!...

אפרים, דערזעהענדיג זיין טעות, האָט זיך דערווײַלע אריינגעגנב׳עט צו זיך צוריק אין צימער, און די גאַנצע צייט, וואָס שרה איז געשטאַנען און האָט זיך געקריגט מיט דער דיענסט, האָט ער ניט געקענט איינשטיין; איהם האָט זיך שטאַרק געוואָלט הערען, צי עס איז אמת, אז בנימין האָט באַגעגענט שמעון׳ען אין וועג. קוים וואָס ער האָט זיך דערוואַרט צו זעהען זיין פרוי און צו הערען איר תשובה, און איצטער, אז זי איז שוין געקומען, שטעהט זי און קריעגט זיך צוליעב א

האָהן. וועה, זוייבער, ווייבער! — האָט אפרים צו זיך אַ זאָג געטהון פון פערדרוס, און האָט זיך געכאַפּט שטאַרק גרייזלען די באָרד. — אַז איהר זוהן איז ניט געוואָרען האָט זי פיעל געוויינט, און איך האָב אויסגעווי־זען ווי אַ האַרט־האַרציגער, און איצטער האָט איר די מעשה מיט׳ן האָהן אזוי אָנגענומען פאַר׳ן האַרצען, אַז זי האָט פערגעסען אָן איהר זוהן... אייערע טרעהרען, ווייבער, זענען וואַסער, און אייערע זיפצען — גאָר־נישט מיט גאָרנישט! וועה, ווייבער! ווייבער! — האָט אפרים ווידער אויס־געררופען און האָט ווידער גענומען גרייזלען די באָרד נאָך שטאַרקער ווי פריהער.

— האָסט געזעהען אַ ביסעל, אפרים? — האָט שרה געפילדערט אַריינגעהענדיג צוריק אין איהר מאַנס צימער — דו האָסט געזעהען, וואָס דאָ איז געוועזן? אַ ווײלע בין איך ניט געוועזן אין שטוב, ערשט עס טהוט זיך שוין מעשים תעתועים! איצטער וועסטו שוין וויסען מיין פּיין און מיין האָרעוואַניע. וועה איז מיר, איך האָב דאָך שוין קיין כח ניט צו ליידען. איך האָב נאָך ניט אָבגערוהט פון מיין ווייטער וועג, ערשט נאַ דיר אַ נייע אָנשיקעניש!...

— וואָס האָט פּאָרט געזאָגט בנימין? — האָט איהר געפרעגט אפרים, וועלכער האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען.

— שטעל דיך פאָר, אַז איך בין געגאַנגען אַזאַ מהלך ביז איך בין געקומען צו בנימינ׳ען, וועלכער וואוינט אין אַנ׳עק וועלט — נעבען שעכטהויז!

— און וואָס האָט ער געזאָגט?

— מ׳הערט קיין זאַך ניט. וועה איז מיר? נעכטען איז בנימין צוריקגעקומען פון וועג, און ער האָט מיר געשוואָרען ביי גאָט, אַז ער האָט שמעונ׳ען ניט געזעהען, און אַז ערשט היינט האָט ער דערהערט וואָס ס׳האָט מיט איהם פאַסירט. געננוג חרפה און פערדרוס האָט ער פון זיין טהייערען איידימ׳ל, וואָס האָט איהם בעגנב׳עט און איז אַנטלאָ־פען געוואָרען צו זיין יודען... מיין קינד, אונזער שמעון, וועה איז מיר, איז דערווײלע ניטאָ... ווער ווייסט, וואו ער איז איצט, און וואו ער וואַ־גלעט אַרום אין אַזאַ שניי?!... אוי, מיין זוהן! מיין זוהן!

— אוי, דער האָהן! דער האָהן! — האָט איהר אפרים נאָכגעבורמעט פון גרויס כעס.

איך רעד וועגען מיין זוהן, און ער נאַ דיר גאָר, קומט מיט׳ן האָהן! — האָט זיך שרה פונאַנדערגעבייזערט — ער קען מיר אַלץ ניט מוחל

זיין די מעשה מיט׳ן האָהן. שוין וויפיעל מאָל האָב איך איהם, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז דער האָהן, דער פרעסער, איז אַליין אַראָב אין די יאַגדעס און איז שוואַרץ געוואָרען, און ער האַלט זיך אַלץ ביי זיין זאַך. אָט נעהם בעסער און לייען מיר נאָך אַמאָל איבער דעם בריעף, וואָס שמעון האָט איבערגעלאָזען פאַר זיין אַנטלויפען, טאָמער וועל איך עפּיס פון איהם קענען דערגעהען. נאָר זעה, אפרים, לייען אָקאָרשט ריכטיג, זעטץ מיר גוט איבער איטליכעס וואָרט, איך זאָל קענען גוט פערשטעהען.

אפרים האָט אַ ווײַלע אַ קלער געטהון. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דעם בריעף און האָט איהם איבערגעלייענט. אין בריעף איז אזוי געשטאַנען:

„צו מיינע טהייערע עלטערען, שלום!

מיט טרעהרען און מיט אַ ציטערענדיגער האַנד האָב איך גענומען די פעדער צו שרייבען אייך דעם דאָזיגען בריעף, איידער איך געה אַוועק פון אייער הויז! מיר טהוט זעהר וועה דאָס האַרץ, וואָס איך דאַרף פערלאָזען מיין געבורטס-שטאָדט און דאָס הויז פון מיינע עלטערען און אַרומצוואָגלען ווי אַ פויגל פון איהר נעסט. איך האָב מיך אָבער איבערגערעכענט און דערזעהען, אַז דאָ קען איך ניט פערבלייבען.

איך קען דעם טאַטען און איך וויים, אַז ער וועט מיך ניט אויפהערען צו שטראָפען און צו ברענגען מיינע טריט, אויב כ׳וועל אָבטרעטען פון זיין וועג כאָטש מעהר ניט ווי אויף אַ האָר. ער צעהלט מיינע טריט און ווערט אויף מיר אויפגעבראַכט פאַר יעדער קלייניגקייט, און איך, גאָט איז מיין עדות, קען מיך ניט פיהרען ווי ער וויל. וואָס זאָל איך טהון, אַז איך קען ניט זיטצען אין דער פינסטערניש, אַז איך קען מיך ניט איבערגעבען צום פאַנאַטיזם, אַז איך וויל מיך בילדען, און וויל געפינען ריכטיגע ענטפערט אויף די אַלע פראַגען, וואָס דערוועקען זיך אין מיר טאָג-טעגליך!"

— וואָרט, אפרים! — האָט זיך אַבגערופען שרה — גיעב מיר צו פערשטעהען, וואָס מיינט ער דאָ.

— שמעון שרייבט... שמעון זאָגט... — האָט אפרים געפּרובט איבערזעטצען דעם בריעף, און זעהענדיג, אַז איהם קומט דאָס אָן שווער, האָט ער געכאַפּט און אַ זאָג געטהון: שמעון שרייבט נאַרישקייט; ער שרייבט, אַז איהם איז ניט גוט צו זיטצען ביי די עלטערען.

— וועה איז מיר! — האָט שרה געזאָגט מיט אַ קרעכץ.

אפרים האָט ווייטער געלייענט:

— „צי בין איך דען שולדיג, אַז די ספרים, וואָס איך האָב גע־לייענט ביז אַהער, לערנען מיר ניט קיין רעכטס און קלערען מיר ניט אויף די וועלט? זיי זאָגען, אַז נאָר די גויים דאַרפען אַלץ וויסען און אַלץ קענען, און די יודען זענען דאָ אויף דער וועלט בלויז מקיים צו זיין די תרי״ג מצוות... איך האַלט, אַז דאָס איז אָבער ניט אַזוי. איך האָב פיינט יענע, וואָס גיעבען זיך אָן פאַר די פיהרער פון פאָלק און פערפיהרען איהם אין אַלע פינסטערע וועגען. אַפילו ווען דו וועסט מיך שלאָגען, הרג׳ענען, וועל איך פון מיינע געדאַנקען ניט אָבטרעטען. דו וועסט מיר נאָר צווינגען צו זיין אַ פאַלשער מענש, צו פערשטעלען זיך, אָנטהון אויף זיך אַ מאַסקע און ווערען אַ צבוע׳יאַק. וואָס איז אָבער דער סוף פון אַזאַ מענשען?...״

— גענוג, אפרים! — האָט שרה גענזאָגט — דו האָסט זיך אַזוי פיעל אָנגעלייענט, אַז דו האָסט זיך שוין פערמאַטערט, און מיר האָסטו נאָך גאָרנישט איבערזעטצט.

— וואָס זאָל איך זאָגען, און וואָס זאָל איך דיר איבערזעטצען? — האָט געענטפערט אפרים — נאַרישקייטען שרייבט שמעון, דורך נאַרישקיי־טען. גלויב מיר, אַז איך פערשטעה אויך ניט, וואָס ער פלוידערט דאָ.

— ווי זאָל איך דיר ניט גלויבען, ווען איך זעה ווי דו מאַטערסט דיך אַזוי און ווי דו שטעלסט דיך יעדע רגע אָב, עפּיס ווי דו ווערסט בעשטרויכעלט. אַז דו ביסט געווען יונג ווי שמעון, האָסטו אויך ניט גע־קענט שרייבען ווי ער, און מ׳האָט גוט געדאַרפט האָרעווען, ביז מ׳איז דורכגעקראָכען דיינע בריעף און מ׳האָט פערשטאַנען וואָס דו שרייבסט. אַז שמעון וועט ווערען עלטער און וועט זיין אין דיינע יאָהרען, וועט ער אויך קענען שרייבען. און אַז גאָט וואָלט געוואָלט, און ער וואָלט געוואָרען ירחמיאל׳ס אַ חתן, וואָלט איהם זיין שווער אויסגעלערנט גוט שרייבען. וויפיעל מאָל האָסטו דאָך געלויבט ירחמיאל׳ן, אַז ער איז אַ „ספרא רבא״ און פלעגסט מיר תמיד איבערזעטצען זיינע בריעף מיט גרויס פערגעניגען... אָבער אַ רוח אין זיין טאַטענס טאַטען אַריין! פּערענדיגט, אפרים לייענען דעם בריעף; אפשר וועסטו אין איהם פּאָרט עפּיס אויסגעפינען.

— „דעריבער — האָט אפרים ווייטער געלייענט — מוז איך אַוועק פון דיין שטוב. מיט דעם וועל איך אי מיר טהון אַ טובה, אי איך וועל זיין אַנ׳אָנלערנונג פאַר לייטען, זיי זאָלען ניט געוועלטיגען איבער זייערע קינדער מיט גוואַלד. גאָט שטראָפט ניט עלטערען פאַר קינדער,

„דעריבער טאַטע — האָט אפרים, ווייטער געלייענט, — איז פאַר מיר נישטאָ קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר צו פערלאָזען דיין הויז, דער־מיט וועל איך זיך אַליין האָבען געראַטעוועט, און אויך אַנדערע וועלען זיך פון מיר אָפּלערנען נישט צו געוועלטיגען מיט געוואַלד איבער זייערע קינדער; זאָלען זיי זעהען און זיך אַראָפּנעהמען פון מיר אַ מוסר, אַז מען טאָר נישט געוועלטיגען מיט׳ן שטעקען איבער דעם מענשענס נשמה און אַז אַ טאַטע טאָר נישט בעצווינגען דאָס האַרץ פון זיינע קינדער צו טהוען דערמיט ווי איהם געפעלט. אַ זוהן דאַרף ערליך האַל־טען דעם פאָטער מיט זיין געלד און מיט זיין פערמעגען, אָבער נישט מיט זיין נשמה, ער זאָל זי איבערענטפערען צום פאָטער אין האַנד אַריין, ער זאָל מיט איהר טהוען וואָס ער וועט וועלען, וואָרום די נשמות קעהרען צו גאָט. סיי די נשמה פון פאָטער סיי די נשמה פון זוהן, בעדאַרפען עהרליך האַלטען גאָט: לערנען און וויסען זיינע דרכים און אויסקלויבען זיך זיין וועג מיט דעם גוטען ווילען און מיט שכל, דערפאַר משפט גאָט אַליין אַלע מעשים פון דעם מענשען, און דערפאַר שטראָפט ער נישט דעם זוהן פאַ״ן טאַטען און נישט דעם טאַטען פאַר׳ן זוהן... יעדער מענש קלויבט זיך אויס איין וועג און דערפאַר געהט ער אין איהם בשלום און מיט שׂכל. אַזוי דאַרף זיך פיהרען דער מענש, לויט די רייד פון איינעם אַ געלעהרענטען ביי וועמען איך האָב דאָס געלעהרענט און צו וועמען עס געהערען אַ סך געדאַנקען פון מיין בריעף... זייט־זשע געזונד מיינע טייערע עלטערען! מיט אַ צעבראָכען האַרץ גע־זעגען איך זיך מיט אייך איידער איך פאַרלאָז אייך. ווער ווייסט ווען איך וועל אַ מאָל צוריקקומען כדי אייך צו זעהן? און ביז דער צייט, האָף איך, פאָטער מיינער! אַז דו וועסט מיר נישט זוכען, וואָרום אומ־זוסט וועט זיין דיין אַרבייט. נאָך אַ מאָל גרוסט אייך אייער זוהן, וואָס ווערט פערטריבען פון זיין פאָטערס טיש, שמעון״.

— אויך אין דעם בריעף האָט ער אַ סך אָנגעבאַטשקעט — האָט אפרים געזאָגט — נאָר ס׳איז נישטאָ וואָס צו לייענען אַ חוץ דעם גרוס צו אינז.

— אַ גרוס צו מיר! — האָט שרה זיך צעוויינט — וועה צו דער וויס־טער מאַמען! וואָס טויג מיר דאָס גרוסען און דאָס גאַנצע לעבען, אַז מיין קינד, מיין אויג אין קאָפּ, איז נישטאָ און בלאָנקעט זיך ערגעץ אַרום אויף גאָטס וועלט! דו, אפרים, דו, נאָר דו ביזט שולדיג אין אַלע צרות, שטענדיג ביזט צו איהם שלעכט געווען און מיט חרפה

איהם געפּאַטשט, שטענדיג איהם מבזה געווען און נישט גערעדט צו איהם קיין גוט וואָרט, ווי עס רעדט אַ טאַטע צו אַ קינד.

—צו וואָלט דיר דען בעסער געווען—האָט אפרים געזאָגט—ווען איך וואָלט איהם געלאָזט טוהן וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט? מען וואָלט דיר דאָך פערשאָלטען, ווארום דו ביזט דאָך די מאַמע וואָס האָסט איהם געבוירען. און פונדעסטוועגען זאָרג נישט. שרה! הער אויף צו וויינען און גיעסען מיט טרעהרען ווייל אַלץ וואָס ער שרייבט אין זיין בריעף איז נאַרישקייט, ס'איז נאָר גלאַט גערעדט אַזוי, ס'וועט געדויערען נאָך עטליכע טעג, וועט זיך איהם אויסלאָזען דאָס ביסעל געלד, וואָס ער האָט און ער וועט מיד ווערען פון אַרומבלאָנקען זיך, וועט ער זיך בעדענקען און וועט צוריק קומען. האָב נישט מורא שרה, ער וועט קומען, אַליאַדע טאָג וועט ער אָנקומען.

שרה האָט איבערגעווישט די טרעהרען, ווארום דעם מאַנס ווע[illegible] טער האָבען זי געטרייסט.

—ווען דו ווילסט מיך פאָלגען—האָט אפרים געזאָגט—וואָלט איך דיר געראָטען אָנצוצונדען אַ לאָמפּ, ווארום דער אָווענד פאַלט צו און לאָמיר אַריינגעהן זוכען אין שמעונס חדר, אפשר וועלען מיר נאָך דאָרט געפונען פון זיינע טרפהנע ביכלעך, וואָס האָבען איהם אַראָב-געפיהרט פון גלייכען וועג, וועלען מיר זיי אויסרוימען, כדי, ווען ער וועט צוריקקומען, זאָל ער זיי שוין מעהר נישט געפונען און זיי וועלען איהם מעהר ניש פערפיהרען.

ט.

די „רעוויזיע״

ווען אפרים האָט אויפגעמאַכט די ספרים־שאַנק אין שמעונס חדר, האָט שרה געזאָגט: „רבונו של עולם, זאָל אַריין אַ שד אין מיינע פיינד און זאָלן משוגע ווערען מיינע שונאים, פון זיי, אַט פון די ביכער קומט מיר מיין גאַנץ אומגליק.״

—לייכט צו בעסער—האָט אפרים געזאָגט צו זיין ווייב—איך זאָל קענען זעהן וואָס דאָ טהוט זיך.

—אויב דו וועסט אַרויסנעהמען פון שאַנק יעדעס ביכעל באַזונדער—האָט שרה געענטפערט וועסטו דאָך ביז מאָרגען אויך נישט ענדיגען; און איך האָב נישט קיין צייט דאָ צו שטעהן. צו מיינסטו אַז איך האָב ווייניג אַרבייט אין שטוב? פּאָלג זשע מיך, וואַרף אַרויס פון שאַנק אַלע ביכער מיט אַמאָל וועל איך אַהער אַריינשטעלען די לאָדישעס און אָבהיטען דאָס ביסעל מילכיגס פון אונזער קאַץ די פּרעסערקע.

—חלילה! אַזוי טאָר מען נישט—האָט אפרים געזאָגט—טאָמער זענען דאָ פאַראַן אויך אמת'ע ספרים. חלילה, איך וועל דאָס נישט טהוען. איינציגוויז וועל איך זיי אַרויס נעמען און אָבשיידען גוטס פון שלעכטס, און אויב דו ווילסט, שרה, קענסטו מיר אויך צו העלפען, וואָרום די „מערידען" האָבען זיך מיר היינט צושפּיעלט און דער קושיוש ברעכט מיר שטאַרק...

—איך בין דאָך אַ פּראָסטע יודענע—האָט שרה געענטפערט—ווי אַזוי זשע וועל איך וויסען וואָס דאָס איז?

—דו מיינסט האָט אפרים געזאָגט—אַז כדי צו דערקענען די דאָזיגע נייע חקירה ביכלעך דאַרף מען לייענען וואָס אין זיי איז געשריבען?—חלילה! וואָרום „אַ יוד טאָר נישט לייענען אין די ספרים חיצונים און טאָר נישט רעדען פון קיין שום חכמות חיצונים".

—און אויב מען לייענט נישט וואָס דאָרט שטייט בעשריבען—האָט שרה געפרעגט מיט וואונדער—ווי אַזוי זשע ווייסט מען אַז די ביכער טויגען נישט? טאָמער וועלען זיי גאָר האָבען אַ גוטע פּעולה ווען מען וועט זיי לייענען?... נישט אַנדערש נאָר די שפּעטסט פון מיר אפרים, שפּעטסט אָב פון אַזאַ פּראָסטער יודענע ווי איך בין.

פון דער דאָזיגער נאַאיוועד שאלה איז אפרים געוואָרען שטאַרק געפּלעפט, אַ ווײַלע האָט ער געשוויגען, נאָר באַלד האָט ער געזאָגט צום ווייב מיט פּערדרוס:

—איך האָב דיר שוין אַזוי פיל מאָל געזאָגט, דו זאָלסט מיר נישט פרעגען אַזעלכע נאַרישע קשיות, די דאָזיגע ביכלעך זענען טרפה, אַזוי האָטען געזאָגט אונזערע חכמים.

—אויב זיי האָבען אַזוי געזאָגט—האָט שרה ווייטער גערעדט תּמ'עוואַטע—האָבען זיי זיך מן הסתם די דאָזיגע טרפה ביכלעך.

—שרה!—האָט אפרים אויסגעשריען בייז,—פערמאַך דאָס מויל און זאָלסט מעהר נישט ריידען אַזעלכע ווערטער.

—אפרים!—האָט אויך שרה אויסגערופען אין כעס,—וואָס איז, וואָס? וואָס האָסטו זיך עפּעס גענומען אַ צייט היינט פאַרנאַכט מיך צו לערנען ריידען, צו פייניגען און פערמאַטערן מיט אַזעלכע זאַכען, וואָס קעהרען זיך נישט אָן צו מיר. לאָז מיך צופרידען, אפרים! לאָז מיך אָב, איך וועל געהן צו מיין אַרבייט, און דאָ שטעה דיר דאָ און גראַבעל דיר צווישען די ספרים.

—העלף מיר צו,—איז אפרים ווייכער געווערען.—העלף מיר צו, שרה, ווייל ס'איז מיר שווער אַליין, איך בין דאָך נישט געזונד!

—און ווי אַזוי וועל איך וויסען, וועלכעס ס'איז גוט און וועלכעס שלעכט?—האָט שרה געפרעגט דעם מאַן, וואָס האָט איהר האַרץ ווייך געמאַכט מיט זיינע תחנונים-רייד.

—איך וועל דיך אויסלערנען בקיצור די סמנים,—האָט אפרים ווייטער גערעדט מיט גוטע ריידעלעך און זיך געבעטען ביים ווייב, וואָס ער האָט איהר פריהער דערצערנט.—זיי וויסען, שרה, אַז גאָט צו דאַנקען איז ביי אונז אין דער מדינה נישטאָ מעהר ווי צוויי יודישע דרוקערייען—איין דרוק אין ווילנאָ און די אַנדערע אין זשיטאָמיר. אין דער ערשטער דרוק דרוקט מען סיי גוטע ספרים, סיי שלעכטע ביכער. נישט אַזוי אָבער איז אין דער אַנדערער, וואָס האָט אַ רוהם אויף דער וועלט מיט איהרע הייליגע ספרים. דאָרט האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געדרוקט דידאָזיגע נייע ביכלעך לויט'ן דקדוק.

—וואָס איז דאָס אַזוינס דיק-דיק?—האָט געפרעגט שרה, וואָס האָט נישט געקאָנט אַרויסזאָגען דאָס וואָרט דקדוק.

אפרים איז ווידער געבליבען געפלעפט פון זיין ווייבס שאלה און נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ביז אַהער האָט ער נישט גע-טראַכט צו וויסען וואָס איז טאַקע אַזוינס אין דער אמת'ן דקדוק. לאָטש שטענדיג האָט ער אויסגערעדט אַלדאָס בייז אויף דעם דקדוק און אויף אַלע וואָס האַלטען פון דעם. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אפרים האָט זיך פערטראַכט צו וויסען וואָס דאָס איז אַזוינס כדי צו ענטפערן דעם ווייב, וואָס האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ מענש אַ גאַנצען ווייסער, ווי אַלע ווייבער, וואָס האָבען אָבשיי פאַר זייערע מענער און טראַכטען ביי זיך, אַז אַלץ ווייסען זיי, וואָרום זיי זענען דאָך ג ר ו י ס ע, וואָס האָבען ווייבער און קינדער און אַ לאַנגע באָרד...

—ס'איז זעהר שווער,—האָט אפרים אָנגעהויבען שטאַמלען ווי אַ שטומער, נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געזוכט צו געבען אַנ'ענטפער לויט זיין כבוד און דעם כבוד פון באָרד,—זעהר שווער דיר צו געבען צו פערשטעהן... צו ערקלערן פאַר אַ יודענע אַזאַ זאַך איז זעהר שווער... און נאָך וואָס דאַרפסטו דאָס וויסען? דעריבער הער מיך אויס, שרה און ווייס: אין זשיטאָמיר איז קיינמאָל נישט געדרוקט געוואָרען די נייע מליצה-ספרים, און אַז דו וועסט אַרויסנעמען אַ ספר פון דער גרויסער שאַנק, וועסטו אַ קוק טהון אויף דעם פאָדערבלאַט, אויב דאָס ספר איז פון זשיטאָמיר, זאָלסטו דאָס אַוועקלעגען בעזונדער, ווארום דאָס איז אַ כשר הייליג ספר.

—און וואָס זאָל איך טהון,—האָט שרה געפרעגט,—אויב אויפ'ן ספר וועט שטעהן ווילנאָ? דאָרטען, ווי דו זאָגסט, ווערען דאָך געדרוקט שלעכטע און גוטע ספרים.

—די מליצה-ספרים,—האָט אפרים ווייטער איבערגעגעבען סמנים זיין ווייב,—האָבען ברייטע בלעזען אַרום און זענען געדרוקט מיט קורצע שורה'לעך און מיט צייכענס, פינטעלעך, און כל'ערליי פאַסעקלעך; דעריבער זאָלסטו וויסען, אַז יעדער ספר וואָס איז געפינטעלט, מיט ברייטע און קורצע שורה'לעך איז עס אַ שלעכטער ספר!...

—איצט האָב איך עס שוין צעקייט!—האָט שרה געזאָגט צו איהר מאַן.—שטעל זיך אַרויף, אפרים, אויף דעם בענקעל און דערלאַנג מיר אַראָב די ספרים, און איך וועל שוין אַליין געבען, איצט וועל איך זיך שוין קאָנען פערשטעהן אויף די ספרים אַזוי גוט, ווי דו אַליין!...

אפרים האָט אַ ביסעל אָנגעבלאָזען אַ בייז פנים, הערענדיג דעם ווייבס תמ'עוואַטע רייד, וואָס האָבען דערנידעריגט זיין כבוד, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטען און האָט נאָר אויסגעדריקט זיין שווער געמיט מיט אַ ציה פון די אַקסלען. ער איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן בענקעל, האָט אַרויסגענומען פון שאַנק איין ספר און דערלאַנגט דעם ווייב.

—זשיטאָמיר!—האָט שרה אויסגערופען פרעהליך און בשמחה'דיג.

—לעג עס אַוועק אויפ'ן טיש,—האָט אפרים געזאָגט, אַראָבבויגענדיג זיך אַ קוק צו טהון אויפ'ן ספר.—דער מחבר פון דעם ספר איז דער „בוצינא קדישא"!...—נאַ דיר נאָך אַ ספר.

—זשיטאָמיר!—האָט שרה אויסגערופען מיט אַ פרעהליך הארץ.

—פון ווייטען דערקען איך דאָס טייערע ספר,—האָט אפרים געזאָגט,—הייליגע זאַכען געפינען זיך אין איהם און דער מחבר איז דער

„פטיש החזק״!... לעג עס אַוועק אויפ׳ן טיש און נאַ דיר נאָך אַ ספר.
—זשיטאָמיר!—האָט שרה אויסגערופען מיט שמחה.
—אויך דאָס ספר דערקען איך, ס׳איז אַ הייליג ספר, זיינע פירושים אויף תורה און אויף די הפטורות זענען גאָר הפלא ופלא, דער מחבר איז „עמוד הימיני״!... לעג עס אַוועק און נעם צו פון מיר אָט דאָס ספר.
די ספרים זענען געווען אויסגעשטעלט אין צוויי שורות. איין שורה אַריין ביי דער וואַנד און איין שורה אַרויס צו דער שטוב. אפרים האָט אַרויסגענומען אַלע ספרים פון דער אויסענוועניגסטער שורה און האָט אין זיי קיין שום שלעכטס נישט געפונען.
—מיינע שונאים אויף צעזעצעניש!—האָט שרה געזאָגט מיט גרויס געפיהל.—זאָלען מיינע שונאים זעהן די רעכטפאָרטיגקייט פון מיין זוהן,—וייל נאָר אין מוסר-ספרים און גאָטספאָרכטיגע ספרים לערנט ער. און דו, אפרים!—האָט זי געשריען אויף אַ קול,—גאָר אומזיסט האָסטו געשלאָגען מיין קינד און האָסט איהם פערטריבען פון מיינע אויגען. איבער דיר בלאָנקעט ער זיך נעבעך אַרום ווי אַ פויגעלע, וואָס איז פערבלאָנקעט געוואָרען פון דער נעסט און ליידט הונגער און קעלט. דו, דו, דו נאָר האָסט פערשטערט מיין גאַנצע פרייד, מיינע שבתים און יום-טובים! גיב מיר צוריק מיין זוהן, אפרים!... אויב נישט, וועל איך אויך אַנטלויפען... כ׳וועל אַנטלויפען, ווי איך בין אַ יודיש קינד!...
—בערוה׳ג זיך און שוויג!—האָט געענטפערט אפרים, וואָס איז שטאַרק נשתומם געוואָרען פון דעם אַלעמען און האָט זיך פערקרימט, הערענדיג דעם ווייבס געשרייען.—וואַרט צו נאָך אַ ווײַלע, און לאָמיר זעהן וואָס טהוט זיך אין דער אַנדערער שורה.
שרה האָט געקוקט אויפ׳ן שער-בלאַט פון ספר, וואָס דער מאַן האָט איהר דערלאַנגט, האָט שטיל אָבגעזיפצט און געדרעהט דאָס ספר אויף אַלע זייטען.
—וואָס-זשע שוויגסטו?—האָט אפרים געפרעגט.
—איך קען נישט לייענען!—האָט שרה געענטפערט.
—ועה, וועה!—האָט אפרים אויסגערופען, אַ קוק געבענדיג אויף דעם ספר,—דאָס איז דאָך אַ בוך פון די גוי׳שע ביכער! זעהסט שוין איצט ווער דיין זוהנדעל איז. דאָס האָט ער אומישנע אַזוי געמאַכט, כדי צו בעהאַלטען זיינע טרפה פסול׳ן אונטער די הייליגע ספרים!...

—וואָס שטעהט דאָרט, אין די גוי׳שע ביכערז—האָט שרה גע־פרעגט.—מיר, יודען, לערנען, האָבען מיר אַ תורה, מיט מוסר־ספרים, דינים און געזעצען, אָבער די גוים לערנען דאָך נישט... אויך זייערע קינדער לערנען דאָך נישט אין חדר ביי מלמדים, ווי אונזערע קינדער... דערויף זענען זיי דאָך גוים!...

—אַלע גוי׳שע ביכער,—האָט אפרים געענטפערט,—זענען איין פוסטע נאַרישקייט. פון איינעם אַ משומד, האָב איך געהערט, אַז די גוים האָבען נישט אַזעלכע ספרים ווי מיר, יודען, האָבען, וואָס זאָלען דערקוויקען דאָס האַרץ און שאַרפען דעם שכל, און ווען ביי זיי איז חגא, ווערט זיי מיאוס דאָס לעבען פון אַרומגעהן פוסט און פאַסט, וואָרום זיי האָבען נישט וואָס צו לערנען... און דעמאָלט האָט ער נישט קיין אַנדער ברירה ווי צו לערנען משניות און זאָגען תהלים... און נאָך איינער אַ משומד האָט מיר דערצעהלט, אַז די גוי׳שע ביכער זענען אָהן שכל און ברענגען נישט קיין שום נוצען, דאָרט רעדט זיך פון נאַרישקייטען און שפּעטערייען: נאָכאַמאָל עפּעס אַ מעשה מיט אַ בתולה, וואָס בענקט נאָך איהר ליבהאָבער... און ווידעראַמאָל אַ מעשה מיט עפּעס אַ בחור, וואָס גלוסט דעם חבר׳ס ווייב... און עפּעס אַ מעשה מיט צוויי שררה׳ס, וואָס איינער האָט דעם אַנדערן אַ ביסעל פוגע בכבוד געווען, נעהמען דידאָזיגע משוגעים נאַראָנים און שיסען זיך איינער דעם אַנדערן... און ווידעראַמאָל אַ מעשה מיט עפּעס אַ יפת תואר און מיט אַ מויד, וואָס מען האָט איבערגערעדט, און מיט עפּעס אַ יונגער שענער אַלמנה...

ריידענדיג, האָט אפרים אַ סך מאָל אויסגעשפּיגען און האָט דער־לאַנגט דעם ווייב אַן׳אַנדער ספר, נאָכדעם ווי ער האָט אָוועקגעשמיצט דאָס ערשטע ספר.

שרה האָט געקוקט אויפ׳ן פּאָדערבלאַט און האָט געשוויגען.

—וואָס שווייגסטו שוין ווידערז—האָט אפרים געפרעגט.

—ווילנאָ!...—האָט שרה אַ רישטשע געטהון.

—זעהסטו שוין, זעהסטו שוין דיין זוהנדעלס מעשים?—האָט אפרים זיך געקאָכט,—דיין זוהנדעל האָט זיך שטענדיג געסטאַרעט מיך אָבצונאַרען און פערבעהאַלטען זיין שלעכטס, מיש נאָר איבער די בלעטער און זעה וואָס דאָרט איז.

—ס׳איז דאָ פינטעלעך מיט פּאַסקעלעךו—האָט שרה געענטפערט מיט אַ זיפץ.

—וואַרף עס אַרונטער אונטער׳ן טיש! נאַ דיר נאָך אַ גרויס שווער ספר.

—ווילנאַ... פינטעלעך מיט פּאַסקעלעך!...—האָט שרה געענטפערט מיט אַ ביטער האַרץ.

—אונטער׳ן טיש!—האָט אפרים אויסגעשריען.—קוק נישט, וואָס דאָס איז אַזאַ שווערער און שענער ספר, וואַרף אַרונטער, וואַרף אָהן שום דרך ארץ!

—ווי הייסט דאָס ספר?—האָט געפרעגט שרה, וואָס האָט געוואָלט אָבגעבען כבוד דעם ספר פאַר זיין גרויס און שווערקייט.

—דאָס איז אַ ספר פון תנ״ך מיט אַ פירוש. וואַרף אַרונטער!

שרה האָט זיך אַ ביסעל געקווענקעלט און נישט געוואוסט וואָס צו טהון, נאָר באַלד איז זי צו זיך געקומען און מיט כח געגעבען אַ שמיץ אַוועק דאָס ספר, אַז די פּאָדלאָגע האָט אַ ציטער געטהון פון דעם שווערען פאַל און דאָס איז געווען דער ספר בראשית!...

י.

און דער באָק האָט בעוויזען זיין גבורה.

צומאָרגענס פאַרנאַכט, איז שרה אַרויס פון איהר שטוב און האָט עפּעס געטראָגען אַ זאַק אונטער דער פּאַטשיילע. כדי מ׳זאָל נישט בע-מערקען וואו זי געהט, האָט זי זיך געלאָזט דורך די שמאָלע ענגע געסלעך, וואו קיין מענשליכער פיס טרעט נישט; נאָר צו איהר ווערה-טאָג און אויף צעפּיקעניש, האָט זי דערזעהן ווי אַ יודענע קומט איהר אַקעגען און זי קאָן איהר נישט אויסמיידען, און אַז זי איז אָבגעגאַנ-גען נאָך עטליכע טריט מיט אַ ציטערדיג האַרץ, ווי אַ גנב, האָט זי זיך אָנגעטראָפען מיט חנה די טוקערין.

—ווערה, ווערה איז מיר!—האָט חנה זיך צעשריען דערזעהענדיג שרה׳ן.—איהר געהט אודאי איצט טבולה און איך האָב נישט אָנגע-גרייט קיין וואַרימע מקוה!... זייט מיר מוחל, שרה, איהר אַליין זענט שולדיג, פאַרוואָס האָט איהר נישט געשיקט מיר אָנזאָגען, אַז איהר וועט קומען? אָבער—האָט זי ווייטער גערעדט,—גיט אַהער דעם האַנ-

טוך, דאָס העמד און אַלץ וואָס איהר האָט אונטער דער פאַרטשיילע. וועל איך עס טראָגען און געהן מיט אייך.

שרה איז געבליבען שטעהן שטאַרק צוטומעלט און נישט גע-וואוסט וואָס צו ענטפערן. אַ פּאָר מינוט האָט זי געשוויגען, דערנאָך האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט עטליכע ווערטער, כמעט נישט וויסענדיג אַליין וואָס זי רעדט:

—געה געזונטערהייד, חנה! איך געה... איך געה וואו איך דאַרף געהן...

—ערגעץ אַנדערש געהסט איהר? איהר האָט מיך ממש מחיה גע-וועזן, שרה, איהר האָט מיך דערקוויקט, גאָט זאָל אייך דערקוויקען. אַ שטיין פון האַרץ איז מיר אַראָב—אַ גוט לעבען זאָלט איהר האָבען. און וואו, כ׳בעט אייך, געהסט איהר דאָס, שרה?

—איך געה... כ׳געה, חנה, וואו איך דאַרף געהן...

—אויף וועלכע זשע זאָל איך צוגרייטען אַ וואַרימע מקוה? איך שווער, אַז איהר וועט ווידער פערגעסען מיר מודיע צו זיין צו דער צייט.

—כ׳על נישט פערגעסען, אויף מיין וואָרט, אַז איך וועל נישט פערגעסען!—האָט שרה געענטפערט און געהאַפּט אַזוי אַרום זיך אַרויס-צודרעהען פון חנה׳ן.

—וואָס אַזוינס טראָגט איהר אונטער דער פאַרטשיילע?—האָט גע-פרעגט חנה, וואָס האָט נאָך גאָרנישט געטראַכט איהר צו פערלאָזען.

—גאָרנישט, גאָרנישט,—האָט געענטפערט שרה און זיך גענומען אַוועקגעהן.

—צי איז עס טאַקע אמת?—האָט חנה ווידער געפרעגט אָנכאַפּענ-דיג שרה׳ן ביים קליידעל און נישט געלאָזט אַוועקגעהן,—צי איז טאַקע אמת, אַז אייער זוהן איז אַנטלאָפען און מען ווייסט נישט וואו ער איז אַהינגעקומען?...

שרה איז ווידער געבליבען געפלעפט און האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

—ווען איהר ווילט מיך הערען, פאָלגט-זשע מיך,—האָט חנה געזאָגט,—און כאַפּט זיך אַריין צו די ציגיינערקע דער מכשפה, וואָס וואוינט אונ-טער׳ן שטאָדט ביים אַלטען בית-עולם, און זי וועט היילען אייערע וואונ-דען... פאַר יאָהרען איז צו איהר געקומען אַ יונג ווייבעל, וואָס האָט גע-טרויערט נאָך איהר מאַן, וועלכער איז פון איהר אַוועק שוין אַ צייט

מיט יאָהרען. זי איז שוין אויסגעוועזען ווי די וועלט האָט אַנ׳עק, ביי בעל-שם׳ען, ביי הייליגע צדיקים, און קיינער האָט איהר נישט גע-קאָנט העלפען. נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל קומען אין שטעד-טעל, וועמען זי זאָל קיין פדיון נישט דערלאַנגען,—און קיין הילף איז נישט געווען. איז זי געקומען צו דער ציגיינערקע ביי איהר בעטען, זי זאָל היילען איהרע וואונדען און אַראָבברענגען איהר דעם מאַן איהרען. איז זי מיט איהר פאַרנאַכט אַרויסגעגאַנגען און מיטגענומען איהרע כשופ׳ן, האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין מיטען וועג, דאָרט ווי צוויי וועגען צעשיידען זיך, נעבען אַ מיהל אַ חורבה, האָט געמאַכט אַ פייער און צוגעשטעלט אַ טאָפּ מיט ביינער און מיט געדערים פון כל ערליי שרצים, און זי האָט אָבגעשפּראָכען און געמאַכט פערשידענע צייכענס, ביז דער טאָפּ האָט אויפגעזאָדען, דעמאָלט האָט זי געזאָגט צו דעם ווייבעל: קוק אַריין אין טאָפּ און זאָלסט זיך נישט שרעקען פאַר דעם, וואָס דו וועסט דאָרט זעהן. האָט דאָס ווייבעל געטהון ווי זי האָט איהר געהייסען און אַריינגעקוקט אין דעם זודיגען טאָפּ און האָט געזעהן, ווי עס גְעהען דורך גאַנצע מחנות שדים מיט רוחות און דער קעניג זייערער געהט פאָראויס, דערנאָך איז דורכגעגאַנגען לילית מיט איהר גרויס חיל, און די שדים שפּרינגען אַרום ווי די יונגע קעלבער, יעדער פון זיי האָט אַ האָרן צווישען די אויגען און אַ לאַנ-גער ווידעל שלעפּט זיך נאָך אויף דער ערד, אַלע האָבען היהנערישע פיס מיט זעהר לאַנגע שאַרפע נעגעל. ביי אַלע דערגרייכען די אַרויס-געשטעקטע צינגער ביז׳ן אָפּעל און די אויגען לויפען הין און צוריק און בלישטשען ווי די שלאַנגען אין זייערע היילען. דאָס ווייבעל האָט זיך געשטאַרקט און האָט זיך נישט געשראָקען פאַר זייערע מורא׳דיגע פנימ׳ער און פאַר די הענד, וואָס זיי האָבען קעגען איהר אויפגעהוי-בען, וואָרום די מכשפה האָט געמאַכט אַנ׳עיגול אַרום איהר און די שטעהט זיך אין דעם עיגול. פלוצלונג האָט איהר אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש און וועהען, ווי אַ געוויינערין און זי האָט מורא׳דיג אָנגעהוי-בען צו שרייען.—האָב קיין מורא נישט,—האָט די מכשפה געזאָגט,— וואָס האָסטו געזעהן?—האָט דאָס ווייבעל געענטפערט: מיין מאַן האָב איך געזעהן, ווי ער געהט אויף פון דער ערד און געהט אין זיין אַלטער קאַפּאָטע, וועלכע ער איז געגאַנגען ווען ער איז נאָך אין דער היים געווען!—געה געזונטערהייד אַהיים!—האָט די ציגיינערקע געזאָגט.— איך זאָל אַזוי זעהן גוטס, ווי דו וועסט נאָך היינט ביינאַכט זעהן

דיין מאַן!...—און ווי נאָר דאָס ווייבעל האָט זיך ביינאַכט געלעגט און איז אַנטשלאָפען געוואָרען, און דער מאַן קלאַפּט אין לאָדען: עפען מיר, מיין ווייב! עפען מיר, מיין טייערע, מיין גאָלדענע! איז זי אויפגעשטאַנען און געעפענט, און דער מאַן איז אַריינגעפלויגען רייטענדיג אויף אַ קאָטשערע און אין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ בעזעם!...

חנה׳ס וואונדערליכע מעשה האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו שרה׳ן אין האַרצען, פון איהר פּנים איז געווען צו זעהן, אַז די דאָזיגע עצה איז איהר זעהר געפעלען.

—חנה טייערע!—האָט שרה געזאָגט, אָנכאַפּענדיג חנה׳ס האַנד מיט ליבשאַפט און פריינדשאַפט,—זייט אַזוי גוט, חנה, מיין קרוין, קומט צו געהן צו מיר מאָרגען, וועלען מיר איבערשמועסען. איצט געהט געזונטערהייד אייער וועג און איך וועל מיר געהן מיין וועג.

—זייט מיר געזונד ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר מיט אייער מאַן און מיט אייערע קינדער,—האָט חנה געזאָגט נאָך אַלץ נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט.—מאָרגען, מיט גאָט זיין הילף, וועל איך קומען, וועלען מיר צוזאַמען געהן צו דער ציגיינערקע, וואָס היילט צובראָכענע הערצער. נאָך היינטיגס יאָהר האָט געטראָפען און עס איז געקומען דער מכשף, וואָס האָט פערשטעלטערהייד אויסגעמאָלקען די מילך פון דער שכנה׳ס קוה, ער האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ קאַץ און צוגעקומען ביז צו מיין שכנה׳ס שטוב, דאָס איז געווען פונקט אין דער צייט ווען די ציגיינערקע האָט דאָרט געקאָכט איהר געקעכטס, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טהיר און ביטער געאָכצט פון גרויס בויך-וועהטאָג, און אַז ער האָט געזעהן, אַז זי וועט זיך אויף איהם נישט דערבאַרמען און וועט די טהיר נישט עפענען, האָט ער זיך פערשטעלט פאַר אַ הונד, פון אַ הונד איז ער געוואָרען אַ ציג, און זיך צעמעקעט ווי אַ ציג, פון אַ ציג איז ער געוואָרען אַ קוה, פון אַ קוה אַ חזיר, פון אַ חזיר איז ער געוואָרען איהר מאַן און האָט זיך געבעטען, נאָר אומזיסט, און פון איהר מאַן... יאָ, איך האָב מיר נאָר וואָס דערמאָהנט!... איהר ווייסט וואָס זי האָט געטהון מיט דעם רויטען יצחק, וואָס בלאָנקעט זיך אַרום נאָך זיין טויט אין עולם התהו? איינמאָל פאַרנאַכט טרעפט זי איהם ביי...

חנה האָט זיך איצט געוואָלט נעהמען דערצעהלען פאַר איהר די גאַנצע מעשה פון אָנהויב אָן מיט אַלע פּליטערלעך און פינטעלעך,

נאָר אַז די האָט ‹ערזעהן, אַז שרה שטעהט נישט נעבען איהר, האָט זי אויך גענומען און איז אַוועקגעגאַנגען.

און שרה איז אַוועק צו דער שוהל, איז אַרויף מיט די טרעפ אין דער ווייבערשער שוהל אַריין, איז צוגעגאַנגען צו אַ גרויסען הילצערנעם קאַסטען, וואָס איז געשטאַנען צו צפון-זייט פון דער טהיר, ביים סאַמעראָדנע אַריינגאַנג, אַזוי איז שוין פון אייביג אָן דער מנהג אין כסלון, אַוועקצושטעלען אין דער ווייבערשער שוהל אַזאַ קאַסטען, אין וועלכען עס ליגען פערשידענע הייליגע זאַכען: רצועות און אַלטע תפילין [illegible]אַטעס פון אַנ'אַלטען טלית און פון אַ יאַרמעלקע, שטיקלעך פון אַ פרוכת, פערפוילטע איינגעשמירטע בלעטער פון פערשידענע ספרים, אָבגעקלאַפּטע הושענות און פערדאַרטע הדסים, אויך אַ סך ערד און זאַמד פון די קאַסטענס, וואו יום-כפור האָבען געברענט וועקסענע ליכט, און נאָך אַ סך אַזעלכע זאַכען. אין דעמדאָזיגען קאַסטען האָט שרה געוואָלט אַריינוואַרפען דעם ספר בראשית, וואָס איז נעכטען אַרונטערגעוואָרפען געוואָרען אונטער'ן טיש ווי אַנ'אומווירדיגע זאַך, און וואָס לויט דעם מאַנס בעפעהל איז אויף איהם נגזר געוואָרען, ער זאָל בעהאַלטען ווערען אין דער ערד, און דאָס זאָל איהר גערעכענט ווערען פאַר אַ מצוה.

און פלוצלונג האָט זי בעקומען אַ מורא'דיגען קלאַפּ, האָט זיך פערטשעפּעט און געפאַלען!

די מעשה דערפון איז אַזוי געווען:

די שטאָדט כסלון פערמאָגט אַ סך קיה און איז פול מיט ציגען, און ‹וייל יודען האָבען נישט קיין שטאַלען און קיין פּאָדוואָזשען, וואָרום יודען זענען זיך אַנ'אָבגעזונדערט פאָלק פאַר זיך, און האָבען ליב צו וואוינען צונויפגעקוועטשט אינאיינעם, אַ שטוב ביי אַ שטוב, אַז עס בלייבט נישט אין מיטען קיין לעדיג שטיקעל פלאַץ וואו אַרויסצושטעקען די נאָז, דעריבער וואַלגערן זיך די בהמות אויף די גאַסען און נעכטיגען אויף די מיסטען, נאַכדעם ווי זיי גיבען אָב זייער מילך צו זייערע בעלי-הבתים. און נישט איינמאָל טרעפט, אַז דער וואָס געהט ביינאַכט ווערט אָן זיי געשטרויכעלט: ער טרעט אָן אויף אַ קעלבעל אָדער אַ בהמה און פאַלט אויף זיי. און אַ סך מאָל האָט שוין געטראָפען, ווי נאָר אַ מענש פאַלט אַרויף אויף אַ בהמה, גיט זיך די קוה פלוצלונג אַ שטעל אויף און הויבט אָן לויפען מיט דעם מענש, וואָס בלייבט אויף איהר רייטענדיג און האַלט זיך אָן אָן

איהרע הערנער! די ציגען ווידער, וואָס זענען פלינקע בעשעפענישען, קלעטערן אַרויף אויף די טרעפּלעך פון די קלייטען, קריכען אַרויף אויף די דעכער און שעמען זיך נישט אָבצוטהון אַ מיאוסע זאַך, אויסצועסען דאָס שטרוי פון די קראָקוועס אַראָב. אַ טייל ווידער האָבען זיך שוין אַנ׳אויסגעטראָטענעם וועג אין שוהל אַריין. דאָרט לעקען זיי די וואנד אויף וועלכע יעדער איז משתין, און נעכטיגען איבער אין דער ווייבערשער שוהל, וואָס שטעהט שטענדיג אָפען. דאָרט נעכטיגט אויך דער שטאָדט-באָק, וואָס ווערט געקויפט פאַר קהל׳יש געלד. דאָרט ליגט ער זיך מיט כבוד, ווי אַ האַר, צווישען זיין כאַליאַסטרע געליבטע ווייבער... אָט אַזוי פיהרען זיך די בהמות און ציגען אין דער שטאָדט כסלון!

און ווען שרה האָט שוין געוואָלט אַוועקגעהן, האָט זי נישט געזעהן און אָנגעטראָפען דעם ר׳ באָק, וואָס איז זיך געלעגען נעבען זיינע ציגען, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי אַ גבור, וואָס איז פער׳-שכור׳ט פון וויין, האָט זיך געוואָרפען אויף איהר און האָט איהר אַ זעץ געטהון מיט זיינע גרויסע הערנער. האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געשריי און געפאַלען אין חלשות.

אין דער צייט איז זיך דער עולם צונויפגעקומען צו מנחה, און אַז זיי האָבען דערהערט דאָס געשריי, זענען זיי שטאַרק דערשראָקען געוואָרען.

—דאָס שרייט שוין די משוגע׳נע!—האָט דער שמש בייז געזאָגט.—נאַר וואָס אַז איך האָב זי פון דאָרט אַרויסגעטריבען און זי איז שוין ווידער דאָ, און מאַכט שוין איהרע משוגע׳נע שטיק. דעם קאָפּ נעהמט זי מיר אַראָב, אויסהאַלטען קאָן איך נישט פון איהר.

—שלעפּט זי אַראָב, שלעפּט זי אַראָב!—האָבען אַלע מיטאַמאָל געשריען.

—דאָס לעצטע מאָל וועט עס איהר שוין זיין!—האָט דער שמש זיך געקאָכט.—איך וועל זי איצט אַזוי אַראָבטרייבען, אַז זי וועט שוין אַהער קיינמאָל נישט צוריקקומען.—אַזוי רעדענדיג האָט ער אַרויסגענומען פון אָרון דעם קאַנטשיק, וואָס איז דאָרט געלעגען פון איין יום-כפור צום אַנדערן אויף שלאָגען מיט איהם מלקות.

-קומט חברה!—האָט אויסגערופען איין יונג—דער גרעסטער לאָבוז פון אַלע,—קומט, לאָמיר אויך געהן, לאָמיר שלאָגען די משוגע׳נע און אויך נישט שאַנעווען דעם שמש, אונזער שונא, וואָס לאָזט

אונז נישט אַרומוואַלגערן. איצט איז די ריכטיגע צייט... קומט מיט מיר! וואָס איהר וועט זעהן, אַז איך וועל טהון, זאָלט איהר באַלד אַלע אויך טהון דאָסזעלבע.

באַלד זענען זיך חברה לאָבוזעס צונויפגעלאָפען און פאָראויס געהט דער גרויסער לאָבוז, ער לויפט און שפּרינגט ווי אַ ציג. ער האָט געכאַפּט אַ פולע האַנד שניי, איינגעקוועטשט און האָט עס גענו-מען קוילען איבער׳ן שניי און דער באַלעם איז גרעסער און גרעסער געוואָרען. אַלע יונגען האָבען אויך דאָסזעלבע געטהון, און אַלע זענען מיט די באַלעמס פון שניי אַרויפגעלאָפען מיט רעש אין דער ווייבער-שער שוהל אַריין.

—שטעה אויף און געה אַרויס, משוגע׳נע!—האָט דער שמש זיך געוויצעלט און אַראָבגעלאָזט זיין קאַנטשיק אויף דער פּלייצע פון שרה׳ן, וואָס האָט גע׳חלש׳ט.—וואָס זשע ליגסטו איינגעקאָרטשעט און וואָס שווייגסטו?... לאָמיך הערען דיין קול... איך קען דיינע שטיקלעך... נאַ־זשע דיר, טייערע מוהמע, אַט האָסטו דיר מטעמים און נאַ דיר אַ ביסעלע האָניג און זאָל דיר ליכטיג ווערען אין די אויגען!—מיט׳ן מויל האָט ער גערעדט און מיט דער האַנד האָט ער געטהון און געשמיסען מיט דעם קאַנטשיק אין שרה׳ן.

די יונגען זענען אויך נישט געשטאַנען מיט קיין פערלעגטע הענד, און אָנגעהויבען שיסען אין איהר די באַלעמס שניי.

—אוי!—האָט אַ געשריי געטהון שרה, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די שטיקער שניי און גוטע קלעפּ, און איז אויפגעשפּרונגען אַ צו-טומעלטע און דערשראָקענע.—אוי! וואָס האָט איהר מיך אַרומגערינגעלט ווי די ביהנען?!... נעהמט איהם צו, נעהמט איהם צו, עזות־פּנים׳ער.

—שרה?!—האָט דער שמש אויסגערופען מיט שרעק און וואונדער דערזעהענדיג זי.

—אַ רוח אין דיין טאַטענס טאַטען אַריין!—האָט איהם שרה גע-שאָלטען.

—כ׳שווער ביי מיין לעבען, שרה! ביים לעבען פון מיין ווייב און קינדער,—האָט דער שמש אויסגעשריען שטאַרק געפּלעפט,—אַז איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז די משוגע׳נע! איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז דאָס ביזטו די משוגע׳נע, וואָס שרייט דאָ שטענדיג...

און אַזוי ווי דער שמש שווערט און פערענטפערט זיך, און די יונגען האָבען אָנגעהויבען שיטען אויף איהם פון אַלע זייטען שניי און

שטיקער אייז, נאַסע שמאַטעס און וואָס נאָר זיי האָבן געפונען אין שמעוד־קאַסטען.

—הערט אויף, יונגאַטשעס, הערט אויף!—האָט געשריע, דער שמש.—וואַרפט נישט, דאָס איז דאָך שרה, הערט אויף, ווייסע־חבר׳ני? קעס, וואַרפט נישט, ס׳איז דאָך אפרים׳ס ווייב!

—איהר מעגט זיך שעמען, שמש, איהר מיט דער גאַנצער עד,ה פאַר די פּאָזשאַנדקעס, וואָס דאָ טהוט זיך. דאָס איז נישט קיין שוהל־גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען פאַר די רייד,—נאָר אַ שטאַל פון ציגען און בעק!...—האָט שרה גערעדט מיט כעס.—איך בין אַהערגעקומען דאַ־ווענען אין טאַטענס יאָהרצייט, און...

נישט דערענדיגט איהרע רייד, איז זי דורכגעלאָפען די חברה יונגען און אין איילעניש אַנטלאָפען פון דאָרט.

—זאָל איך שטעלען אַ יאָהרצייט ליכט און זאָגען קדיש נאָך אייער פאָטער?—האָט איהר נאָכגעשריען דער שמש, וואָס איז געווען איינער פון די וואָס זאָגען קדיש זייער גאַנץ לעבען און פערדינגען זיך צו דער אַרבייט פאַר געלד, פאַר אַ קאַפּאָטע מיט אַ היטעל, וואָס זיי בעקומען פון דידאָזיגע וואָס שטאַרבען אָהן קינדער.

—וואָס האָט דאָ שרה געטהון און וואָס האָט זי געשריען?—האָט איין יונגעל געפרעגט.

—זי האָט דאָ דערקענט איהר ציג,—האָט אַ צווייטער געענט־פערט.

—דער שמש מעלקט אויס די ציגען,—האָט געשריען דער דריטער.

—דערפאַר האַלט ער זיי דאָ...—האָט אויסגערופען דער פערטער.

—ווייסע חברה!—האָט געשריען דער שמש.

—צאָן קדשים!—האָט אויסגערופען דער יונג דער גרויסער לאָבוז. אַלע יונגלעך האָבען זיך צעמעקעט ווי די ציגען: מע! מע! מע!

—פערמאַכט דעם שמש, זאָל ער דאָ נעכטיגען מיט די ציגען.

—ווייסע חברה! ווייסע חברה!—האָט דער שמש געשריען מיט גרויס כעס.

כאַפּט שרה׳ס ציג ביי די הערנער!

באַלד האָט מען געכאַפּט די תמ׳עוואַטע ציג. איין יונג האָט איהר געהאַלטען ביים ווידעל, דער יונג, דער גרעסטער לאָבוז, האָט זיך אויף איהר געזעצט רייטענדיג, די איבעריגע יונגלעך האָבען זי גע־האַלטען ביי די הערנער און איהר געפיהרט מיט גרויס פּאַראַד אַהיים.

יא.

ער זוכט זיך עצות.

שוין אַ וועק אַ צייט זינד שמעון איז אַנטלאָפען און אַלע תחבולות און עצות וואָס מען האָט געטהון צו דערוויסען זיך וואו ער איז, האָבען גאָרנישט געהאָלפען, חנה די טוקערקע האָט געהאַלטען וואָרט און נישט איינמאָל און נישט צוויי-מאָל איז זי געגאַנגען מיט שרה'ן צו דער ציגיינערקע, נאָר איהרע כשופ'ן האָבען נישט געהאָלפען. אמת טאַקי ווען שרה האָט זיך געלייגט שלאָפען האָט זי איינמאָל דערהערט ווי מען קלאַפּט אין דרויסען אָן דער וואַנד, נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר—אַז דאָס איז געווען די ציג, וואָס איז אָבגעקומען די זינד פון איהר בעלהבית'טע. ווארום דער שמש איז אויף איהר אויפגעבראַכט געוואָרען, זינד שרה איז געשטרויכעלט געוואָרען אין דער ווייבערישער שוהל, און ער האָט זי פערטריבען פון דאָרט, און נישט געלאָזט זי זאָל זיך בעהעפטען צו דער חברה ציגן און פערברענגען אין ליבשאַפט מיט דעם גרויסען באָק וואָס האָט דאָרט גערוהט... כמעט אַלע טאָג האָט זיך שרה געהאַלטען אַן עצה מיט חנה'ן, וואָס איז געווען אַ וואויל-קענעוודיגע און האָט געהאַט אַ מענע לשון. דערמיט איז זי שרה'ן זעהר געפעלען און זי איז געוואָרען די רעכטע האַנד איהרע. איהרע צרות האָט זי שטענדיג אויסדערצעהלט פאַר חנה'ן, פאַר איהר האָט זי זיך בעקלאָגט אויף דעם ביטערען מזל איהרען אויף דער וועלט, פאַר איהר האָט זי אויסגעגאָסען דאָס האַרץ, איהרע געדאַנקען און חלומות. אַ מאָל האָט זי געזעהן שמעונ'ען אין חלום און ער איז געווען אויסגעפוצט ווי אַ חתן—מיט אַ שטריימעל אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ זיידענעם גאַרטעל אויף דער קאַפּאָטע—זיצט נעבען זיין מלמד אויוועגאָן צווישען די פערבעטענע מחותנים, און ער זאָגט אַ דרשה, גאָר אַ שאַרפען פלפול. ווייבער קומען און בענטשען זיך מיט איהם, און פון אַלע זייטען דערלאַנגט מען איהם מתנות: אַ גרויסע גילדענע עטרה, תפלין-שייטלעך, אויך אַ גאָלדען הדסל, און נאָך אַ זעלכע הייליגע מלבושים און פערשידענע כלום... און אַ מאָל האָט זי איהם געזעהן—און ער בלאָנדזשעט

נעבעך ארום ווי א פערבלאָנדזשעט שעפעלע, געהט ער זיך אַזוי און קלאָגט און וויינט, ביז ער פאַלט פלוצלונג אַריין אין עפעס א טיפען גרוב. מיט א גרויס געוואַלד און צובראָכען געמיטה פאַלט זי צו צום גרוב, און די טרעפט ווי שמעון שטעהט צווישען זיינע מלמדים און שדכנים און צווישען לייבען און בערען. טשעפעט איהם נישט! בעט זיך איהר שטים, האָט רחמנות אויף זיינע יונגע יאָהר, דאָס איז מיין איינציגער זוהן, מיין לעבען און מיין פריידו און פלוצלונג ווערט אַלץ פערשוואונדען פון איהרע אויגען: נישטאָ קיין גרוב, נישטאָ קיין שמעון, נישטאָ קיין מלמדים, שדכנים און קיין לייבען... אַמאָל זעהט זי אין חלום, ווי זי שטעהט אויף א ברייטער גרויסער לאָנקע, דאָרט זענען פאַרהאַן ציגען אָהן א צאָהל, בעק, וואָס געהען אַרום אויף צוויי פיס, זענען געפינטעלט, געפלעקט און מיט פאַסקעלעך, און מיט רציחה שטויסען זיי קינדער מיט זייערע הערנער... און אַמאָל חלום'ט איהר, אַז די מאַכט א גראָבען קנויט פון אַ סך פעדים, לויט די נפשות פון איהר הויזגעזינר און פון איהר משפחה, און אַז זי ציהט אויס „שמעונ'ס פאָדים" און זאָגט איבער איהם אַ תפלה און בעט און וויינט ביטער, און עמיצער קלאַפט אין טהיר, לויפט זי צו, עפענט גיך די טהיר און שמעון קומט אַריין רייטענדיג אויף אַ בעזעם און פאַלט צו איהרע פיס... פון אַזעלכע און נאָך אַנדערע חלומות דערצעהלט שרה מיט גרויס געוויין און מיט זיפצען, און חנה האָט שטענדיג גוטע בע-שיידען: אַז אינגיכען וועט זי זיך פרעהען מיט איהר זוהן, איהר ליעב קינד און וועט טאַנצען אויף זיין חתונה, אויף צוזעצעניש איהרע ביי-זע שונאים... און אַז זי טרייסט אַזוי שרה'ן, טראַכט זי דערווייל אויס אַלערליי ליגענטען און בערעדט איהרע שכנים, איהרע פריינד און בעקאַנטע, און ביידע הויבען אָן צו שעלטען זייערע שונאים מיט די ערגסטע קללות: עס זאָל זיי פערשטאָפּט ווערען די מיילער און זיי זאָלען נישט אויסלעבען זייערע יאָהרען, און דערנאָך בלייבט ביי זיי, אַז ס'איז נישטאָ קיין אמת און קיין גערעכטיגקייט אויף דער וועלט, נישטאָ קיין אייגער קיין רעכטער מענש!

און פון גרויס צער און יסורים זענען די געדאַנקען איהרע קאַ-ליע געוואָרען און זי האָט בעקומען אַ שוואַכען זכרון, אַזוי אַז די איז גאָר אַרויס פון די כלים און האָט פערביטערט דאָס לעבען פון איהרע מענשען. פלוצלונג הויבט זי אָן אַרומצוזוכען די שליסעלען, זוכט זיי מיט ליכט, מיט געשרייען און געהאַלדען פאָדערט זי זיי ביי דער דינסט,

און עס לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט זיי ביי זיך אין בוזעם; מיטאַמאָל הויבט זי אָן שרייען און שעלטען די דינסט, פאַרוואָס זי האָט איבער-געלאָזט די קיך און אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירען איבער די גאַסען, כאָטש זי אַליין האָט איהר דאָ נישט לאַנג געשיקט קויפען עפּעס צום מיטאָג. קיין זאַך איז איהר נישט געפעלען, אויך די חלות און דאָס געבעקט וואָס די דינסט האָט געבאַקען, אַז עס האָט פערלויכטען די אויגען, איז איהר שוין נישט געפעלען און זי האָט אין דעם נישט געפיהלט אַזאַ טעם ווי אַמאָל. שטענדיג האָט זי צו וואָס זיך צוצושעפּען: אַמאָל, צופיל זאַלץ אַריינגעטהון אין טאָפּ, און אַמאָל פערקעהרט; די יויך איז גאָר אָהן זאַלץ, די פיש זענען צוגעברענט, פער'שרפ'עט, דער צימרינג איז נישט גוט צושטויסען און אין די קיכלעך איז ווע-ניג בוימאייל און צוקער. צייטענווייז זיצט זי זיך איינע אַליין אין שמעונ'ס חדר און קוקט אַרום זיינע מלבושים—די יום-טוב'דיגע קליי-דער, די ליילעכער, די לייבלעך, און אַנדערע נייע מלבושים, וואָס מען האָט איהם צוגעגרייט צו דער חתונה; אָדער זי נעהמט גאָר אַ נאָדעל צו פעררייכטען זיינע מלבושים, דאָס העמד און די אַלטע פלי-דערען, אָבער ווי נאָר זי ריהרט זיך צו צו זיי, אַזוי הויבען באַלד אָן רינען טרעהרען פון איהרע אויגען און קיילעכדיגע טראָפּענס פאַ-לען אויף די מלבושים, וואָס זי האַלט אין דער האַנד. און פון גרויס אויפרעגונג און טרויערקייט, לאָזען זיך איהר אָפּ די הענד און זי קאָן שוין גאָרנישט טהון—קושט זי די קליידער פון איהר ליעב קינד און לעגט זיי צוריק אין קופערט אַריין, אַליין לעגט זי זיך אַוועק אויפ'ן בעט און ליגט אַ טרויעריגע. ליגט אַזוי לאַנג, ביז די דינסט קומט אַריין פרעגען וועגען די שטוב-זאַכען, דעמאָלט ערשט שטעהט זי אויף און געהט צו איהר אַרבייט.

אויך אפרים האָט שטאַרק געטרויערט נאָך זיין זוהן און דאָס האַרץ האָט איהם אָנגעהויבען אויסגעהן נאָך שמעונ'ען, וואָרום ער האָט געזעהן ווי עס געהט דורך אַ צייט און ער איז נאָך נישט צוריקגעקו-מען, ווי ער האָט תחלת געמיינט. און שמעון איז דאָך זיין איינציגער זוהן און דאָס ערשטע קינד ביי איהם, ווי אַזוי זשע זאָל ער זיך מאַכען אַ האַרץ און נישט בענקען נאָך איהם? אויך איהם פייניגען די חלומות, און ער קאָן זיך פון זיי נישט בערוהיגען. עס חלומ'ט זיך איהם, ווי ער שטעהט און שלאָגט שמעונ'ען מיט רציחה, שלאָגט און קלאַפּט, און אָט כאַפּט ער איהם אָן פאַר די האָר פון קאָפּ. פליקען

זיך אויס אַלע שוואַרצע שענע האָר, בלייבען ביי איהם אין האַנד — און זיין זוהן פאַלט אויף דער ערד אָהן כחות. ער שרייט נישט, ער רעדט נישט קיין וואָרט, ער שווייגט ווי אַ שטיל שעפעלע, נאָר פון זיינע אויגען גיסען זיך טרעהרען ווי וואַסער און זיין האַרץ וויינט איי איהם אין דער שטיל. און אַז ער איז אַ ביסעל צו זיך געקומען, האָט ער זיך אויפגעהויבען און אַוועקגעגאַנגען אַ טרויעריגער מיט אַ גאָלען קאָפּ און פון זיין האַרץ האָבען זיך אַרויסגעריסען ביטערע זיפצ׳ען. ווי פיילען האָבען די דאָזיגע זיפצען געטראָפען אין אפרים׳ס האַרץ און ער האָט געוואָלט וויינען, ווייל דאָס האַרץ האָט איהם וועה געטהון און ס׳האָט איהם שוין באַנג געטהון די גאַנצע מעשה. און אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען אומצוקעהרען זיין געשלאָגענעם געפיינינגטען זוהן און איהם איבערבעטען, האָט ער איהם שוין נישט געפונען. דעמאָלט איז ער שטאַרק טרויעריג געוואָרען, ווייל ער האָט נישט געקאָנט פערגעסען זיין זוהן און דאָס וואָס ער האָט איהם גע-שלאָגען; האָט געדענקט זיין שענע פאָלקע האָר, וואָס האָט איהם צו-געגעבען דעם זיבעטען חן, און ווי זי האָט זיך אויסגעפליקט און גע-בליבען ביי איהם אין האַנד און שמעון איז שטאַרק מיאוס געוואָרען דערפון; ער האָט געדענקט, ווי זיינע אויגען זענען רויט געווען פון טרעהרען און זיינע באַקען ווייס פון גרויס פיין, האָט געדענקט אויך זיינע זיפצען און קרעכצען, זיינע יסורים און ליידען, ווי ער האָט זיך געבעטען ביי איהם מיט זיינע אויגען און אונטערגעשטעלט די פלייצע צו פערנעהמען די קלעפּ שטיל-שווייגענדיג — אַזעלכע זכרונות זענען ביטער ווי גאַל פאַר אַ פאָטער וואָס ווערט באַרמהערציג צו זיין זוהן נאָכדעם, ווי ער האָט איהם אַ סך צרות פערשאַפט; ווי דאָס גיהנום פייניגט עס זיין לייב, וואָס געהט אויס פון גרויס באַרמהער-ציגקייט. און דאָס פערביטערט איהם דאָס לעבען. נאָר אַ פאָטער פון קינדער קאָן דאָס פיהלען, נאָר ער ווייסט, ווי שרעקליך און מורא׳דיג אַזעלכע זכרונות זענען. און דאָס אַלע האט אפרים געדענקט צו זיינע יסורים און גרויס וועהטאַג.

— שרה, וואָס וויינסטו און וואָס פלאַפּעלסטו נאַרישקייטען? — האָט איינמאָל ביינאַכט אפרים גערעדט צו זיין ווייב. — כאַפּ זיך אויף, שרה, כאַפּ זיך אויף און זעה, אַז עס זענען דאַ נישטאַ, נישט קיין בערען

און נישט קיין ציגען, נישט קיין קאַטשערע און נישט קיין בעזעם!..
אפילו אין שלאָף ליגט איהר אין זינען דאָס בעל-הבתישקייט און די ערדעט פון דער קיך.

—גאָט איז מיט דיר, אפרים,—האָט אויך שרה געערדעט צו איהר מאַן, וואָס האָט איינמאָל בײנאַכט געשריען מיט אַ מורא'דיגען קול און געערדעט ווילדע זאַכען פון שלאָף.—זאָל גאָט היטען, ס'איז מיט דיר גאָרנישט געשעהן, דער ווינד האָט דיך, חלילה, נישט אַוועקגעטראָגען!... דו ביזט דאָך דאָ אין דער היים און דאָ וועסטו זיין אין נחת מיט דיין ווייב און קינד'ער ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר!

—ווייסטו, שרה!—האָט אפרים געזאָגט איינמאָל אין דער פריה, ווען ער איז אויפגעשטאַנען אַ טרויעריגער און אַ מרה-שחורה'דיגער,— ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאַלען?

—צי ווילסטו היינט אויך עסען מצה'לעך מיט יויך, אָדער אַ גריץ?—האָט שרה געפרעגט.

—הער אויס, שרה,—האָט אפרים געזאָגט,—איין זאַך וויל איך דיך בעטען, און דו שווער מיר צו, אַז דו וועסט מיר אין דעם נישט אָבזאָגען.

—בעט, אפרים, בעט!—האָט שרה געענטפערט זעהר נייגעריג.

—שווער מיר, שרה, שווער מיר צו!—האָט אפרים געזאָגט.

—ווי איך בין אַ יודישע טאָכטער!

—זיי זשע וויסען, שרה,—האָט אפרים געזאָגט,—אַז איך מאַך שולדיג אין דער גאַנצער מעשה דעם לעהרער דאַווידזאָהן...

—ווילסטו, הייסט עס, איך זאָל געהן און זאָל דעם מנוול אויסזידלען?—האָט שרה געשריען, נישט לאָזענדיג אפרים'ען ענדיגען זיינע רייד,—שווער איך דיר נאָכאַמאָל, אַז איך וועל עס טהוען. נאָך היינט געה איך צו דעם שלימזל'דיגען קבצן און וועל איהם אָנשעלטען וויפיל אין איהם וועט אַריין, און זאָל ער מיר אָבגעבען מיין קינד.— איך וועל געהן, אפרים, כ'וועל געהן, ווי איך בין אַ יודישע טאָכטער.

—נישט דאָס מיין איך,—האָט אפרים געענטפערט,—פערקעהרט גאָר, איך וויל, אַז דער דאָזיגער דאַווידזאָהן זאָל אַריינקומען צו אונז.

—אָט דערדאָזיגער זאָל קומען צו אונז אין שטוב אַריין?—האָט שרה געשריען.

—יאָ, ער זאָל קומען,—האָט אפרים געענטפערט.—איך זאָג דיר, שרה, ער זאָל קומען, און ס'איז זעהר נויטיג ער זאָל קומען.

—און וואָס-זשע ווילסטו פון מיר?—האָט שרה געזאָגט מיט כעס—וואָס ווילסטו, איך זאָל פערלאָזען מיין הויז און זיך לאָזען אין דער וועלט אריין?...

—הער אויף אין כעס צו זיין!—האָט אפרים געענטפערט.—בערוהיג זיך און הער אויס וואָס איך וועל דיר זאָגען. איך ווייס, אַז שמעון האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט דאַווידזאָהן, דעריבער פערשטעה איך, אַז שמעון האָט נישט געטהון קיין שום זאַך, ער זאָל דאָס פריהער נישט דערצעהלען דעם ימח-שמו׳ניק, און ס׳איז ביי מיר קיין שום ספק נישטאָ, אַז דאָס איז געוועזן זיין עצה ער זאָל אַנטלויפען, און אַז דאָס איז אינגאַנצען זיין אַרבייט.

—אויסגעריסען זאָל ער ווערען, דער הולטאַי, אין כף הקלע זאָל עס איהם פערוואַרפען!—האָט שרה געשאָלטען דאַווידזאָהן.

—דעריבער, שרה,—האָט אפרים ווייטער גערעדט,—דעריבער לאָמיר עס מאַכען מיט חכמה. נישטאָ קיין בעסערע זאַך, ווי נאָר איהם רופען צו אונז און זיך דערפרעהען מיט איהם ווען ער וועט קומען, און איך וועל איהם מאַכען פאַר אַנ׳איינגעהער אין אונזער שטוב, ער זאָל קומען אַלע טאָג שרייבען פאַר מיר בריעף, איך וועל שוין געפינען עפּעס אַנ׳אַרבייט פאַר איהם, און אַז ער וועט זיך מיט אונז געפינען שטענדיג, וועל איך איהם ביסלעכווייז אויספאָרשען, ביז מיר וועט געלונגען זיך צו דערוויסען אַלץ, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין האַרצען.

די דאָזיגע עצה איז שרה׳ן געפעלען, פונדעסטוועגען האָט אַלץ געברענט איהר כעס.

—און וואָס-זשע ווילסטו פון מיר?—האָט זי בייז אויסגערופען.

—איין זאַך בעט איך פון דיר,—האָט אפרים געענטפערט,—אַז דו זאָלסט נישט קוקען אויף איהם בייז און זאָלסט איהם נישט פערשעמען מיט קיין בייזער מינע, וואָרום דו קאָנסט קאַליע מאַכען מיין גאַנצען פּאָרטעל. אַזעלכע לייט ווי דאַווידזאָהן, זיי פערטראָגען נישט קיין בייזען קוק, זייער האָנאָר איז ביי זיי טייערער פון אַלץ. דעריבער שרה, פערשטעל זיך, מאַך אַנ׳אָנשטעל ווי דו ביזט גאָרנישט בייז אויף איהם, און האָב אין זינען, אַז מיר זענען איהם מקרב נאָר פאַר אונזער טובה וועגען.

—און צום „אַלטען", זאָל לעבען, וועסטו שוין נישט פאָהרען,

ווי מיר האָבען זיך געהאַט אָבגערעדט?—האָט שרה געזאָגט מיט אַ פרעטענזיע.

—בערוהיג זיך און שוייג!—האָט אפרים געזאָגט זיין ווייב.—אַז איך וועל נאָר מיט גאָטס הילף קומען צו זיך, וועל איך פאָהרען צום אַלטען, זאָל לעבען, וועל איהם דערצעהלען אַלץ, וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט און ער וועט פאַר אונז מתפלל זיין.

יב.

חברים צווישען זיך

—וואָס זאָגסטו איצט חבר?—האָט דאַווידזאָהן געפרעגט ביי יונתן, ווען די זענען געזעסען צוזאַמען אין זיין צימער—וואָס ווערסטו איצט זאָגען, מיין טייערער, אַז גאָר אויף אַ וואונדערליכען אויפען האָט דאָס מזל מיר געדיענט און מיר געבראַכט צו מיין ציעל? ווען וואָלט דאָס געקענט איינפאַלען דעמאָלט, ווען מיר זענען דאָ געזעסען אין דער נאַכט פון הושענא־רבה, אַז איך יועל ווערען אַן איינגעהר צו אפרים'ן אין שטוב אַריין און נאָך ער אַליין וועט מיר אַהין ברענגען איך זאָל קענען אָנקוקען מיין טייערער שיינער רחלען, וואָס געפעלט מיר זעהר!... איך ווייס נישט, יונתן, ווי אַזוי דו וועסט אויף דעם קוקען און וואָס דו טראַכסט, איך אָבער האָף און בין זיכער אַז רחל וועט זיין מיינע, מיין חבר'טע און מיין אוצר אין לעבען. ווען גאָט וואָלט זי נישט געוואָלט מיר באַשערען, וואָלט ער נישט געטהון די אַלע וואונדער און וואָלט מיר אַזעלכעס נישט בעוויזען! נישט אַנדערש, מיין טייערער. ווי דאָס איז אַ בעשערטע זאַך, דערפאַר האָף איך.

יונתן איז געזעסען שטיל און פערלייגט די פיס, האָט פערמאַכט איין אויג און דאָס אַנדערע האָט ער אויסגעשפיצט אויף דאַווידזאָהנ'ען.

—נעם צו דיין אויג פון מיר—האָט דאַווידזאָהן זיך געבייזערט—נעם צו דיין אויג וואָרום עס דערשטעכט מיר! פאַרוואָס זאָלסטו האָבען אַ מיאוסע טבע צו שוייגען דוקא דעמאָלט ווען איך וויל הערען דיין עצה, און נישט רעדען אַ וואָרט ווען מען וואַרט אויף דעם? איך קען נישט פערטראָגען אַזאַ קאַלטבלוטיגען מענשען ביי ווען דאָס

מויל איז שטענדיג אונטער אַשלאָס פּערמאַכט און ער קען נישט רע-דען. פון דער נשמה פון אַזאַ מענש בלאָזט מיט פראָסט און קעלט אויף אַלעמען אַרום, ער איז ווי אַ בוים וואָס האָט אויף זיך נישט קיין איין שיין בלימעל און קיין בלעטעל, נאָר שטעהט בלויז ווי אַ דראָנג פון בלויז לאָגיקע, אָהן אַ שום זיס געפיהל און אָהן אַ שען וואָרט, וואָס דערפרעהט דעם מענשענס האַרץ און מאַכט אַ פרעהליך פּנים. ביי אַזאַ מענש איז אַ געלעכטער איינצושלינגען אַ מענש מיט געפיה-לען און זיסע פערלאַנגען, און אַזוי ווי איך האָב פיינד אַ מענשען פאַר וועמענס בייזקייט מען קען זיך גאָר נישט אויסבעהאַלטען. אַזוי האָב איך פיינד דעם מענש וועמעס קאַלטקייט מען קען נישט אי-בערטראָגען, זיי ביידע וועלען נישט דערגרייכען צו דעם ריכטיגען מענש, זיי זענען גאָר קיין מענשען נישט. טהו זשע מיר אַ טובה, מיין חבר יונתן, און רעד אַ וואָרט אין דער צייט, וואָס די געפיהלען פון מיין האַרצען געהן איבער די ברעגען, און מיין נשמה ברענט ווי קויהלען; אין דער צייט ווען מיין האַרץ זוכט אַ פריינד און בעקאַנטען, פאַר וועמען איך זאָל קענען אויסגיסען אַביסעל פון מיינע געפיהלען און איהם דערפרעהן מיט מיין פריידי; ווייל אַ סך פרייד-געפיהלען מאַ-כען דעם מענש אַזוי מיעד ווי טרויריגע-געפיהלען, אויב ער רעדט זיי נישט אַרויס און זיין חבר׳ס האַרץ פאַרשטעהט זיי נישט, און אויב דו וועסט איצט שווייגען, וועל איך האַלטען אַז דו ביזט אַ נישט פער-גינער, און מיין שמחה איז פאַר דיר אַ טרויער.

—ווי דו זעהסט מיך לעבען!—האָט יונתן געענטפערט מיט אַ שמייכעל,—אַז דו האָסט געטראָפען פונקט קאַפּויער. איך שווייג נאָר דערפאַר, ווייל איך בעוואונדער דיך טאַקע באמת, ווי דאָס מזל האָט דיר פלוצלונג אָנגעהויבען שיינען!

—און וואָס-זשע זאָגסטו, חבר מיינער?—האָט דאַווידזאָהן ווידער געפרעגט,—צי וועט מיר דינען דאָס גליק?

—פון דיין מויל אין גאָטס אויערן, ער זאָל דיר העלפען און זאָלסט גליקען, אָבער...

—שוין, ער האַלט זיך שוין ווידער ביי זיינס,—האָט דאַווידזאָהן געזאָגט.—ער זאָגט דיר נישט און ענטפערט נישט, נאָר אָבער און אָבער!...

—איידער איך וועל דיר ענטפערן,—האָט יונתן געזאָגט,—וועל איך דיך קודם כל בעטען, דו זאָלסט מיך נישט חושד זיין אין גאָר-

נישט, אויב אפילו כ׳וועל דיך טרויעריג מאַכען. עס קען זעהר זיין, אַז איך האָב אַ טעות, און ווען דו שטעהסט נישט צו אַזוי שטאַרק צו מיר, וואָלט איך גאָרנישט געזאָגט. זיי וויסען, אַז אויך גאָר דעם אַלעם קען זיך מיין האַרץ נישט בערוהיגען, און מיר פאַלט איין, אַז נישט גאָט האָט דאָס געמאַכט, ווי דו מיינסט, נאָר אין דעם שטעקט עפּעס אַנדערש.

—צי וואונדערט דיך דען נישט די גאַנצע זאַך, און דאָס איז דיר גאָר קיין בעוויז נישט,—האָט דאַווידזאָהן געפרעגט.

—אַזוי איז שוין דער שטייגער פון אַלע, וואָס האָפען,—האָט יונתן געענטפערט,—וואָס די האָפנונג פערפיהרט זיי, און אין אַלעם געפינען זיי אַ בעוויז אויף דעם וואָס זיי ווילען, און זיי גיבען זיך נישט אָב קיין חשבון צו וויסען פון וואַנען די זאַך קומט, און וואָס זיי ווילען דורך דעם דערגרייכען... אמת, איך וואונדער זיך טאַקע אויף דער גאַנצער זאַך, פונדעסטוועגען זעה איך נישט, אַז דאָס זאָל זיין אַ גאָט־זאַך, און איך מיין, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַנ׳אַנדער זאַך.

—וואָס פאַר אַ זאַך?—האָט דאַווידזאָהן געפרעגט מיט אַ ביסעל שרעק אין האַרצען.

—דאָס ווייס איך נישט,—האָט יונתן געענטפערט,—אַ סך זאַכען זענען פון אונז פערהוילען אין לעבען, וועלכע ס׳איז אונז אַ סך גלייכער נישט צו וויסען, איידער זיך צו מאַטערן און אויסטייטשען פאַלש... נאָר דאָס ווייס איך יאָ, אַז רחל האָט דיך זעהר ליב!...

—דאָס ווייס איך אויך, און נאָך מעהר פון דיר,—האָט דאַווידזאָהן געענטפערט מיט אַ שמייכעלע.

—און שרה?—האָט יונתן געפרעגט,—זי ווייסט אויך דערפון?

—כ׳האָב נאָך נישט געהאַט קיין געלעגענהייט מיט איהר צו ריידען און וויסען וואָס זי טראַכט וועגען מיר,—האָט דאַווידזאָהן געענטפערט,—זי גרייט זיך מאָרגען אין וועג אַריין, צו מיין גרויסער פרייד. און וואָס איז די גדולה מיט דיר, אַז זי פאָהרט אַוועק?—האָט יונתן געפרעגט.

—ווייל איצט וועט מיר נאָך גרינגער זיין אַריינצוקריכען זיך צו רחל׳ען אין צימער און מיט איהר ריידען און שמועסען.

—אָך!—האָט יונתן אויסגערופען,—גאָרנישט לאַנג, אַז דו געפינסט דיך ביי אפרימ׳ען אין שטוב און האָסט שוין דערגרייכט אַזוי וייט, צו זיצען צוזאַמען מיט זיין טאָכטער אין איהר צימער און פערברענגען

מיט איהר אין ליעבע-שמועסען! זעהר פיל איז דיר געראָטען חבר, נישטאָ נאָך אַזאַ געשיקטער מענש ווי דו ביזט. ביזט ווערט גערוהמט צו ווערען!

—וואָס דען האָסטו געמיינט, איך וועל זיין ווי דו ביזט—כ׳וועל פערמאַכען דאָס מויל און שווייגען?

—ווער קען זיך גלייכען צו דיר. דאַווידזאָהן!—האָט יונתן געענט־פערט מיט אַ שמייכעל—ווי דו זעהסט מיך לעבען, ווען דיר זאָל געלונ-גען, און רחל זאָל דיין כלה ווערען, וואָלט אַ גרויסער שרייבער גע-קענט דערפון מאַכען אַ וואונדערליכען ראָמאַן. ער וועט דאָ געפונען אַלץ וואָס ער דאַרף האָבען צו דעם: אַ מיידעל אַ יפת-תואר, ליכטיג ווי די זון, די ליפען איהרע—ווי פורפור-רויט, איהרע אויגען און איהרע לאָקען זענען שוואַרץ ווי קראָהע, דער האַלז איז ווייס ווי ביין און אידרע הענד זיינען ווי זילבער״; אַן איינציגע טאָכטער איז זי ביי איהר פאָטער, אַ יוד אַנ׳עושר, אַ פאַנאַטיקער און פון דער אַלטער וועלט. און פון דער אַנדערער זייט—אַ שענער אַ קלוגער בחור, אָרעם און פרעמד. אָהן אַ פריינד און אָהן אַ גואל, געהט קורץ געקליידט און פיהרט זיך נישט ווי די פרומע לייט!—ער וועט נאָך געפינען אַ גע-היימע ליעבע, און אַ וואונדערליכען צופאַל, גוטע האָפנונגען, הערצער, וואָס זענען פרעהליך און טרויעריג, און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס מאַ-כען שטאַרק נייגיריג דעם לעזער, הפלא ופלא... גרויס וועט דיר מאַ-כען דער שרייבער, ער וועט דיר אַרויסשטעלען, אַז מען זאָל זיך פון דיר אָפּלערנען. איינעם וועסט דערוועגען ליעב צו האָבען און וועסט איהם געבען גוטע האָפנונגען, דאָס צעבראָכענע האַרץ וועט זיך פון דיר אָב־לערנען צו ליעבען און האָפען, און די עלטערן וועסטו אויסלערנען צו וויסען, אַז זיי זאָלען נישט געוועלטיגען איבער׳ן האַרץ פון זייערע טעכטער, זיי חתונה צו מאַכען צו וועמען זייער האַרץ גלוסט... דו ביזט דאָך דער ערשטער, וואָס בעווייזט אַזאַ נייעס צווישען יודען. ביז אַהער איז נאָך אַזוינס נישט געזעהן און נישט געהערט געוואָרען צווישען יודען פון אונזער לאַנד. וועניגסטענס האָב איך נאָך נישט גע-הערט, אַז אַ בחור זאָל זיך פערליעבען אין אַ מיידעל און אַ נקבה זאָל געפעלען אַ מאַנספערשוין און זיי זאָלען ווערען חתן-כלה נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך ליעב, כאָטש זיי זענען ווייט איינער פון אַנדערן אין זייער בעשטאַנד כרחק מזרח ממערב, און געגען דעם ווילען פון זייערע עלטערן. נאָר אויף דעם טהוט מיר וועה דאָס האַרץ—האָט יונתן

ווייטער גערעדט מיט אַ שמייכעל—וואָס ביי אונז פעהלט דער מלאך פון ליבע, וועלכען אַלע פעלקער קענען אַזוי גוט...

—דעם חסרון קען מען ממלא זיין—האָט דאַווידזאָהן אויך געזאָגט מיט אַ שמייכעל—דעם דאָזיגען מלאך קאָנען מיר נעהמען ביי די גוים, ווי אַלע איבעריגע מלאכים וואָס זענען גענומען געוואָרען, ווי אונזערע פילאָזאָפען זאָגען—פון בבל, פרס און אַנדערע נידעריגע פעלקער, גע-בען איהם אין האַנד אַריין אַ בויגען מיט שאַרפע פיילען ווי עס פּאַסט איהם. און אפשר וועט זיך איינער פון אונזערע „חובבי שפת עבר״ צע-היצען און וועט בעווייזען אַז דער מלאך פון ליבע איז אַ יודישע זאַך, און ווערט דערמאָהנט אין תנ״ך... אָבער—האָט דאַווידזאָהן אויסגערופען אויפהערענדיג צו שמייכלען—מיר זענען דאָך אַראָב פון וועג פון אונ-זער שמועס. וואָס איז מיט דיר, חבר מיינער, וואָס דו חכמה׳סט זיך היינט אַזוי? דו ביזט דאָך שטענדיג אַזאַ שווייגער!

„ווען דאַווידזאָהן וואָלט געוואוסט—האָט יונתן ביי זיך געטראַכט און אַרויסגעלאָזט אַ שטילען זיפץ—ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז מיין חכמה׳נען זיך איז גאָרנישט פון גרויס נחת, נאָר פון געבראָכען געמיטה און זאָרג פאַר איהם!...״

—וואָס טראַכסטו—האָט דאַווידזאָהן ווידער געפרעגט, זעהענדיג ווי יונתן איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט פערמאַכט דאָס רעכטע אויג.

—און וואָס טראַכט רחל?—האָט יונתן געפרעגט.

—פון ליעבע טראַכט זי!—האָט דאַווידזאָהן געענטפערט.

—וואָס זשע נאָך ווילסטו?

—אָבער—האָט דאַווידזאָהן ווייטער גערעדט—אַ סך מאָל האָט מיר רחל געזאָגט, אַז זי האָט ליעב דעם פאָטער מיט דער מוטער ווי דאָס לעבען, און מיט׳ן גאַנצען האַרצען וויל זי שטענדיג טהון זייער פער-לאַנג. און מיט מיין שכל פערשטעה איך, אַז זי האָט דאָס נישט גע-זאָגט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, נאָר זי מיינט צו זאָגען: אמת טאַקע איהר האַרץ איז זעהר נישט ווייט פון מיר, אָבער אַז זי זאָל מיט מיר חתונה האָבען געגען ווילען פון איהרע עלטערן—איז זעהר אַ שווערע זאַך.

—און וואָס, אייגענטליך, פערלאַנגסטו פון מיר?—האָט יונתן גע-פרעגט.

—דיין עצה פערלאַנג איך—האָט דאַווידזאָהן געענטפערט—זאָג

מיר מיט וואָס קאָן איך געפעלען ווערען אפרימ׳ען און געפונען חן אין זייגע אויגען. צוליב רחל׳ען בין איך גרייט אַלץ צו טהון, אפילו זיך טובל זיין אין מקוה אין אַ פראָסטיגען טאָג און זיך קוילערען אויפ׳ן שניי.

—אפילו אַז דו וועסט דאָס אַלץ טהון כדי זיך צו חנפה׳נ׳ען— האָט יונתן געזאָגט מיט פערדרוס און אויסגעשפּיצט זיין אויג אויף דאַווידזאָהנ׳ען—אפילו די פּאָלעס וועלען זיך דיר נאָכשלעפּען אויף דער ערד, און וועסט זיך אָנטהון אין לאַנגע גראָבע ציצית, וועסטו פאָרט נישט געפעלען אַזעלכע מענשען ווי אפרים, זיי וועלען שטענדיג זאָגען, אַז דו האָסט נישט אין האַרצען דעם יודישען פּונק!...

—און אויך איך וועל געהן אין דער פריה און פאַרנאַכט אין בית-המדרש אריין, און דערצעהלען וואונדערליכע מורא׳דיגע מעשות, וועט מיר דאָס העלפען?—האָט דאַווידזאָהן געפרעגט מיט אַ ביטערן שמייכעל.

—אפילו ווען דו וועסט זיצען אַ גאַנצען טאָג צווישען די בטלנים און זיך וואַרימען ביים אויווען—האָט יונתן געענטפערט אויך מיט אַ ביטערען שמייכעל—און וועסט דערצעהלען גאָר מורא׳דיגע מעשות פון די רויטע יודעלעך, פון די הרי-חושך און טייך סמבטיון, פון אלכסנדר מוקדון, און פון בוים וואָס האָט מיט איהם גערעדט, און פון מורא׳דיגען אָדלער אויף וועלכען ער איז געריטען הויך אונטער׳ן הימעל; פון סמא״ל און זיין ווייב און די תולדות פון גוג ומגוג; פון גולם׳ס, גלגולים, רוחות און מתים, וואָס בלאָנקען זיך אַרום אויף דער וועלט און נאָך אַזעלכע זאַכען-פונדעסטוועגען וועט מען געפינען אויף דיר „זאַטשעפּקעס“, אַז אין דיר איז נאָך אַלץ נישטאָ דער יודישער פּונק“! און אין אַזוינס וואָס דו קאָנסט נישט דערגרייכען אין אַזעלכעס זאָלסטו זיך נישט אריינלאָזען. דאָס איז מיין עצה און געדענק עס!

יג.

נהמן דער משולח.

פון כזיב׳ער „אַלטענס״ שלוחים און געבאים, איז דער גרעסטער— דער משולח נחמן שליט״א. ער איז די רעכטע האַנד פון כזיב׳ער און האָט צו בעפעהלען איבער די „טישען״ און משקאות. אויף אויסזעצען די מקורבים און אויסשטעלען זיינע חסידים. און די וואָס קומען צום „אַלטען״ פיהרט ער אַריין, יעדען איינציגען אין זיין צייט. אַלע יאָהר פאָהרט ער אַרום דעם גליל וואו עס וואוינען דעם כזיבי׳רס חסידים און אין יעדער שטאָדט, וואו ער קומט, איז אַ יום-טוב ביי יודען, מען מאַכט אַ סעודה, ער זיצט אויבענאָן און חזר׳ט פאַר זיי איבער דעם „אַלטענס״ תורות, זיינע וואונדערליכע הייליגע שמועסען—און אַלע זיצען מיט אָפענע מיילער און הערען זיך צו מיט פרומקייט און התפעלות און יעדער איינציגער ברענגט איהם זיין מתנה.

ס׳זענען די חנוכה־טעג. אַ גרויסער עולם פון נאָהנט און פון וויט איז געקומען צו זעהן דעם „אַלטענס״ הייליג געשטאַלט און בעטען הילף יעדער אויף זיינע צרות. די גבאים האָבען אַ סך אַרבייט, צו שרייבען „קוויטלעך״ מיט בקשות פאַר יעדען וואָס האָט אַ ביטער האַרץ, צו בעדינען אין „דערינען״, און צו גרייטען טישען פאַר אַנ־עם-רב. און נחמן דער ראש פון די גבאים, זיצט זיך מיט כבוד אין זיין חדר, וואָס ביי „איהם״ זאָל לעבען אין הויז, און הערט אויס אַלע וואָס דאַרפען צו איהם, איינער געהט אַרויס און אַ צווייטער קומט אַריין. צום סוף איז אַריינגעקומען איינער און נחמן איז איהם אַקעגענגעלאָפען און האָט איהם אָבגעגעבען שלום.

—זעץ זיך נעבען מיר, ידידיה, מיין טייערער!—האָט נחמן געזאָגט צו איהם מיט זיסע ריידעלעך און מיט אַ חוזק׳דיגען קוק, ווי ער וואָלט פון איהם געשפאַסט—ווען קומסטו?

—אָט איצט קום איך—האָט ידידיה געענטפערט געלאַסען און מיט תמימות—ס׳טהוט מיר זעהר הנאה צו זעהן דיין גרויסקייט און דיין כבוד.

—דאָס האָב איך דאָך שוין געהערט פון דיר, מיין טייערער,

טען דו ביזט דאָ געווען דאָס ערשטע מאָל, און וואָס האָסטו דאָ ווי-דער געזעהן פאַר אַ נייעס וואָס דו פרעהסט זיך ווידער אויף מיר און וואונדערסט זיך?

—איך פרעה זיך דערפאַר, ווייל דו ביזט דאָך מיינס אַנ'אייגע-נער קרוב—האָט איהם ידידיה גע'חנפה'ט—צי וואָלט זיך דיין מאַמע, מיין מוהמע, עליה השלום, געקאָנט ריכטען, אַז איהר זוהן וועט אַזוי ווייט דערגרייכען. זי האָט זיך דאָך שטענדיג געקלאָגט, אַז אָהן אַ טאַטען, טהוסטו וואָס דיין האַרץ גלוסט און פאָלגסט איהר נישט, און ביי די מלמדים ווילסטו נישט לערנען און זי ווייסט נישט וואָס מיט דיר וועט זיין דער תכלית.

—שטותים! לאָמיר גאָר נעהמען אַ ביסעל בראָנפען, ביזט דאָך ביי מיר אַ טייערער גאַסט.

—קיין בראָנפען טרינק איך נישט—האָט ידידיה געזאָגט און זיך פערקרימט.

—וואָס איז? ביזט עפּעס נישט געזונד, דאָס האַרץ טהוט דיר וועה?

—איך בין אַ מת!

—אויב דו ביזט אַ מת דאַרפסטו דאָך זיין צווישען די מתים, וואָס-זשע בלאָנקעסטו זיך אַרום אויף דער וועלט?

—איך זוך אַ תקון—האָט ידידיה געשפּאַסט—איך בין זעהר אָרעם און בין ווי אַ מת, און בלאָנקע זיך אַרום אויף דער וועלט און זוך אַ שטיקעל ברויט. וועה איז מיר, כ'האָב פערלאָזט מיין הויז, מיין ווייב און קינדער און איך בלאָנקע זיך אַרום נע-ונד שוין אַזוי לאַנג, אין פיין און אין מאַטערניש. טהו זשע מיט מיר אַ חסד, נחמן, און בעט פאַר מיר ביי איהם זאָל לעבען, אפשר וועט ער זיך דערבאַרי-מען איבער מיר, וועט מיר מזכה זיין מיט אַנ'עצה טובה און איך וועל געהאָלפען ווערען.

—אַ מענש וואָס טויג נישט צו גאָרנישט אפילו צו עבודת הקדש—דעם וועט קיינער נישט העלפען, נישט איך און נישט דער כויב'ער. אפילו אַ מלמד צו זיין טויגסטו נישט, אַ באַנקקוועטשער ביזטו שטענדיג געווען און דיין גאַנצע תורה איז אין דיין בויך—אין דיין בויך-מהלה, האָסט נישט געלערנט, קענסט גאָרנישט און קיין כח הדבור האָסטו נישט. ס'איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף דיר, מיין טייערער!

—אַזעלכע ווי איך זענען פערהאַן אַ סך צווישען אונז ידען און

פונדעסטוועגען מיט גאָטס הילף און מיט דער הילף פון גוטע מענ-שען האָבען זיי זייער פרנסה. אַלץ הענגט אָב פון מזל און אויב ס'איז נישטאָ קיין מזל—איז גאָרנישטאָ, איז לא לחכמים לחם, און די קליג-סטע האָבען נישט קיין עשירות...

—און אַ שדכן קאָן קיין שדכנות נישט אויספיהרען—האָט נחמן געזאָגט.

—וואָס מיינסטו דערמיט? זאָג וואָס דאָס הייסט.

—קוק אָן דעם תם, ער ווייסט דאָך גאָרנישט! איך האָב דיר געמאַכט פאַר פרץ'ס אַ שדכן. כ'האָב דיר אַריינגעלעגט די ווערטער אין מויל אַריין און דיר געשיקט צו אפרים'ען זאָלסט ריידען זיין בת יחידה אַ שידוך מיט פרצ'ס בחור, פרץ'ן זאָלסטו לויבען. זאָלסט זאָגען אַז זיין עשירות האָט גאָרנישט קיין גבול און קיין גרענעץ און אַז דער כזיב'ער האַלט גאָר שטאַרק פון איהם, און ער איז גאָר אָנגע-זעהן צווישען די חסידים, און נדן און כלה-מתנות וועט ער געבען גאָר אָהן אַ צאָהל. און אויף זיין בחור דעם חתן זאָלסטו דערצעהלען אַז ער איז אַ גרויכער חסיד, אַ חכם מחוכם, אַ מושלם, איז געוואַלדיג אַ שענער—ס'איז גאָר איינס אין דער וועלט.

—לויבען פרץ'ן האָב איך געהאַלטען פאַר אַנ'איבעריגע זאַך, וואָרום ווער קען עס נישט פרצ'ן, זיין נאָמען קלינגט דאָך איבער דער וועלט, מען ציטערט דאָך פאַר איהם, אפילו די גבירים גיבען איהם אָב כבוד, וואָרום אַלע זענען דאָך ביי איהם אין רשות, דער גאַנצער מסחר איז אין זיין האַנד, ער איז דער אָנגעזעהענסטער אין זיין שטאָדט, אַלץ וואָס שטאָדט טהוט—ווערט דורך איהם געטהון, ער גיט אויס דאָס קהל'שע געלד ווי איהם געפעלט און קיינער נעהמט ביי איהם קיין חשבון נישט אָב. אַלע ירושה-געלדער פון אלמנות און יתומים טראָגט מען צו איהם, אויך נדן-געלדער, צדקה-געלדער ליגען ביי איהם.

—ווען דו וואָלסט געהאַט שכל אין קאָפּ, וואָלסטו פערשטאַנען אַז דאָס לויבען אַ מענשען איז שטענדיג אַ גוטע זאַך, נאָר וואָס ווער איך ריידען און פערלאַנגען פון אַ מענשען אַזאַ זאַך וואָס ער האָט נישט! איך פרעג דיר נאָר איינס: פאַרוואָס האָסטו נישט געטהון דאָס וואָס אַ שדכן דאַרף טהון צו לויבען אין טאָג אַריין און דערצעהלען יענעמס גרויסע מעשים? איך האָב דאָך דיר געמאַכט פאַר פרץ'ס אַ

שדכן, און ווען דו וואָלסט אויסגעפיהרט דעם שידוך וואָלסטו דאָך אַ סך פערדיענט. און אויפ'ן חתן וואָס האָסטו געזאָגט?

—אויפ'ן חתן פרעגסטו, אויף פרצ'ס בחור?—אויף איהם האָב איך גאָרנישט געזאָגט. אַז ער איז אַ שענער און אַ פיינער האָב איך נישט געקאָנט זאָגען, ווייל ער איז מיאוס—דער שטערען שמאָל און זיינע אויערן—גרויס ווי די כרעמזלעך און בעוואַקסען מיט האָר, זיינע האָר זענען דין און שיטער ווי פלאַקס! דאָס פנים איז ווייס, בעשיט מיט געלע קלייען, זיינע צייהן זענען שוואַרץ און אויסגעקרימט און צווישען די פאָדערשטע פעהלען איהם צייהן און עס קוקט איהם אַרויס דאָרטאַרומער דער שפּיץ צונג און אַז ער רעדט—גאַווערט ער, און אינגאַנצען זעהט ער אויס, אַז ער איז אַ שוטה און אַ טפש און ווייסט נישט קיין קאָץ אַ ווײדעל צוצובינדען. און ווידער אַז ער איז מיאוס און נאַריש—האָב איך נישט געוואָלט זאָגען.

—און דעריבער האָסטו געשוויגען און גאָרנישט גערעדט—האָט נחמן געלאַכט קוקענדיג אויף איהם.

—חלילה!—האָט ידידיה געענטפערט תמ'עוואַטע—איך האָב גערעדט. און מיט דעם גאַנצען מויל האָב איך גערעדט צו אפרים'ן: הער מיר אויס אפרים! פּרץ האָט שטאַרק חשק צו דיין טאָכטער, וואָס ער וויל געהמען פאַר זיין זוהן, וואָרום ער וויל שטאַרק זיך משדך זיין מיט דיר און דיין שענער משפחה, און מעהר האָב איך גאָרנישט געזאָגט, ווייל אָבנאַרען און זאָגען ליגען קאָן איך נישט.

—אַ מענש וואָס זאָגט נישט קיין ליגען, שלימזל, אַזאַ מענש קאָן קיין שדכן נישט זיין, וואָרום ער מאַכט זיך קאַליע און מאַכט אַנדע־רע קאַליע—האָט זיך נחמן געוויצעלט—וועה צו דיר, האָסט חיזק גע־האַט אַ פערמעגען שדכנות-געלד, און וועה צו דעם בחור און דער בתולה, די צוויי ריינע כשר'ע נשמות, וואָס זענען איבער דיר צו־שיידט געוואָרען.

—נישט איבער מיר, נחמן, נאָר איבער דעם זינדיגען דור. אונ־זער נייער דור איז אַ דור פון סורר ומורה, אַ דור וואָס יעדער טהוט זיך ווי איהם געפעלט, און מען פיהרט ליעבעס—אַ מאַנספערשוין פיהרט זיך אַרום מיט אַ מיידעל און אַ מיידעל זוכט זיך שוין אויס איהר מאַנספערשוין און זיי דאַרפען גאָרנישט אָנקומען צו קיין שדכן. אויך ביי אפרים'ן אין שטוב איז געשעהן אַ מעשה נורא, דיין זוהן האָט פערבלאָנדזשעט פון גלייכען וועג און האָט אויך פערפיהרט זיין שוועס־

סטער, די דאָזיגע בתולה פון וועלכער מען רעדט. אַזוי, אַזוי, נחמן, איצט פערשטעהסטו שוין!

די לעצטע ווערטער ידידיה׳ס האָבען נחמנ׳ען געטראָפען גלייך אין הארצען אריין, און אָנשטאָט ער זאָל לאַכען און זיך וויצלען-איז ער דערשראָקען געוואָרען און זיך איינגעקנייטשט.

שטיל. מיטאַמאָל און עס דערהערט זיך אַ קול אין דער טהיר און אַ יודענע זעהר שען אָנגעטהון איז אַריינגעקומען אין פאָדערשטען צימער, דאָרט זענען געשטאַנען, אַ שאַנק, אַ טיש און אַ שטוהל, און אויפ׳ן טיש אַ טינטער מיט טינט. איז נחמן אַרויסגעגאַנגען פון זיין צימער צו דער יודענע.

—כ׳וועל אייך מטריח זיין איהר זאָלט מיר אָנשרייבען אַ „קוויטעל״ צו „איהם״ זאָל לעבען-האָט די יודענע געזאָגט צוגעהענדיג נעהנטער צו נחמנ׳ען.

—ווער זענט איהר און פון וואַנען קומט איהר?—האָט נחמן געפרעגט נישט קוקענדיג אויף איהר.

—איך בין שרה—האָט די יודענע געענטפערט-אפרים׳ס ווייב פון כסלונעווקע... פון דאָרט בין איך... נעכטען פאַרנאַכט בין איך געקומען, איך קום צו „איהם״ זאָל לעבען, בעטען אַ רפואה צו מיין וואונד... אַ רפואה פאַר מיין מאַן, וואָס ליידט גרויסע יסורים, וועה איז מיר, בין איך געקומען אָנשטאָט איהם אויסצוגיסען מיין ביטער הארץ... אויסצודערצעהלען מיינע צרות, אויסצעוויינען...

זי האָט נישט פערענדיגט איהרע רייד און די טרעהרען האָבען אַ שלאָג געטהון פון איהרע אויגען.

—ווי הייסט אייער מאַמע?—האָט נחמן געפרעגט, נעהמענדיג די פען אין האנד, און האָט ווי אַ חסיד שטיל אָבגעזיפצט.

—לאה, האָט שרה געענטפערט און אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש ח״י—ס׳הייסט אַכצעהן זילבערנע מטבעות.

—לאה בעטרעפט צוויי מאָל ח״י—האָט נהמן געזאָגט גלאַט אַזוי זיך און מיט אַ נגונ׳דל, גלעטענדיג די שפיצען באָרד מיט זיינע שפיץ פינגער.

שרה האָט אַרויסגענומען פון בוזעם נאָך אַכטצעהן זילבערנע מטבעות און אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש.

נחמן האָט איינגעטונקען די פען און געשריבען ווי שרה האָט איהם געזאָגט און ס׳איז אַרויסגעקומען אַזאַ „קוויטעל״:

„שרה בת לאה. ד׳ יחזיר לה בנה, שיצא לתרבות רעה.
בעלה אפרים בן יוכבד ד׳ ישלח לו רפואה שלמה מן השמים.
על המרידין וישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיו.
בנה היחיד שמעון בן שרה, ליראת שמים
בתה היחידה, רחל בת שרה, לזווג טוב״.

—המט-מ-מ-ם.—האט נחמן געברומט צוריק אריינקומענדיג אין זיין חדר, פערזונקען אין מחשבות און די האנד אויפ׳ן שטערען-ווי ער וואלט געזוכט עפעס אנ׳עצה און געטראכט וואס צו טהון.

—וואס איז, נחמן?—האט איהם ידידיה געפרעגט.

—דו ביזט זיך דאך שוין מיאש, ידידיה, פון שדכנות—האט נחמן געענטפערט, זיך אויפגעכאפט פון זיינע מחשבות א פרעהליכער און א לעבעדיגער, און א שמייכעל האט ווידער געשוועבט אויף זיינע לי-פען—אויב דו העלפסט אונז נישט—קאנען מיר זיך אליין העלפען, און מיר וועלען שוין וויסען וואס צו טהון. און וואס רעכענסטו אצינד צו טהון?

—איך רעכען צו פאהרען קיין אדעס—האט ידידיה געענטפערט—בין איך דיר געקומען בעטען, דו זאלסט אויף מיר רחמנות האבען און מיטגעבען מיר א בריעף צו דיין ידיד אליעזר פארכי, וואס איז דער גאנצער מאכער ביי אפרים׳ען, וואס איז בעוואוסט אין אדעס, און ער זאל מיר געבען עפעס, א שטיקעל שטעלע איך זאל מיר פער-דינען אויפ׳ן שטיקעל ברויט.

—צו וואס פאר א שטעלע, צום ביישפיעל, קאנסטו טויגען? זאג מיר, אדרבה.

—דאס וויים איך נישט, שרייב איהם סתם א שטעלע.

—פונדעסטוועגען?... א שטייגער וואס, וואס פאר א שטעלע.

—א שטייגער... א שטייגער למשל—האט ידידיה געענטפערט נאך דעם ווי ער האט א ווייל געשוויגען און געטראכט—זאל ער מיר מאכען פאר א שומר פון זיין שטוב און איך וועל נעכטיגען אין קעך וען ער וועט אוועקפאהרען אויף א חתונה צי אויף א באל. אדער ער וועט מיר שיקען וואו ער וועט דארפען און איך וועל געהן. אדער זאל ער גאר זעהן איך זאל ווערען א שמש אין א שוהל.

—אט אזא שטעלע, צו זיין א שמש, פאסט דיר טאקע, און דאס וועל איך טאקע בעטען פאר דיר

טז.

מזל-טוב.

צווישען אַלע וואָס זענען געקומען צום כזיב'ער איז אויך שרה געקומען, און זי האָט זיך נישט געקאָנט דערשלאָגען דורך דעם גרויסען עולם ביז צו „איהם" זאָל לעבען, כאָטש זי האָט געטראָגען אין די אויערן טייערע שענע אויררינג און אויפ'ן האַלז שנירלעך פּערל און מען האָט געוואוסט, אַז זי איז דאָס ווייב פון אפריס כסלונ'עווקער... און ווער ס'האָט זוכה געווען איינמאָל אין זיין לעבען צו זיין ביים רבי'ן, דער וועט זיך אויף דעם נישט וואונדערן, ווייל ער ווייסט, אַז עס זענען פאַרהאַן אַ סך וואָס איילען זיך צו קומען צום רבי'ן אַ שטיק צייט נאָך פאַר ראש השנה, כדי אויסצודערצעהלען זיין ביטער הארץ, און זיך זאַט אָנקוקען אין זיין ליכטיגס געשטאַלט, און פאָהרען אַהיים אַ שטיק צייט נאָך יום-טוב און זיי געלינגט נישט זיך צוצושלאָגען, צו זייער פּיין און הוצאות איז גאָר קיין גבול נישטאָ. און באמת, ס'איז דאָך זעהר שווער פאַר איין מענש ער אַליין זאָל איבערטראָגען אַלע צרות פון טויזענדער יודען... איינער בעט פון איהם קינדער און באַלד קומט אַ צווייטער און בעט: גיט מיר פּרנסה! אייבער שרייט: זייט פאַר מיר מתפּלל, עס זאָל געהן אַ רעגען, און אַ צווייטער שרייט: עס זאָל אויספאַלען אַ שניי! אַ סך זענען די בעדערפענישען פון אונזער פאָלק ישראל און קיינער האָט נישט קיין צייט צו וואַרטען און אויב „ער" זאָל לעבען וועט פאַר זיי נישט זאָרגען—ווער דען זשע?

פון אין דער פריה ביז בייטאָג איז שרה געשטאַנען ביים כזיב'ער אין הויז, צווישען אַ גרויסען עולם מאַנסלייט און ווייבער, וואָס האָבען זיך דאָרט שטאַרק געשטופּט און געאַרבייט מיט די זייטען און אַקסלען. פּלוצלונג איז פון זיין חדר אַרויסגעקומען נחמן און זיך בעוויזען צווישען עולם.

דער עולם איז איהם בעפאַלען ווי די ביהנען, און ס'איז געוואָרען אַ גרויסע מהומה, יעדער בעט עפּעס און פרעגט עפּעס. ביי זיין רעכטער האַנד שטעהט גאָר אַ גרויסער חסיד, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון מקוה און ציטערט אינגאַנצען פון קעלט און פרעגט:

וואָס טהוט דער הייליגער רבי? פון דער לינקער זייט שטעהט ווידער איינער מיט אַ נאַקעטען האַלז און צעבראָשעט האָרץ און רעדט: שוין צייט צו נעהמען עפּעס אין מויל אַריין און ווען וועט מען דאַווענען? פאַר איהם בויגט זיך איינער איין און שטעקט איהם אַריין אין האַנד אַריין אַ מתּן בסתר" כּדי ער זאָל זיך אויף איהם אומקוקען, און הינטער איהם ציהט איהם ביי דער פּאָלע אַ יונגערמאַן, אַ פּנים חדשות, נאָר וואָס פון אונטער דער חופּה אַפּער, האָט שוין בעוויזען צוצו'גנב'ענען דעם ווייבס צירונג און געקומען אַהער צו לויפען צום ערשטען מאָל.

—טרעט אָפּ!—האָט זיך נחמן אויסגעשריען אויף די מענשען וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט—וואָס זענט איהר מיך בעפּאַלען מיט אייער גרעגעריי? לאָזט, לאָזט דורכגעהן!...

נחמן האָט גענומען שטופּען מיט די עלענבויגענס און זיך דורכ-שלאָגען אַ וועג צווישען גרויסען עולם, און זיינע אויגען קוקען אין אַלע זייטען:

—קומט מיט מיר!—האָט נחמן געזאָגט צו שרה'ן און האָט זיך צו איהר אַ לאָז געטהון ווי אַ קאַץ גיט זיך אַ לאָז נאָך אַ מייזעל.

אַלע האָבען געקוקט אויף שרה'ן מיט גרויס קנאה, זי איז גע-ווען ביי אַלעמען אין די אויגען אַ גליקליכע, ווען ס'איז אַ גרויס גליק צוהאַנענגעקומען. און אַז זי איז געגאַנגען נאָך נחמנ'ען איז אַנ'עולם מענשען זיי נאָכגעגאַנגען, האָבען גערעכענט מיט איהר צוזאַמען אַריינ-צורייסען זיך צו „איהם" זאָל לעבען, ווי די אומגליקליכע נשמות אויף יענער וועלט, וואָס כאַפּען זיך אָן אָן צדיק'ס פּאָלעס ווען ער געהט מערביי דאָס גיהנום, כּדי זיך אַריינצוכאַפּען מיט איהם אין גן-עדן אַריין. אָבער ווי נאָר זיי זענען צוגעקומען צו דער טהיר האָט מען זיי מיט געוואַלד אָבגעשטופּט.

—קום אַריין אפרים'ס ווייב!—האָט דער „אַלטער" געזאָגט צו שרה'ן אַז ער האָט געהערט ווי זי געהט אַריין אין דער טהיר—אין ווייס אַז דו האָסט אַ ביטער האַרץ און אַ שווער געמיטה.

„נאָר אַ נביא איז ער—האָט שרה געטראַכט—נאָך איידער איך האָב איהם עפּעס געזאָגט, ווייסט ער שוין וואָס אין מיין האַרץ טהוט זיך—אַלע רבי'ס זענען גאָרנישט מיט גאָרנישט קעגען איהם..."

—וועה צו מיין קלאָגן!—האָט שרה געוויינט און אויסגעצויגען די הענד—גרויסע צרות שטעה איך אויס פון מיין איינציגען זוהן, וואָס איז אַנטלאָפען און איך בין געבליבען אַ פערוואָגעלטע מאַמע, און

ווייס נישט וואו זיך אהינצוטהון!—און זי האט דערלאנגט דאס קוויטעל מיט'ן פדיון.

—צי האב איך דיר נישט געזאגט נאך מיט צוואנציג יאהר צוריק, ווען דו האסט געבעטען ביי מיר א זוהן, אז צוויי וועגען האסטו פאר זיך? אדער בלייבען אַנ'עקרה אדער האבען א זוהן און זיך אָנלייד'ען פון איהם צרות?

—וועה איז מיר!—האט שרה געענטפערט וויינענדיג און זיך אויסגעשנייצט די נאז מיט אַלע פינף פינגער—ווער וויל עס לעבען אָהן א קינד און נישט איבערלאזען נאך זיך קיין קדיש?!... און ווי אזוי האב איך זיך געקאנט דעמאלט איינהאלטען נישט צו נעהמען פון אייער האנד די טייערע מתנה און בלייבען א פינסטערע עקרה! דערצו נאך האב איך זיך געטראכט, אז איך האב נאך מיין האפנונג אין אייך נישט פערלוירען, אויב איהר קאנט מיר מזכה זיין מיט א זוהן, וועט איהר דאך אויך קאנען איבערקעהרען די גזרה צום גוטען, און מיין זוהן זאל זיין א פרום קינד און א גוט קינד.

—וואס האט ער געטהון דיין זוהן?—האט דער כזיב'ער געפרעגט אויפהויבענדיג די אויגען צום הימעל און ארויסגעלאזט א שטילען זיפץ.

—קיין שלעכטס האט ער חלילה נישט געטהון!—האט שרה געענטפערט—נאר מיין מאן זאגט, אז אונזער זוהן איז אראב פון גלייכען וועג, און האט זיך גענומען צום לערנען און בילדען.

—צו בילדונג!—האט דער כזיב'ער אויסגעשריען מיט א ביין קול, ווי א מענש וואס ווערט דערציטערט און דערצערנט דערהערענדיג דעם נאמען פון זיין דם-שונא.—צי איז דען פארהאן נאך אַנ'ערגערע זאך?

—צי איז שוין גאר נישטא קיין רפואה צו מיין מכה?—האט שרה ביטער געקלאגט.

—וואס האט ער געלערנט דיין זוהן?—האט דער כזיב'ער ווידער געפרעגט.

—תנ"ך—האט שרה געענטפערט מיט א ציטערדיג קול.

—גרויסער גאט! רבונו של עולם!—האט דער כזיב'ער געזיפצט.

—צי זענען מיין זוהנס זינד טאקע אזוי גרויס?—האט שרה געוויינט און געזיפצט.

—צי איז אין כסלונעווקע פארהאן פון די היינטיגע משכילים?—האט דער כזיב'ער ווידער געפרעגט.

—אודאי איז דאָ!—האָט שרה געענטפערט—אַ לעהרער פון אַ שוהל, אַנ׳אָרימאַן אַ פערשלעפעניש, ער האָט דאָס מיין זוהן אַראָבגעפיהרט פון דרך הישר, אַ רוח אין זיין טאַטענס טאַטען אַריין!—און אַצינד זיצט ער נאָך ביי מיר אין שטוב צו מיין גרויס הארצוועהטאָג און שיט מיר זאַלץ אויף מיינע וואונדען.

—אוי וועה!—האָט דער כזיב׳ער אַ געשריי געטהון און איז בלייך געוואָרען—וואָס טהוט אַזאַ נבול ביי מיינס אַ חסיד אין שטוב?... זאָלסט איהם תיכף אַרויסיאָגען, וואָרום דער דאָזיגער טמא׳ר מענש וועט אייך אַלע מטמא זיין און איך וועל שוין נישט קאָנען פערריכטען דאָס וואָס איהר האָט קאַליע געמאַכט.

—כ׳שווער ביי מיין לעבען—האָט שרה געשוואוירען—ווי נאָר איך וועל אַהיים קומען אַזוי וועל איך דעם פאַסקודניאַק תיכף אַרויסטרייבען און אויסלאָזען מיין גאַנץ האַרץ צו איהם. אפרים האָט מיר איינגערעדט, האָב איך זיך געלאָזט איינרעדען, איך זאָל דעם קבצן דעם שלעפער אַריינלאָזען צו מיר אין שטוב, ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך פון איהם דערוויסען וואו מיין זוהן איז.

—ווען איז דיין זוהן אַנטלאָפען?—האָט דער כזיב׳ער געפרעגט נאָך דעם ווי ער האָט זיך בערוהיגט.

—אין חודש... אויב איך האָב נישט קיין טעות איז עס געווען ראש חודש... ראש חודש חשון, האָט שרה געענטפערט.

—פאַר׳ן מולד אָדער נאָכ׳ן מולד?—האָט דער כזוב׳ער ווידער געפרעגט.

—דאָס קאָן איך אייך נישט זאָגען,—האָט שרה געענטפערט—ווי אַזוי קאָן אַזאַ פּראָסטע יודענע, ווי איך בין, דאָס וויסען? איך געדענק נאָר, אַז ווען מיין זוהן איז אַוועק, איז יענע נאַכט געפאַלען אַ שנעע מיט אַ רעגען.

—אויב אַזוי איז ער אַנטלאָפען נאָך פאַר׳ן מולד—האָט נחמן, וואָס האָט ביז אַהער געשוויגען, זיך אָבגערופען געלאַסען.

—צי געדענקסטו די מראה פון זיינע מלבושים, וואָס דיין זוהן האָט אָנגעטהון אין דעם טאָג וואָס ער איז אַוועק?—האָט דער כזיב׳ער ווידער געפרעגט.

—איך געדענק, איך געדענק!—האָט שרה אויסגערופען מיט פרייד, גלויבענדיג אַז דאָס איז זעהר אַ נויטיגע זאַך—זיין פאַלטאָ איז געווען דויטלעך און געהאַט אַ פוטערנעם קאָלנער מיט ווייַדעלעך פון מויל-

וואורף. און אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ נאַפּאָלעאָן-היטעל.

—און איצט וועגען אפרים'ן—האָט דער כזיב'ער געזאָגט, אַריינ־קוקענדיג אין קוויטעל.

—מיין מאַן,—האָט זיך שרה געבעטען—מיין מאַן ליידט גרויסע וועהטאָגען פון די מירידין מיט די פוקלאַך, נישט פאַר אייך געדאַכט, פון זינט מיר האָבען חתונה געהאַט ליידט ער, נישט פאַר אייך גע־דאַכט... און איצט האָט ער דערפון גאָר גרויסע צרות אַזוי אַז ער קאָן נישט אַרויסגעהן, זאָלט איהר מוחל זיין, חוץ אין דער פריה פאַר'ן דאַווענען. און פון גרויס וועהטאָג, איז איהם, מיין מאַן, שווער צו זיצען און ער געהט אַרום איבער'ן חדר זיינעם אַהין און צוריק אַ גאַנצען טאָג. און דערפאַר טאַקע, איז ער אַליין נישט געקומען אַהער.

—גרויסער גאָט, פאָטער אין הימעל!—האָט דער כזיב'ער גערעדט מיט גרויס געפיהל, האָט געוואונקען מיט די אויגען און געמאַכט כונות...—יהי רצון.—האָט ער פלוצלונג אויסגערופען, נאָך דעם ווי ער האָט אַ ווייל'ע געשוויגען און זיין פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט—דו דער שיקער און איך דער שליח, יהי רצון!

אַזוי ריידענדיג, האָט ער אַ קוק געטהון אויף שרה'ן, וואָס איז געשטאַנען שטאַרק פערוואונדערט און געזאָגט צו איהר מיט פרייד:

—מזל-טוב דיר, אפרים'ס ווייב!

שרה האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט און האָט זיך שטאַרק געוואונדערט אויף דעם וואָס זי האָט געהערט. פון אונטער דער טהיר האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון די מענשען, וואָס האָבען אַריינ־געקוקט דורך די שפּאַלטען און האָבען אַ ביסעל געהערט פון דעם כזיבי'רס וואונדערליכע רייד. ווי די פליגען האָבען זיי געברומט און געקוויטשעט און גערעדט איינער מיט'ן אַנדערן. און איינער דעם צווייטען האָט גערופען: קום אַהער און הער זיך צו וואָס דער „אַל־טער" זאָגט!...

—אין הימעל האָט מען מזוג געוועזן דיין טאָכטער רחלו—האָט דער כזיבי'ר אָנגעזאָגט שרה'ן די גוטע בשורה.

—ווער איז דער מחותן?—האָט שרה געפרעגט, נאָך דעם ווי זי האָט געשוויגען אַ ווייל'ע פון גרויס צוטומעלניש.

—פדך פון צלמון-האַט דער כזיבי'ר געענטפערט—איך האָף אַז אפרים וועט מיר פאָלגען.

—מזל-טוב אייך, זאָפויִם'ס ווייב שרה בת לאה!—האָט נחמן גע-זאָגט צו שרה'ן מיט אַ פרומער מינע און מיט אַ חסידישער תנועה ווי אַ תם.

—אַדאַנקו!—האָט שרה געענטפערט—ווי דאָס האַרץ האָט מיר טאַקע נביאות גזאָגט צו פרעגלען איינגעמאַכטס איידער איך בין אַוועקגעפאָהרען פון דער היים און זהער ברענגען דאָס פּאַר אַ מתנה. האָט שרה גע-זאָגט שוין ריידענדיג צום כזיב'ער, און איך ווידער—האָט זי ווידער געזאָגט שוין צו נחמנ'ען—וועל איך געבען צעהן גילדען אויף צו קויפען בראָנפען מיט האָניג-קיכלעך פאַר'ן גאַנצען עולם וואָס געפינט זיך דאָ.

—נחמן—האָט דער כזיב'ער געזאָגט—נעהם דאָס דאָזיגע קוויטעל און לעג עס אַריין אין מיין סדור למשמרת, כדי איך זאָל עס זעהן ביים דאַווענען, לעג עס אַוועק דאָרט ביי „והחזירנו בתשובה".

שרה האָט געקושט די מזוזה ביים כזיבי'ר און איז אַרויסגעגאַנ-גען פון דאָרט אַ פרעהליכע און אַ הייטערדיגע.

טז.

אַ קרבן פון דער פאַנטאַזיע.

די גאַנצע צייט וואָס שרה איז נישט געוועזן אין דער היים האָט דאַווידזאָהן טאָג טעגליך געזוכט עצות ווי אַזוי אַריינצוכאַפּען זיך צו רחל'ן אין צימער און שמועסען מיט איהר אומגעשטערט, און פון טאָג צו טאָג איז זיין ליבע צו איהר שטאַרקער געוואָרען. רחל איז גע-ווען איינע פון די דאָזיגע, וועלכע, וואָס מעהר מען דערקענט זיי אַלץ מעהר געפעלען זיי. די נאַטור האָט איהר געשאָנקען אַנ'איידעל האַרץ און אַ גלייכען מענשליכען שכל, צו דערפיהלען וואָס ס'איז גוט און וואָס שלעכט, כאָטש זי איז נישט געוועזן שטאַרק געלערנט. מיט איהר האַרץ האָט זי געפיהלט דאָס גוטע, וואָס אַ מענש פערשטעהט מיט זיין פ ע ר ש ט אַ נ ד, וואָרום דאָס געפיהל דאָס איז דאָס ערשטע פון פערשטאַנד וואָס איז נאָך נישט קלאָר, וואָס איז נאָך איינגעהילט

חי אַ פּרוֹלֶט אין דער שאָל; און דער פערשטאַנד—דאָס איז דאָס קלאָ-רע געפיהל, וואָס איז שוין אַרויסגעוואַקסען און מען זעהט עס שוין אָן. און אין דער צייט האָט רחל שוין אפילו דערגרייכט, דורך די קלוגע שמועסען פון דאַווידזאָהן און יונתן, צו דער מדרגה וואו דער ספק הויבט אָן פייניגען און קלאָר מאַכען דעם געדאַנק און דאָס געפיהל.

צו ביסלעכווייז האָט דער צווייפעל אָנגעהויבען פייניגען רחל'ען. די פריהמאָרגען-וואָלקענס האָבען די געדאַנקען אָנגעהויבען אויפגעהן אין איהר האַרצען, און עס האָט זיך בעוויזען דער ערשטער קנייטש אויף איהר שטערען. און וואָס מעהר די געדאַנקען האָבען זי געפּיי-ניגט אַלץ מעהר האָט זי הנאה געהאַט צו זיצען און שמועסען מיט דאַווידזאָהנ'ען, אַרויסצוזאָגען פאַר איהם איהרע געדאַנקען און איהרע פראַגען און הערען וואָס ער ענטפערט איהר, און דערמיט זענען זיי נאָך מעהר זוּן שטאַרקער פערקניפּט אין פערבינדען געוואָרען. איהרע גוטע פעהיגקייטען האָבען נאָך פערשענערט איהר שענקייט און פער-גרעסערט איהר חן.—דאַווידזאָהן האָט זיך גליקליך געפיהלט און פער-געסען יעדע זאָרג. די וועלט איז פאַר איהם געוואָרען אַ גן-עדן און די שטאָדט כסלונעווקע ווי אַ געטליכער גאָרטען פון דעם ליעבע-ווינדטעל וואָס האָט דאָרט געבלאָזען.

אָבער נישט אַזוי פרעהליך און גליקליך זענען געוועזען ביידע גוטע פריינד דאַווידזאָהנס. רחל האָט טאַקע ליב געהאַט דאַווידזאָהנ'ען מיט'ן גאַנצען האַרצען האָט שטאַרק געקוואָלען פון איהם און זיינע שמועסען, און אַז ער האָט זיך פערזוימט און נישט געקומען צו דער מינוט איז איהר כמעט דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען אויסקוקענדיג איהם. אָבער אין איהר פרייד האָט זיך שטענדיג אַריינגעמישט אַ געדאַנק וואָס האָט איהר גרויס וועהטאָג פערשאַפט, און פערוואָלקענט איהר ליעבע-הימעל מיט טרויעריזע-וואָלקענס. וואָרום, אַז זי האָט זיך דער-מאָהנט אָן איהרע עלטערן, וואָס האָבען תכלית שנאה פיינד געהאַט אַזאַ מענש ווי דאַווידזאָהן און וואָס טראַכטען וועגען איהר גאָר עפּעס אַנדערש—איז איהר יעדע שמחה פערשטערט געוואָרען.—און ווי טרויע-ריג איז זי געוואָרען, זעהענדיג פאָרויס, אַז אַלע איהרע געפיהלען וועלען אַוועק מיט'ן ווינדט, און זי וועט געגען איהר ווילען מוזען חתונה האָבען פאַר אַ נאַריש פערגרעבט יונגעל, וואָס וועט געפעלען איהרע עלטערן!... אָבער נאָך מעהר איז זי טרויעריג געוואָרען, אַז

זי האָט געטראַכט פון דאַווידזאָנ'ען, וועמענס סוף עס וועט זיין גאָר אַ ביטערער. און פון די דאָזיגע פיעל פרעהליכע און טרויריגע געדאַנקען האָט זיך ענטוויקעלט רחל'ס פערשטאַנד, און וואָס מעהר איהר פערשטאַנד האָט זיך ענטוויקעלט — אַלץ מעהר געפיהלען האָט זי געהאַט און אַלץ מעהר האָט זי געליטען פון די טרויריגע געדאַנקען... אַ סך מאָל האָט זי בעשלאָסען גאָר נישט צו רעדען אין דאַווידזאָנ'ס אָנוועזענהייט, כדי איהם נישט צו געבען קיין שום האָפנונגען צו טראַכטען וועגען איהר ליעבע; אָבער ווי נאָר זי האָט איהם דערזעהן איז איהר האַרץ דערוואַרעמט געוואָרען און איהרע ווערטער האָבען געברענט ווי פייער; ווי נאָר זי האָט געהערט די שטימע פון איהר געליעבטען וואָס רעדט צו איהר, האָט זי נישט געקענט זיך אַליין אָבנאַרען, נישט צו רעדען און איהם וועהטאָג פערשאַפען. אויך דער רחמנות האָט זיך דעמאָלט בעהעפט מיט דער ליעבע צו מאַכען גאָר גרויס דעם פלאַקער. בקוצר — רחל איז געווען אַ אומגליקליכע מיט אַ שווער ביטער געמיטה!

אויך יונתן — אויך איהם האָט אין דער שטיל געוויינט דאָס האַרץ אויף דאַווידזאָנ'ען, וואָרום ער האָט געזעהן, אַז די ליעבע איז פאַר איהם נישט צום גוטען און ער קען איהם גאָר נישט העלפען, וואָס מעהר דאַווידזאָן איז פרעהליך געווען — אַלץ מעהר איז יונתן געווען טרויעריג און דערשלאָגען, און אַז דאַווידזאָן האָט איהם דערצעהלט פון זיין גרויס גליק, האָט ער אויף איהם געקוקט מיט גרויס רחמנות, ווי אויף אַנ'אומגליקליכען פאַרלוירענעם מענשען.

„עס טהוט מיר וועה אויף דיר ברודער דאַווידזאָן! — האָט יונתן געטראַכט מיט זיין שווער געמיטה — דערמאָנענדיג זיך אין דאַווידזאָנען און אין זיין ליעבע — ס'טוהט מיר וועה אויף אַזאַ מענש ווי דו ביזט וואָס געהסט פערלוירען און קומסט אום דורך פאַלשע האָפענונגען! דיין דערהויבענער גייסט רעדט דיר אָן זיך צו יאָגען נאָך אַזעלכע זאַכען וואָס זענען פון דיר ווייט, נישט קוקענדיג אויף אַלע שטערונגען, ער ברענגט דיר צו דעם דו זאָלסט אָבהאַלטען דעם וועלט-ראָד און זיך נעהמען דיין חלק מיט געוואַלד, דיין הויכער גייסט דערהויכט דיר העכער איבער אַלע מענשען; העכער פון זייער געלד און יחוס פון וועלכען זיי האָבען אַוועקגעשטעלט אַ וואַנד צווישען איין מענש און אַנדערען. איצט שוועבסטו אַרום אין דער הויך לאַכסט פון רייכען און זיין רייכקייט, פון יחוס און פון די וואָס יחוס'ען זיך, דו ביזט אַ מענש

פון פאַנטאַזיע און דיין פאַנטאַזיע איז פייער, וואָס, אַז עס כאַפּט זיך אַרויס אויף אַ ווײַלע פון דיין גרויסען פערשטאַנד, וואָס היט עס שטענ־דיג אָב, פליהט עס אַרויף צו די הימלען און שפּרייט אויס איהרע פליגעל איבער דער גאַנצער וועלט! דאָס פייער פון די ליעבע האָט שטאַרק אָבגעשיידט דעם שכל פון געפיהל וואָס זענען אין דיר בעהעפט, אַזוי, אַז אַצינד קענסטו גאָר דיין פאַנטאַזיע נישט אָבהאַלטען. אומ־זיסט וועט אַצינד שרייען צו דיר דער פערשטאַנד, ווייל דו ביזט הויך פערפלויגען און וועסט דאָס קול נישט דערהערען; אומזיסט טהוט איצט דער פערשטאַנד דיך בעטען, דו זאָלסט צו איהם צוריקקעהרען איידער דיין אומגליק וועט קומען ווי אַ שטורם, ווייל דיין פאַנטאַזיע פערשטעלט דיר און הערסט נישט זיין געבעט. דיין הויכע פאַנטאַזיע טראָגט דיר אין דער הויך פון דיין פריידי; אָבער—דו האָסט זיך אויפגעהויבען כדי שטאַרק אַראָבצופאַלען... אויף דער הויך פון דיין אומגליקליכער ליעבע פערדסטו זיך אַצינד מיט די זיסע פאַנטאַזיעס און די זעהסט נישט אַז אונטער דיר איז שוין אָנגעגרייט אַ מזבח און דו וועסט זיין דער קרבן! כ׳האָב דיך ליעב, ברודער דאַווידזאָהן, דערפאַר טהוט מיר זעהר וועה פאַר דיר!״

מיט גאָר אַ פרעהליך האַרץ איז אַמאָל דאַווידזאָהן צוריקגעקומען פון דער שוהלע און האָט געאײַלט צו נעמען די זאַכען וועלכע זענען איהם נוטיג געווען צו געהן צו אפרים׳ען, צו טהון דאָרט זיין אַרבייט ווי שטענדיג. דאָרט האָט ער געהאָפּט צו פערברענגען מיט רחל׳ען און איהר געבען אַ לעקציע אין דער לאַנד-שפּראַכע, וועלכע יונתן האָט איהר אין געהיים געלערענט שוין אַ לענגערע צייט און איהר פאָ־טער און מוטער האָבען דערפון גאָרנישט געוואוסט. דאָרט האָט ער געהאָפּט צו פערברענגען דעם טאָג און פערגעניגען, ווי נאָר אפרים וועט זיך צולעגען נאָך מיטאָג, ווי זיין שטייגער איז, אינערהויפּט נאָך איצט ווען ער האָט שטאַרק געליטען פון די מירידין.

דער לויטערער הימעל האָט דאַווידזאָהנ׳ען נאָך פרעהליכער גע־מאַכט, האָט דערוועקט זיין האַרץ וואָס האָט נאָך מעהר געגלוסט צו פרעהליכקייט און פערגעניגען. די זון האָט אין דער פריה אויפגעשיינט רויט ווי בלוט און ס׳איז געווען אַ שיינענדיגע פערגליווערטע ליכטיקייט אין דעם טאָג. ס׳האָבען זיך צונויפגענומען די קראָהען אויף די הויכע דעכער און געשריגען אויף קול דערנאָך זענען זיי פון דאָרט אַוועק מיט רעש און געשריי און געפלויגען און געפלאַטערט אין אַ ראָד הויך

אונטערען הימעל, ווי זיי וואלטען דאס געגאנגען אין א טאנץ, ווי דאס וואלט ביי זיי געווען א משפחה-שמחה, ווי זייער פעטער אדער פעטערס זוהן האט צוגעגרייט א סעודה און פערבעטען די געסט צו זיין חתונה... עס זענען אויפגעשטאנען די קיה פון כסלונעווקע האבען זיך עטליכע מאל אויסגעצויגען און אראפגעטרייסעלט דעם שניי און דאס איז פון זייערע רוקענס, אויך די ציעגען האבען פערגעסען צו ליגען אויף די מיסטען און אלע בלאנקען זיך ארום איבער די גאסען און געסלעך צו קלויבען צום עסען אלץ וואס זיי וועלען געפינען, א טייל עזות פנימ׳ער האבען אריינגעשטעקט די מארדעס אין טארבע צו עסען פון א בריק פון א פערד א גאסט, וואס האט היינט געבראכט אין שטאדט אריין די בעסטע זאכען פון זיין בעל הבית דעם פויער: א ביסעל קארען און האבער, א ביסל פענציג און פלאקס אויך א צוויי דריי גענז און א נ׳אלטען האהן וואס ווערט פערקויפט פאר זיין זינד, וואס ער האט זיך צעקריגט מיט א יונגען שענעם האן, וואס האט געגלוסט צו זיינע ווייבער און האט מיט זיי פערבראכט אין ליעבשאפט; א טייל ציעגען ווידער האבען זיך פערגנב׳עט אנצוכאפען פולע מיילער פון היי וואס ליעגט אין וואגען, ווארום דער פויער איז דארט נישטא, ער איז געגאנגען נעמען א גלעזעל מיט זיינע ליעבע חברים.—דער שענסטער פון די ווינטער טעג איז דער טאג געווען. ווער עס האט ליעב די נאטור איז דעם טאג ארויסגעגאנגען שפאצירען אויפ׳ן שניי, וואס האט נאר פלא׳דיק געשיינט און געסקריפעט אונטער די פוס—דער דאזיגער טאג איז געווען ביי דאווידזאהנ׳ען דער שענסטער טאג אין זיין לעבען, און האט געהארט פון איהם שטארק הנאה צו האבען, און ווי נאר ער איז ארויס פון זיין שטוב און איינער א מענש איז געקומען און האט איהם דערלאנגט א פערמאכטען בריעף און איז גיך אוועק פון איהם, נישט זאגענדיג איהם גארנישט.

דאווידזאהנ׳ס הארץ האט פלוצלונג זיך א טרייסעל געטהון ווי עס טרייסלען זיך די ביימער פון וואלד איבער׳ן ווינד. זיין בלוט האט זיך א רגע ווי אפגעשטעלט אין זיך א טרייב געטהון אין זיינע אדערען זיין פנים איז בלייך און רויט געווארען עטליכע מאל, זיין הארץ האט עפעס דערפיהלט און נישט געוואוסט וואס אזוינס

א קליין וואלקענדעל גרויס ווי די האנד פון א מענשען איז אויפגעגאנגען פון ים אויפ׳ן ריינעם הימעל,

מיט ציטערדיגע הענד האָט דאַווידזאָהן געעפענט דעם בריף און ער האָט איבערגעלייענט די ווערטער:

„איהר זאָלט מעהר צו מיר נישט קומען, איך דאַרף אייך נישט מעהר".

זיינע פיס האָבען פון דעם אַ ציטער געטהון, אין זיינע אויגען איז איהם פינסטער געוואָרען און די אותיות פון בריף האָבען געטאַנצט און געשוועבט פאַר זיינע אויגען אין איין אויסגעמישט רעדעל, אַז ער האָט נישט געקענט ווייטער לעזען. אַז ער האָט זיך עטוואָס בערוהיגט האָט ער ווייטער געלייענט:

„צו דעם בריף איז צוגעלעגט צוואַנציג קערבלעך פאַר דער אַרבעט, וואָס איהר האָט ביי מיר געטהון אַ חודש צייט אפרים כרמילי."

דערשלאָגען און צוטומעלט איז דאַווידזאָהן געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט, ווי אַ מענש וואָס איז אַראָב פון זינען, דערנאָך האָט ער דערפיהלט אין זיך אַ שטאַרקען ציטער, ווי ער וואָלט אַראָבגעפאַלען פון הימעל אין טיעפען גרוב אַריין. אַלע זיינע טייערע האָפענונגען זענען געווען נאָר ווי אַ חלום אויף דער וואַך, און פלוצלונג איז ער אַרויס פון יום-טוב צו טרויער און פון פרייד צו פיין. פערטריבען געוואָרען איז די פרייד פון דער וועלט און זי האָט איהר שעהנקייט פערלוירען; וואָרום מיט די פרייד פון זיין האַרצען וואָס איז אַוועק איז אַוועק די שעהנקייט און ליכטיגקייט פון דער וועלט... זיין שטאַרקע ליעבע אָבער האָט זיך נאָך געשטאַרקט נאָך דעם ווי זי איז אַזוי גרייליך אַראָבגעפאַלען און אין איהם אויפגעבלאָזען אַ פונק פון האָפנונג וואָס איז אויף אַ ווייַלע פלוצלונג פערטינקעלט געוואָרען. ער האָט זיך בעשלאָסען צו זעהן זיך מיט אפרים'ן, זיך צו דערוואוסען פאַר וואָס דאָס איז, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי געשעהן? טאָמער האָט מען אויף איהם אָנגערעדט, וועט ער זיך פאַר איהם פאַרענטפערען אַזוי לאַנג ביז ער וועט זיך איבערבעטען און וועט איהם צוריק צונעמען ער זאָל זיין ביי איהם אין שטוב ווי פריהער, אָדער אפשר וויל ער נישט צאָהלען קיין גרויס געהאַלט, וועט ער איהם זאָגען, אַז ער בעשטעהט צו אַרבייטען אַפאָר חדשים אינגאַנצען אָהן געלד, נאָר כדי זיך אויסצולערנען דעם מסחר. און פאַר וואָס זשע זאָל אפרים נישט בעשטעהן צו טהון אַזאַ זאַך; וואָס איז נוצליך און גוט פאַר ביידע?

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט דאַווידזאָהן געאיילט צו אפרים'ס הויז צעבראָכען פון צווייפעל און האָפענונג, און זיין דערשראָקענע נשמה

האָט געשוועבט צווישען אַ טיפען אָבגרונד און אַ גן-עדן. און אַז ער איז צוגעקומען צו דעם הויז, וואו זיין גורל דארף בעשלאָסען ווערען, איז זיין האָפנונג צעקלאַפּט געוואָרען אויף שטיקלעך, ווי אַ שיף ווערט צעשלאָגען אין אַ גרויסען שטיין אין שטורמיגען ים!

שרה האָט זיך אויף איהם צעשריגען, דערזעהענדיג איהם אין דער טהיר און האָט איהם מיט חרפה אַרויסגעטריבען.

יז.

פאַלשקייט און נאַרעריי.

אין איינעם פון די ווינטערדיגע טעג האָט שמעיה דער „בעהאַלטענער" דער שמש פון דער קהלה אין כסלונעווקע, געשפּאַנט איבער דער גאַס און אין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ גרויסען בויגען פּאַפּיר.

און אָט פאַר וואָס שמעיה הייסט דער „בעהאַלטענער":

ס'איז שוין גאָר אַנ'אַלטער מנהג אין דער שטאָדט כסלנעווקע, אַז אין דער נאַכט פון הושענא־רבה פיהרט מען מיט כליזמר אין באָד אַריין יעדען מענש, וואָס האָט אַ פּאַרעך אויפ'ן קאָפּ. אַלע סיי רייך סיי אָרעם, קיינער ווערט נישט פריי! נאָר אויב ס'איז ביי דעם מנהג נישטאָ קיין משא־פּנים איז אָבער פאַרהאַן, מיט גאָטס הילף דאָס נעמען שוחט, און דער וואָס גיט אויסלייזגעלד פאַר זיין קאָפּ מיט חיין אָדער געלד. לויט זיין שטאַנד און צושטאַנד פון זיין פּאַרעך־דער ווערט פריי. און אַ סך פון די פּאַרכעס בעהאַלטען זיך און פאָהרען אַוועק פאַר דעם „יום-הדין", ווייל זיי האָבען שטאַרק מורא פאַר איהם. און שמעיה וואָס איז צו זיין אומגליק געווען דער גרעסטער פּאַרעך און אויף זיין קאָפּ האָט די רגע געבליהט פון אָנהייב יאָהר ביז'ן סוף יאָהר. און דערפאַר האָט מען איהם מכבד געווען ווי עס קומט איהם און מען האָט איהם געזוכט דעם ערשטען — איז ער זיך אָפּגעווען אַ עניו, און איז שטענדיג אַנטלאָפען פון דעם כבוד. אין אַ טאָג אָדער צוויי פאַר הושנא־רבה איז ער נעלם געוואָרען פון שטאָדט און מען האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. און דערפאַר

איז איהם דער גאָמען פערבליבען אויף אייביג אויך נאָך דעם ווי ער האָט זיך שוין אויסגעהיילט דעם קאָפּ און איז געוואָרען גרעסער און גרעסער, ביז וואַנען ער איז דערהויבען געוואָרען אַזוי הויך צו ווע-רען קהל־שמש פון דער עדה אין כסלבעווקע.

און ביי די כסלונוווער איז דער שטאָדט-שמש באמת זעהר שטאַרק דערהויבען. אומעטום איז ער און ס'איז נישטאָ איין זאַך ער זאָל זיך אין איהר נישט אַריינמישען. אַז אַמענש האָט חתונה און מאַכט אַ סעודה, אָדער איינער מאַכט אַ ברית דעמאָלט פרעהט זיך מיט זיין שמחה אויך דער שמש, ער עסט און טרונקט און נעהמט דערויף געלד ביי די פערבעטענע, אַז די עלטסטע בעל־הבתים פון שטאָדט נעהמען זיך צענויף, פעהלט ער דאָרט אויך נישט און דאָרט ווי זיי טרינקען און שכור'ען דאָרט איז ער. אַז מען קלויבט אַמאָל דאַזוערעס אין שטאָדט, הנפענען איהם מיט גוטע ריידעלעך די וואָס ווילען ווערען דאַזוערעס און דורך איהם צעטיילט מען די אָרעמע בחורים, די בעל-מלאכה יונגען, פון קליין ביז גרויס יעדען זיין פּאָרציע און זיין שטי-קעל פלאָדען. ווען מען האָט איינגעמאָנט דעם עטאַט, דעמאָלסט בע-פעלט ער די אָרעמעלייט און שינד די הויט פון די קבצנים און נעהמט צו זייערע קאָפּעטעס פאַר משכנות. ער איז אַ שטעקען ביי די דאַזוע-רעס, צוזאַמען בעראַבעווען זיי די שטאָדט און לעגען עס אַריין צו זיך אין קעשענע. גאָר גאָר שטאַרק שרעקליך און מורא'דיג איז ער דעמאָלט ווען מען דאַרף צושטעלען פון קהל מענשען צו די זעל-נער. ער זעהט דעמאָלט אויס ווי אַ לייב וואָס זוכט צו פערצוקען, זיין האַרץ איז ווי פון שטיין און פון זיינע אויגען קוקט אַרויס פיינד-שאַפט. אַז ער בעווייזט זיך אין גאַס בעהאַלטען זיך די יונגלעך וואָס דערזעהן איהם, און באַרעמהערציגע ווייבער לויפען גאָר בעהאַלטען זייערע קינדער און פאַר זיין נאָמען ציטערט יעדער מאַנספערשוין;

די דאָזיגע רייכע לייט וואָס זיצען אייביג במנוחה, וואָס האָבען נישט געקענט דעם דאָזיגען נוגש מיט זיין שרעק וואָס ער האָט אָנ-געוואָרפען—ווען דאָס אלץ נישט פערשטעהן, אָבער די אָרעמעלייט די קבצנים, וואָס זענען ווי שעפּעלעך, וואָס עס פרעסען די אַלע בעלי טובות וואָס הערשען איבער זיי און האָבען זיך אָנגעליטען פון אָט דעם שמעיה'ן און זיין גיפט געטרינקען.—זיי וועלען דאָך פיהלען און וויסען, אַז אַלץ וואָס מען זאָגט אויף איהם איז אמת.

און עס וועט נישט איבעריג זיין דאָ צו באַמאָלען דעם מעמד

פון דער שוהלע און דעם מצב פון דער השכלה אין דער שטאָדט כסלו-נעווקע, איידער עס וועט דערצעהלט ווערען דאָס וואָס עס שטעהט געשריבען אויף דעם בויגן פּאַפּיר וואָס שמעיה האָט געטראָגען אין זיין האַנד.

ווען עס איז אַרויסגעקומען דאָס געזעצט פון דער רעגירונג, צו גרינדען שוהלען, וואו יודען זאָלען זיך לערנען און זיך אויסלערנען די לאַנד-שפּראַכע, האָבען די כסלונעווקער זעהר אַ סך געוויינט אויף דער גזרה. האָבען גוזר תענית געווען און זעהר געטרויערט, און מתפלל גע-ווען צו גאָט, ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיין פאָלק ישראל. מען דערצעהלט, אַז די שטאָדט-פּרנסים זענען נישט געזעסען מיט פערלעגטע הענד. די דאָזיגע שתּדלנים מיט זייערע לעפעל-לייט, וועמען די גזרה האָט אַנגעריהרט ביז׳ן ביין, וויסענדיג אַז זיי וועלען קיין תקומה נישט האָבען אויב יודען וועלען ווערען אַן עם חכם ונבון, וואָרום פאַר דער ליכט פון בילדונג אַנטלויפען די טונקעלע שאָטענס און זייער פּרנסה וועט קאַליע ווערען! און ווער אַ שטייגער זוכט עס נישט קיין עצות תחבולות אויסצומיידען די צרה איידער זי קומט און נעהמט צו דעם ביסען פון מויל? און ווער אַ שטייגער קען בלייבען זיצען מיט פער-לעגטע הענד צוקוקענדיג ווי מען נעהמט איהם צו זיין פּרנסה?.. דער וואָס איז געווען אין אַמעריקע האָט ער עס געזעהן. צי וועלען דען שוויי-גען די וואָס וואוינען אין דרום ווען עס וועט אויף זיי ענטפאַלען דער מושל פון צפון מיט אַ סך חיל צו בעפרייען די קנעכט וועלכע זיי פייניגען? און ווי אַזוי זשע זאָלען בלייבען רוהיג די פלעדערמייז, ווען זיי דערשמעקען, אַז ביי יודען ווערט ליכטיג, אויסצובילדען די פאַנאַ-טישע וואָס זענען זייער „ברויט" שוין אַזוי פיעל יאָהרען? וואָס זענען זיי, וואָס איז זייער לעבען, זייער צדקות, זייער כּוח און זייער גבורה אויב די יודען וועלען בעקומען ליכטיגע אויגען און וועלען דערזעהן אַלע נאַרישקייטען?... איז געבליבען ביי די דאָזיקע „פּאַסטוכער" נישט צו דערלאָזען צו אַזאַ אומגליק, זיך האַלטען מיט כּוחות ביים עם הארצות און מאַכען געוואַלדען און בלאָזען אין אַלע טראָמפּייטען קעגען דער השכלה און די משכּילים. האָט מען געזאַמעלט נדבות, האָט מען צענויפגענומען אַ סך געלד דורך פערשידענע תחבולות און האָבען זיך משתדל געווען דורך זייערע שלוחים זיי זאָלען צו דעם נישט דערלאָ-זען, זיי זאָלען זיין דער אבן-נגף און שטערען די יודישע שוהלען און נישט אַריינלאָזען קיין שום גוטע נוצליכע זאַך אין פאָלק ישראל. —

אַ סך בין איך אויסגעשטאַנען אין מיין יוגענד—זאָגט די יודישע ביל-
דונג—אַ סך בין איך אויסגעשטאַנען און מען האָט מיר בייגעקומען!—גע-
מעגט האָבען אויף זיך די כסלונעווקער יודען פאַר אַ חק ולא יעבור, נישט
צו לערנען זייערע קינדער אין די שוהלען. האָט מען דאָך אָבער מורא
געהאַט פאַר די „טשינאָווניקעס", וואָס פלעגען פון צייט צו צייט קו-
מען אויף אַ „רעוויזיע"— האָבען זיי צונויפגענומען יונגלעך פון די
חדרים און פון תלמוד-תורה, און געמאַלכט פול די שוהלע. און דער
„טשינאָווניק" האָט זיך געפרייד זעהענדיג אַזוי פיל תלמודים, כאָטש
זיי האָבען נישט געוואוסט צו ענטפערען אויף זיינע פראַגען, וואָרום
ער האָט געטראַכט, אַז דער גאַנצער ענין פון שולען איז נאָך ניי
פאַר יודען, און אויב די שוהלע טהוט ווייניג אויף אין אָנפאַנג, וועט
זי שפּעטער בעווייזען גרויס וואונדער, מיר דאַרפען איצט נישט קו-
קען אויף גאָרנישט נאָר אויף דער צאָהל תלמודים, וואָרום פון דעם
וועלען מיר וויסען, צו האָבען זיך די יודען שוין צוגעלאָזט צו דער
השכלה אָדער נישט. און דאָ אין כסלונעווקע זעהט ער דאָך אַז אַ סך
תלמודים קלאַפּען אָב די טהיר פון דער שוהלע, איז עס דאָך אַ בעוויי
אַז די כסלונעווער זענען פאָרגעשריטענע מענשען און האָבען ליעב
בילדונג און מיט דער צייט וועט דאָס לערנען אין די שוהלען אויך
אויסגעבעסערט ווערען און די תלמידים וועלען ביסלעכווייז ווערען גע-
בילדעטע מענשען. וואָרום אַזאַ גרויסע זאַך ווי בילדונג, ווערט נישט
מיט אַמאָל, איבער נאַכט געבוירען. וואויל איז דעם וואָס האָפט אויף
דער צייט און איילט זיך נישט!—אַזוי האָט געטראַכט דער טשינאָווניק
און פון טיעפען האַרצען האָט ער געדאַנקט די עלטסטע שטאָט-בעל-
הבתים און האָט זיי פערזיכערט, אַז גאָר אין גיכען וועט מען עפע-
נען נאָך אַ שוהלע אין זייער שטאָדט, ווייל ער זעהט דאָך, אַז איין שוה-
לע איז ווייניג פאַר אַזוי פיעל קינדער. דער גובערנאַטאָר האָט געשיקט
אַ דאַנק-בריף צו די חשוב'ע בעל-הבתים פון כסלונעווקע און אפרים'ען
האָט ער גאָר אויסדערוועהלט און איהם געשאָנקען אַ גאָלדענעם האַלז-
באַנד פאַר זיין אַרבייט אויפ'ן געביט פון בילדונג און זילבערנע קיי-
טען האָבען אויך בעקומען ירחמיאל פון פאַרב-טאָהל און עזריאל און
פלטיאל פון כזיבי און פרץ איז געוואָרען אַ „מיעשטשאַנסקי גראַזשדאַ-
נין" אין צלמון!...

דער אויפזעהר פון דער שולע אין כיסלונעווקע, וואָס איז נישט
געוועזען קיין יוד, אַז ער האָט געזעהן וואָס זיינע שטאָט-לייט טהוען אָב

און וויסענדיג גאַנץ גוט, אַז ער קען דאָ גאָר נישט העלפען. אפילו אַז ער וועט אויסזאָגען וואָס דאָ טהוט זיך און וועט זיך מיט זיי צו-קריגען, ער האָט אויך מורא געהאַט פאַר זיך, סאָמער וועלען זיי איהם פער׳מסר׳ן פאַר נאַטשאַלסטווע און ער וועט דאַרפען אַוועק פון כסלו-נעווקע—האָט ער דערפאַר גענומען „כאַבאַר" און געשוויגען. די חדרים זענען געווען פול מיט קינדער און די שוהלע איז געפאַלען נידעריג ביז אין שאול תחתיה. און דער אויפזעהער האָט זיך געהאַט צוויי תרוצים: איינמאָל—אויב אפילו ער וואָלט זיך גענומען שטרענג צו זיינע שטאָדט לייט, וועט עס איהם אויך נישט העלפען, ווייל ס׳איז שוין אַ געזעץ פון אייביג אָן, אַז מען טהוט חי דער רבים וויל און די רייד פון יחיד הערט קיינער נישט. ווי זאָגט דאָס פאָלקס-ווערטעל: אַז צוויי זאָגען שכור—געה שלאָפען; צווייטענס ווידער, ער איז דאָך נישט פון זייעריגע און קומט נישט אַרויס פון זיי, וואָס-זשע דאַרף ער עס אין זינען האָ-בען זייער טובה און זיך מקריב זיין פאַר דער יודישער בילדונג?! וואָס דאַרף ער זיך זאָרגען פאַר אַזעלכע מענשען מיט וועלכע ער האָט קיין שום עסקים נישט! איהם איז אַלץ איינס, די מלמדים און די לעהרער, די חדרים און שוהלען, איהם געפעלען ביידע נישט! צוליעב דעם דען האָט ער זיך געלערענט און שטודירט אין די צווייטע קלאַס פון רעליג-יאָנס-סעמינאַריום כדי צו בילדען די יודען?!... אָרן דעם זענען אויך די יודען געגנוג קלוג און נאַרען אונז אָב מיט זייערע כיטרע שטיקלעך, אמת טאַקע, זיי האָבען מיר געגעבען שוחד-געלד, נאָר ציי וועט דאָס געלד דען נישט צוריקגעהן צו זיי? נעכטען האָט מיך דער קלייטניק משה באַראַבעוועס, היינט האָט מיך שמואל אָבגענאַרט, מאָרגען וועט זיך אַן׳אַנדערער יוד צוכאַפּען צו מיין איבעריג ביסעל געלד... די יודען האָבען געגעבען און די יודען האָבען צוריקגענומען, זאָל זיי נע-מען דער רוח!—אַזוי האָט זיך דער אויפזעהר אַלע מאָל אַליין פאַר-ענטפערט און האָט זיך בערוהיגט האָט אָפאָר מאָל אויסגערופען: צום טייוועל! צום טייוועל- און ווידער אויסגעצויגן די האַנד צו נעמען „מתן בסתר".

איצט לייענט איבער די „פּראָשעניע" וואָס איז אָנגעשריבען גע-וואָרען צום גובערניע אינספעקטאָר, לויט אפרים׳ס באַפעהל, אין נאָמען פון קהל. כאָטש קיינער האָט נישט געוואוסט און נישט געהערט קיין איין וואָרט, וואָס דאָרט איז געשריבען:

„ווי ס׳איז בעוואוסט אונזער האַר שויז פון לאַנג, שיקען מיר

מיט דעם גאַנצן האַרצן אונזערע קינדער אין די שוהלען וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרען פון דער רעגירונג. און מיר האָבען שוין זוכה געווען אַ סך מאָל צו בעקומען פון דיר אַ דאַנק פאַר אונזער חשק צו בילדונג, דערפאַר שטעלען מיר זיך אונטער, מיר די אונטערגעשריבע־נע צו קומען מיט אונזער געבעט פאַר דיר גרויסער. דערהויבענער האַר און בעטען אַ קלייניגקייט, וואָס אויב דו וועסט עס אונז טהון מיט דיין גרויס גוטסקייט, וועט זיך נאָך מעהר פאַרשטאַרקן אונזער חשק צו ביל־דען אונזערע קינדער און מיר וועלען אויך וויסען, אַז מיר האָבען גע־פונען לייטזעליגקייט אין דיינע אויגען און ביזט גרייט צו טהון אונ־זער פערלאַנג, ווי דו האָסט אונז שוין אַ סך מאָל צוגעזאָגט. אונזער בקשה איז, אַראָבזועצען דעם לעהרער דאַווידזאָהן פון זיין שטעלע, ווייל ער איז אַ זינדיגער מענש און פיהרט זיך קעגען זיין דת און אַ חוץ דעם איז ער נאָך אַ מענש אַ פלאַטקע־מאַכער און אַ אונטערהעצער צו קריגערייען. האָבען מיר מורא אונזערע קינדער זאָלען זיך פון איהם נישט אָבלערנען און נישט געהן אין זיינע וועגען און מיר האָפען... וכו׳.

די דאָזיגע „פראָשעניע״ דאָט מען איבערגעגעבען צו שמעיה דעם „בעהאַלטענעם״ און מיט זיינע לאַנגע פיס, וואָס זענען ווי די פיס פון אַ בושעל שפאַנט ער איצט האָפערדיק איבער די כסלונעווקער גאַסען, צו זוכען מענשען צום חתמ׳ענען.

שפאַנענדיג אַזוי האָט ער אויפ׳ן וועג באַגעגענט אַנ׳אַלטען זעל־נער, זיינס אַ בעקאַנטען, וואָס איז צוריק געקומען פון די סאָלדאַטען מיט אַ סך בענדלעך און מעדאַלען גרויסע און קליינע אויף דער ברוסט, און ער שטעהט און פאַרקעהרט די גאַס פאַר זיין בעל הבית׳ס הויז, האָט שמעיה צו איהם אַ וואונק געטוהן מיט אַנ׳אייגעל, איהם איז איינ־געפאַלען: ער וועט מיר היינט צונוץ קומען. און דורך איהם וועט מען פאַר מיר מעהר דרך־ארץ האָבען. האָט דער זעלנער געלאָזט ליגען דעם בעזעם, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד און געלאָפען גאָך שמעיה׳ן, האָט געעפענט. דאָס מויל און אַרויסגעלעגט אַפויסט, ס׳הייסט: גיב צו פאַרזוכען פון ביטערען טראָפען, האָט שמעיה צו איהם צוריק געוואונקען, האָט אויך צוגעלעגט די האַנד צום מויל, פאַר אַ צייכען, אַז ער וועט איהם שוין מכבד זיין מיט דער אמת׳ער כוסה. און ביי־דע האָבען זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

און אלע וואָס האָבען געזעהן שמעיה׳ן מיט זיין חבר, דעם זעל־נער, ווי זיי איילען זיך און לויפען איבער דער גאַס — האָט איינער

בענומען פרעגען ביים אַנדערן: וואָס איז, וואָס איז געשעהן?
און שמעיה געהט זיך מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און דער זעלנער מיט איהם. זענען זיי געקומען אין אַ גאַס וואו עס וואוינען די אָרימע לייט, זיין סטאַדע שעפסען, האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביי אַ נידעריג שטיבעל. האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר איז צוגעקומען צו דער טהיר אַ יוד אַנ׳אָרימאַן אַ צעבראָכענער און דערשלאָגענער.
—שמעיה?!...— האָט דער מענש אויסגערופען אַ דערשראָקענער און ביטער אָבגעזיפצט.
— עפען ממזר די טהיר און לאָז אַריין אַ גאַסט אין שטוב!—האָט שמעיה אויסגערופען און געגעבען אַוואונק מיט׳ן אייגעל צו זעלנער.
מיט גרויס כעס האָט דער זעלנער אַ טופּ געטהון מיט׳ן פיס און געשאָלטען דעם מענש אין דער מאַמען אַריין. ווי ער וואָלט איהם עפּעס שלעכטס געטהון.
—שמעיה!—האָט זיך דער מענש געבעטען תחנונים — איך האָב שוין נישט די לייכטער אין שטוב, איינציגוויז האָב איך זיי אַרויסגע-טראָגען, נאָט אייך אַ זילבערנע מטבע און זעצט נישט אַריין צו מיר דעם זעלנער! זעהט, מיין אומגליקליכע יודענע ליעגט אויפ׳ן קראַנקען בעט, נאָך אַ ווייל און זי וועט צוריקקעהרען גאָט די נשמה. דעם קליי-נעם קינד איז שוין מרוקען אין הע לזעל, די קינדער זיפצען, בעטען אַ שטיקעל ברויט, האָבען זיך נישט מיט וואָס צו צודעקען, זיך צו דער-וואַרעמען, ס׳איז נאָך נישטאָ קיין חודש זינט איהר האָט מיר צוגענו-מען אַ משכּן דאָס לעצטע קישען. ווי זשע זאָל איך נעמען צו שפּיי-זען דעם זעלנער?
—ממזר:—האָט שמעיה זיך אָנגערופען—כ׳בין שוין מיעד צו הע-רען שטענדיג דיינע קלאָג לידלעך, נאָך דאָס מאָל שענק איך דיר! גיב אַהער די מטבע, ממזר! גיב אויך דעם זעלנער אַ מטבע און געה צום טייוועל!
מיט אַ זיפץ האָט דער מענש אַוועקגעגעבען שמעיה׳ן די לעצטע מטבע פאַר וועלכע ער האָט געוואָלט קויפען אַ שטיקעל ברויט אויף וועטשערע.
—חתמ׳ע זיך אונטער. אונטער דעם פּאַפּיר!—האָט שמעיה בעפוי-לען אַראָבלאָזענדיג די מטבע אין קעשענע אַריין.
—כ׳על חתמ׳ענען, כ׳על חתמ׳ענען!—האָט דער מענש געענטפערט מיט שמחה, פון דעם וואָס ער האָט גע׳פּוטל׳ט ביי שמעיה׳ן ער זאָל

נישט אַריינשטעלען קיין זעלנער צו איהם. און ער האָט זיך איינגע־שטעלט און געפרעגט:

—זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, וואָס שטעהט דאָ אָנגעשריבען און אויף וואָס זאָל איך מיר חתמ׳ענען?

—דו עזות מחוצף פנים!—האָט זיך שמעיה צעשריגען—ווי שטעל־סטו זיך אונטער צו פרעגען און וועלען וויסען וואָס די שטאָדט־בעל־הבתים האָבען געשריבען! פערמאַך דאָס מויל, ממזר און חתמ׳ע! פאַר אַזעלכען ווי דו דאַרף זיין אַ כבוד אָוועקצולעגען דיין טאַטען דעם שכור אויפ׳ן פּאַפּיער וואָס איז געשריבען געוואָרען דורך די עשירים די גרעסטע בעל בתים אין שטאָדט!...

—איך חתמ׳ע, איך חתמ׳ע!—האָט זיך דער מענש געבעטען, ווי ער וואָלט זיך פערענטפערט אויף דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ העזה צו פרעגען און צו וועלען וויסען דאָס. וואָס עס האָבען אָנגעשריבען די שענסטע לייט און די חשוב׳סטע בעלי הבתים.

—אין דיין מאַמען די— — —!—האָט זיך דער זעלנער צעשרי־גען אויף איהם, זעהענדיג, אַז שמעיה כעס׳ט זיך און דער מענש בעט זיך און פערשטעהט נישט וואָס ביידע רעדען. האָט ער אויפגעהויבען די האַנד און איהם געשאָלטען קללות נמרצות איהם און זיין מאַמע...

—איך חתמ׳ע!—האָט זיך דער מענש ווידער געבעטען און גע־וואָלט זיך פאַרענטפערען פאַר שמעיה׳ן דעם בייזען אדון. ער זאָל נישט אין כעס זיין—איהר ווייסט דאָך שמעיה, אַז איך חתמ׳ע שטענדיג נישט וויסענדיג וואָס און ווען. נאָר דאָס מאָל האָט זיך מיר געגלוסט צו פרעגען, און איהר שמעיה זייט נישט בייז אויף מיר, אויב איהר ווילט זאָגט מיר, וועל איך אויך וויסען.

—חתמ׳ע, ממזר! אַז דיר געפעלט נישט... אַז דיר געפעלט נישט דער גרויסער פּאָדאַטעק פון ווין—האָט געענטפערט שמעיה. וואָס האָט אַליין אויך נישט געוואוסט וואָס אין דער „פּראָשענע״ שטעהט געשריבען.

—איך האָב נאָך פריהער געשריגען, אַז דער „פּאָדאַטעק״ טויג נישט—האָט דער מענש געזאָגט און האָט זיך אונטערגעשריבען מיט גרויסקייט, וואָס אין זיין אָרעמקייט און שפלות איז זיין דעה פאָרט נאָך עפּעס ווערט.

שמעיה איז זיך ווייטער אַוועק מיט גרויסקייט. און אומעטום ווי ער מיט דעם זעלנער קומען צו—ווערט דער בעל הבית אַ דערציטער־טער, גיט ער איהם געלד און שרייבט זיך אונטער, ביז שמעיה האָט

צונויפגענומען פון די אומגליקליכע קבצנים די חתימות און אַ סך געלד.
די „פּראַשעניע״ פון כסלונעווקער בעלי הבתים, וואָס האָבען זיך געחתמ׳עט נישט וויסענדיג אויף וואָס, איז אַוועקגעשיקט געוואָרען צום גובערניע איספּעקטאָר וואָס האָט צוזאָגען איבער די שולען...

יח.

אויף איהר צרה איז געקומען

רחל האָט גאָר נישט געוואוסט פון דעם וואָס עס איז אויף איהר נגזר געוואָרען ביים כזיבי׳ר, ווייל דער פאָטער און מוטער איהרע האָבען אין זינען געהאַט דאָס צו בעהאַלטען פון איהר ביז דער ריכטיגער צייט, און די דאָזיגע ריכטיגע צייט איז צו זיי געקומען אין איינעם פון די ליכ-טיגע טעג אין חודש אדר.

דאָס ליכטיגקייט און וואַרעמקייט פון דעם טאָג האָבען אַביסעל בערוהיגט רחל׳ען. וואָס האָט געטרויערט אויף שמעונ׳ען און דאַוויד-זאַהב׳ען איהרע טייערע און נאָהענטע, וואָס זענען פון איהר דערוויי-טערט געוואָרען, איז זי געזעסען ביים פענסטער פון איהר חדר און האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסען און דער דרויסען איז שעהן און ליכטיג. גאַנצע קאָפּעלעס פייגעלעך זינגען אַ ניי ליעד נאָך דעם ווי זיי האָבען דעם גאַנצען ווינטער אָבגעשוויגען. פון דער הויך פון אונטערען הימעל הערט זיך די שטים פון שוואַלב און דאָס געשריי פון די פייגעל, וואָס קערען צוריק די ערשטע, ווי שלוחים פון יענע זייט ימים, פון די ווייטע לענדער מיט אַ בשורה פון פריהלינג וואָס קומט אָן. אין שטאָדט רוישען די ריטשקעלעך קאַלטע וואַסער און רינען פון שניי אַראָב, וואָס איז נעכטען פערפרוירען געוואָרען און אין זיי שפּיגלען זיך די שטראַה-לען פון דער זון ווי אין קריסטאַל. אין די גאַסען זענען פול מיט יונג-לעך און מיידלעך וואָס שפּילען זיך—דער שטעלט אויף אַ מילעכעל אויף דעם וואַסער וואָס לויפט און דער שיקט פּאַפּירענע שיפלעך אויפ׳ן וואַסער—און עס לויפט אַ שפּענדעלע און דרעהט זיך איבער אין וואַ-סער-רינוועלע שלאָגט אָן אין פּאַפּירענעם שיפעל און דרעהט עס איבער

מיט׳ן פנים אראָב. דאָרט געהט דער בעקער מיט אַ קויש אויפ׳ן קאָפּ — און אין קויש — אַלערליי פּורים געבעקסען, שטעפּענט און מאָנקיכלעך וואָס זענען אָנגעגרייט צום שיקען משלוח-מנות. אויך דער אינדיק האָט זיך דאָרט בעוויזען מיט זיין גאַנצען פּערנעהם. מיט גאוה און גרויסקייט ציהט ער ווי אַ בויגען זיינע שעהנע פּעדערען, שלאָגט מיט צאָרן אין דער ערד, און זיין קאָם ווערט רויט ווי פּורפּור, און די נאָז הענגט איהם אַראָב איבער׳ן שנאָבעל. ער דרעהט זיך ווי אין אַ ראָד און בע-וויזט זיין אויפגעבלאָזענעם ווײדעל פאַר יעדען און האַלט אין איין האַלדרען! דאָרט שפּילען זיך צוויי טאָבען, קושען זיך און לאָזען אַרויס קולות און די איבעריגע טויבען פליהען אַרום דאָ און דאָרט אויפצופּי-קען קערענדלעך, און אַז עס דערהערט זיך אַ שאָרך פון אַ בלעטעל גיבען זיי זיך אַ הויב אויף און פליהען אַוועק אין די טויבענשלאַקען.— אַזוי ווי רחל זיצט און האָט הנאה פון דעם שעהנעם בילד — און איהר מוטער איז אַריינגעקומען אין איהר חדר און איינער אַ מענש מיט אַ גרויסער באָרד און לאַנגע פּיס נאָך איהר.

—טאָכטערשי, קינד מיינס! — האָט די מוטער געזאָגט — שטעה אויף און קום אַהער נעהנטער, דער מענש וויל דיך זעהן!

—נו, שעהנע כלה — האָט דער מענש געזאָגט צוגעהענדיג נעהנ-טער צו רחלען — וויז מיר נאָר דיין כתב און לאָמיך זעהן צי דו ביזט ווערט צו האָבען אַ שעהנעם חתן!...

רחל האָט אַ ציטער געטהון און נישט רעדענדיג קיין וואָרט האָט זי אַ בייזען קוק געטהון אויף איהם ווי זי וואָלט געזאָגט: געה אַוועק פון מיר! זאָלסט זיך נישט אַנטוועגען צו צוגעהן וואָרום...

רחל׳ס בליק האָט דעם מענש צוטומעלט און איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער האָט צו טהון נישט מיט עפּעס אַ נאַריש מיידעל, נאָר מיט אַ מיידעל אַ געלעהרנטע, וואָס האָט עהרע-געפיהלען ווי אַ פּריצישע טאָכטער. אַפּאָר מינוט איז ער געשטאַנען צוטומעלט און פער-וואונדערט, דערנאָך האָט ער זיך געלאָסען אָבגערוקט ביז ער איז צו-געגאַנגען צו שרה׳ן.

אַ בייזער בליק דערשרעקט אַמאָל אַ סך מעהר פון הונדערט פּעטש!

—כ׳האָב שוין אַלץ געזעהן — האָט דער מענש געזאָגט צו שרה׳ן — אַלץ האָב איך שוין געזעהן. איצט געה איך צוריק צו די מחותנים וואָס ווארטען אויף מיר

אזוי זאָגענדיג, האָט ער געעפענט די טהיר און איז גיך אַרויס.

—רחל!—האָט שרה געזאָגט ווען דער מענש איז אַרויס פון שטוב —די ווייסט, רחל, אַז דער מענש וואָס איז דאָ געוועזן, איז אַ שדכן, און ער איז דיר געקומען זעהן? און דו, נישט גענוג, וואָס דו האָסט זיך נישט געפּלייסט איהם צו געפעלען, האָסטו איהם נאָך מבזה געוועזן און געקוקט אויף איהם מיט אַזאַ בייזקייט! צו מיינסטו, אַז איך האָב דאָס אַלץ נישט געזעהן? כ'האָב געזעהן, געזעהן, אַלויב צו גאָט, איך בין נאָך נישט בלינד!

—מאַמע. מאַמע!—האָט רחל אויסגערופען מיט הארץ און פון איהרע אויגען האָבען זיך די טרעהרען אַ גאָס געטהון ווי וואַסער — —וואָלסט בעסער געטון. ווען דו האָסט שׂכל און טהוסט זיך אָן דאָס ציהרונג, וואָרום דיינע מחותנים זענען שוין געקומען! נאָך נעכ-טען פאַרנאַכט זענען זיי געקומען.

רחל האָט אַ זיפץ געטהון און זיך געכאַפּט מיט דער האַנד פאַר'ן הארצען.

—כ'הויב דיר נישט אָן צופערשטעהן, רחל! נאָר אַ רעטעניש ביזטו מיר—האָט שרה שטרענג געזאָגט—קוק זיך נאָר אָן אין שפּיגעל און היגסט זיך אַליין נישט דערקענען. דיין פּנים איז בלאַס און די נאָז איז דיר רויט פון טרעהרען, אַזוינס אַ וועט געפעלען דיינע מחותנים?

—ס'איז מיר אַלץ איינס—האָט רחל געענטפערט—אויב איך וועל זיי נישט געפעלען.

—דו רעדסט דאָך שוין גאָר ווי אַ חצופה—האָט שרה זיך בייז צעשריגען.

—מאַמע!—האָט זיך רחל געבעטען—וואָס איז דאָס געאיילעניש אַזוי מיר חתונה צו מאַכען? צו בין איך דיר שווער צום אויסהאַלטען מיר?

—וועה איז מיר;—האָט שרה אויסגעשריגען מיט אַ געוויין — אָט דאָס האָב איך פאַר מיין גאַנצער האָרוואַניע. פאַר דעם וואָס איך האָב דיר געטראָגען, געהאָדעוועט און ערצויגען, און איצט טראַכסטו אויף מיר אויס אַ בלבול, אַז ביזט מיר ווי אַ שווערע משא! וואָס הייסט דאָס? אויך נאָך דער חתונה דיינער וועסטו דאָך עסען קעסט ביי מיר, דו און דיין מאַן! דער מאַן דיינער וועט שטענדיג זיצען אין בית המדרש און וועט לערנען און דאַווענען, איך וועל איהם אָבהיטען ווי דאָס שוואַרץ אַפּעל פון אויג; דיינע קינדער וועל איך אַרומטראָגען און וועל זיי ניאַנטשען - וועה איז מיר! ווען דו וואָלסט געהערט וואָס די שטאָדט

רעדט, פערשטאָפּט זאָלען ווערען די מיילער פון מיינע שונאים און זאָל זיי אָבדאַרען די צונג אין מויל.

—וואָס רעדט מען?—האָט רחל געפרעגט מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ.

—וואָס מען רעדט?—האָט שרה געזאָגט—מען רעדט, אַז איך האָב אַ גרויסע מויד שוין פון אַכטצעהן יאָהר און מען האָט זי נאָך נישט חתונה געמאַכט אין דער צייט ווען די מיידלעך אין דיין עלטער האָבען שוין צו צוויי קינדער—וואו טהוט מען זיך אַהין פון חרפה,

—צו האָסטו פערגעסען מאַמע—האָט רחל געענטפערט—צו האָסטו פאַרגעסען, אַז שמעון איז אַ סך עלטער פון מיר און איך בין יונגער?

—וועה איז צו מיר און וועה איז צו מיין לעבען! — האָט שרה אויסגערופען—וועה און ווינד איז צו אַזאַ פערוואָגעלטער און טרויערי-גער מוטער ווי איך בין! איך ווייס עס גאַנץ גוט און האָב עס נישט פערגעסען, אפילו ביינאַכט אין שלאָף פערגעס איך נישט. נאָר דער כזיב'יר האָט געהייסען און ער אַליין רעדט דיר דעם שידוך! דאָס איז ביי דיר אַ קלייניקייט?

רחל האָט פאַרקרימט די ליפּען מיט די אויגען, ווי זי וואָלט גע-זאָגט: אין מיינע אויגען איז עס שוין גאָר אַ קנאַפּער כבוד, אין מיינע אויגען איז דער גאַנצער כזיב'יר אויך גאָר נישט ווערט... דערנאָך האָט זי זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

—מאַמע! ווען אפילו צעהן כזיב'יר זאָלען מיר רעדען דעם שידוך וועל איך זיי נישט הערען און נישט פאָלגען, ביז איך אַליין מיט מיי-נע אויגען וועל נישט זעהן דעם חתן און וואָס ער איז אַזוינס.

—נישט אַנדערש אַז דו ביזט פון זינען געריהרט! — האָט שרה אויסגערופען שטאַרק איבעררא שט—באַדענק זיך רחל! אַ יודישע טאָכטער און רעדט... אַזעלכע רייד! צי איז נאָך אַזעלכעס געהערט געוואָרען איך דער גאַנצער וועלט? וועה און ווינד איז מיר.

—שרה—האָט געזאָגט אפרים וואָס איז אין איילעניש אַריינגעלאָ-פען—געה נאָר שרה, געה גיך און גרייט אַלץ צו וואָרום היינט פאַר-נאַכט שרייבען מיר תנאים צום מזל. איך געה איצט פון די מחותגים. אַלץ איז שוין אין דער בעסטער אָרדנונג.

—דיין טאָכטער מיינט נישט אַזוי—האָט שרה ביטער געזאָגט.

—וואָס זי? וואָס זי?—האָט אפרים געפרעגט, קוקענדיג דאָ אויפן ווייב און דאָ אויף דער טאָכטער.

—זי זאָגט—האָט שרה געענטפערט — דיין טאָכטער זאָגט, אַז די

וועט אונז נישט הערען, ביז זי וועט נישס פריהער זעהן דעם חתן, אזוי זאגט זי, רחל.

—ווער אייגענטליך פרעגט איהר דען, צו זי וויל אדער נישט?— האט אפרים גערעדט צו זיין ווייב נישט קוקענדיק אויף רחל'ען.-ס'מאכט נישט אויס! אויב זי וועט נישט וועלען היינט—וועט זי וועלען מארגען.

—אמת טאקע, אפרים—האט שרה געזאגט און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ זיפצענדיג.

—שעמען מעגסטו זיך—האט אפרים געשטראפט זיין טאכטער מיט בייזקייט—שעמען מעגסטו זיך צו רעדען אזעלכע ווערטער... א יודישע טאכטער, רחל, א יודישע טאכטער דארף זיך אין דעם נישט אריינמי-שען!.. דיינע עלטערען וועלען דיר אויסקלויבען דיין זווג און דו דארפסט שווייגען...

ווער ווייסט ווי לאנג אפרים וואלט אזוי געשטאנען און געליי-ענט זיין מוסר, איבערגעחזר'ט אלע ווערטער און געשפיגען אלע ווילע, ווען נישט זיין ווייב שרה, וואס האט אויך געעפענט איהר מויל און זיך אויך אנגערופען:

—אפרים! אט איך אפרים, האב דיר נישט געזעהן פאר אונזער חתונה און דו אויך דאס אייגענע. איך האב דיר נישט געזעהן, כאטש איך בין געוועזן א יתומה אהן א טאטען, נאך היינט געדענק איך, אז צוויי יאהר נאך אונזער חתונה האבען מיר זיך געשעמט צו רעדען איינער מיט'ן אנדערן, און פונדעסטוועגען האב איך געהאט קינדער און מיר לעבען בשלום ביז הונדערט און צוואנציג יאהר!...

—געה שרה!—האט אפרים געזאגט צו זיין ווייב, ווען ער האט זיך דערוואָרט זי זאל שוין ענדיגען איהרע רייד - לאמיר איצט נישט פערברענגען די צייט מיט די נארישקייטען. זאל זיך רחל דא זיצען און מיר וועלען געהן. ווארום איך האב נאך מיט דיר וואס צו שמוע-סען און דער טאג שטעהט נישט.

—וועה איז מיר און ארבעט איז דאך א סך!—האט שרה אויסגע-רופען—אהן מיר וועט דאך קיינער נישט טהון וואס א גראשען איז ווערט וועה איז מיר! אלע ווייבער זיצען זיך ווי די פריצעס ביי זייערע מע-נער און איך, דיין ווייב, בין שטענדיג איינגעשפאנט ווי דער אקס אין דער יארמע.

אז אפרים מיט זיין ווייב שרה זענען ארויסגעגאנגען, האט זיך רחל אוועקגעלעגט אויף איהר בעט און האט זיך ביטער צעוויינט,

וויסענדיג גאַנץ גוט, אַז דער חתן, וואָס ידער פאָטער האָט איהר אויס-געקליבען מיט'ן בעפעהל פון כזיב'יר, איז ביטערער ווי דער טויט און צו מאַכען גרעסער איהר הארץ-ווערטאָג האָט זי זיך פאַרגעשטעלט די כסלונצוקער און צווישען זיי בנימינ'ס איידעם, דעם טייערען יונגען-מאַן, ווי אויך שמואל'ס זוהן און נאָך אַנדערע אַזעלכע בחורים וואָס האָבען נישט פערשטאַנען פון רעכטס ביז לינקס און זייער גאַנצער רוהם איז—זייער נאַרישקייט. און קעגען זיי האָט זי זיך פאַרגעשטעלט דאַווידזאָהנען מיט זיינע פעהיגקייטען און געזעהן דעם גרויסען אונטער-שיעד צווישען איהם און זיי, אַ חלוק פון טאָג צו נאַכט. אָבער וואָס זאָל זי טהון—אַז זי איז ביי איהר פאָטער אין די הענד כחומר ביד היוצר—אַזוי ווי אַלע יודישע טעכטער, וואָס די עלטערען געוועלטיגען איבער זיי מיט געוואַלד און זיי האָבען נישט קיין עצה זיך אַנטקעגען צו-שטעלען און צו אַנטלויפען, ווי אַ בחור אַנטלויפט קענען זיי נישט אַנטלויפען ווארום אַ יודישע טאָכטער זיצט אין שטוב. אַ יודישע טאָכטער אַנטלויפט נישט. דאָס אַלץ האָט רחל פערשטאַנען און האָט זעהר ביטער געוויינט, געוויינט ביז פאַרנאַכט ווען די מאַמע איז אַריינגעקומען צו איהר מיט די שעהנע קליידער אין האַנד, און מיט'ן בעפעהל פון איהר פאָטער, וואָס האָט איבער איהר צו שאַפען, האָט זי איהר געאיילט אָנצוטהון די שעה-נע מלבושים און דאָס ציהרונג. ווארום באַלד קומען אָן די מחותנים מיט די געסט אויף דער סעודה.

נאָך אַ ווײַלע — און מען האָט אין שטוב אַריין אַריינגעפיהרט רחל'ען, וואָס איז געוועזען אַזוי בלאַס, אַז זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ כלה וואָס איז געשטאָרבען אונטער דער חופה און מען האָט געבראַכט אויפ'ן בית עולם...

—„קדוש, קדוש, קדוש ד' צבאות!“—האָט אויף אַ קול געדאַווענד איינער פאַר'ן עמוד. ווען רחל איז אַריינגעקומען.

—גאָט דערבאַרעמדיגער, גאָט רחמנותדיגער!—האָבען רחל'ס ליפּ-צען געשעפטשעט ווען זי האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל.

יט.

אַ צעטומלעניש.

טעג זענען אַוועק, חדשים זענען דורך פון דער צייט, וואָס רחל איז פערקנסט געוואָרען צו פּרצ׳ס זוהן פון דער שטאָדט צלמונה. אפרים איז שוין נישט געפּאָהרען קיין אָדעס, זיין האַנדעלס שטאָדט, צוויי מאָל אין יאָהר, ווי ער איז שטענדיג געוואוינט געווען, צוליעב זיין בויך-קרענק וואָס האָט זיך געשטאַרקט. האָט ער זיין גאַנץ פערמעגען איבערגעלאָזט אין אליעזר׳ס הענד און איהם געמאַכט פאַר׳ן גאַנצען בעל הבית איבער זיין געשעפט און פאַר דעם גאַנצען מושל פון זיין מסחר. ער האָט זיך נאָך איבערגעשריבען מיט איהם און אליעזר איז געווען זעהר דורכגעטריבען און כישרע, ער האָט געקענט זיך צו חנפ׳ענען צו זיין בעל הבית אַזוי, אַז יענער זאָל זיך פערלאָזען אויף איהם. אפרים האָט שוין נישט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך אין געשעפט און האָט צו דער בעשטימטער צייט בעקומען פון איהם געלד אויף צו לעבען. אַזוי איז אפרים אַ לאַנגע צייט געזעסען שטיל און רוהיג אין דער היים ביז איינמאָל פּלוצלונג אין אַ בריף פון אליעזר׳ן האָט איהם שטאַרק איבער-געשראָקען און פערשטערט זיין רוה. און איצט שפּאַנט ער אַרום אַהין און צוריק אין זיין חדר, איז צעטראָגען און בייז און רעדט מיט כעס צו זיין ווייב.

—ווען ער וואָלט מיר מודיע געווען נאָר דאָס—האָט אפרים גע-רעדט פערבּיטערט—אַז יענער און יענער האָט געבאָרגט און וועט נישט בעצאָהלען, וואָלט איך נאָך געשוויגען. נישט שטענדיג געהט עס אַ סוחר גלאַטיג, און אפילו דעם וואָס עס גליקט—טרעפט אויך אַמאָל אַ צרה; גנב ער דערלעגט אויף איין אָרט, פערדיענט ער פון אַן אַנדער אָרט; אַזוי איז שוין דער שטייגער פון מסחר, מען דאַרף האָבען שכל און וויסען אויסצוגעבען דאָס געלד אויף פערשידענע ענינים מיט שכל און מיט אַ חשבון;—ווען נאָר דאָס וואָלט מיר אליעזר מודיע געווען אין זיין בריעף, מילא וואָלט איך נאָך געשוויגען. כאָטש עס טהוט מיר וועה דאָס האַרץ אויף מיין געלד, אָבער ער...

—וואָס זשע? עפּעס נאָך אַ צרה און אַנ׳אומגליק איז דאָ אין זיין

בריעף!—האָט שׂרה געפרעגט אַ זעצימטערטע נישט לאָזענדיג דעם מאַן ענדיגען זיינע רייד.

—נאָך אַ מין צרה!—האָט אפרים געענטפערט געבענדיג אַ מאַך מיט דער האַנד און געקוקט אַ צוטראָגענער אויף זיין ווייב — איך האָב דיר נאָך נישט אַלץ געזאָגט.

דערצעהל זשע מיר אפרים— האָט שׂרה געזאָגט— דערצעהל גיך, וואָרום איך האָב נישט קיין צייט דאָ צו שטעהן, אַזוי פיעל ברייט האָב איך, און אָהן מיר, וועט דאָך קיינער נישט טהון וואָס אַ גראָשען איז ווערט.

—אין דעם בריף—האָט אפרים ווייטער דערצעהלט, ווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף אַ בריעף—אין דעם בריעף שלאָגט מיר אליעזר פאָר איך זאָל מאַכען שותפות מיט איינעם אַ פריץ און מאַכען אַ גרויס געשעפט: צושטעלען ברויט די זעלנער וואָס שטעהן אין טאַווערישער גובערניע. און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט אַזעלכע געשעפטען. איך וויל בעסער האָבען וועניג און במנוחה איידער אַ סך מיט קאָפ פאַרדרעהעניש און דערפאַר טאַקע, מיט גאָט'ס הילף האָב איך אַזאַ גוטען נאָמען צווישען סוחרים. איז נאָך וועניג וואָס איך האָב עגמת נפש וואָס איך זאָל פלוצלונג טהוען אַנדערש ווי איך בין געוואוינט, אריינצולאָזען זיך אין גרויסע עסקים, געפעלט מיר נישט די גאַנצע זאַך איך זאָל אריינלעגען מיין גאַנץ פערמעגען אין איין עסק וואָס איך הויב איהם נישט אָן צו פערשטעהן. אמת טאַקע אליעזר איז אַ מענש וואָס איז מצליח און ער פערזיכערט מיר, אַז דאָס איז אַ גוט געשעפט און מען דאַרף האָבען אַ סך צו פערדיענען, נאָר ווער קען וויסען וואָס מאָרגען וועט זיין, און ווער ווייסט וואָס עס קען געשעהן? טאָמער וועט איצט נישט אָבגליקען—בלייבען מיר דאָך אביונים!

—און וואָס אַזוינס צווינגט דיר—האָט שׂרה געפרעגט—דו זאָלסט מסכים זיין אויף דעם געשעפט? אליעזר איז דאָך נאָר אַ מענש און דו ביזט דאָך דער בעל הבית!

—איך בין זיין בעל הבית! — האָט אפרים איבערגע'חזר'ט זיין ווייב'ס ווערטער און וויעדער געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנד — דער וואָס פערלאָזט זיך אויף זיין משרת דער האָט אַ שלעכטען סוף. ווער איז מיר! איבער מיין קרענק פון וועלכער איך לייד גאָר שטאַרק די לעצטע צייט, קען איך שוין נישט פיהרען מיינע עסקים ווי פריהער און איך בין געצווינגען זיך צו פערלאָזען אויף אליעזר'ן און ער זאָל

עס זיין מיין שפּייזער. און דער דאָזיגער אליעזר ביי וועמען אין האַנד עס געפינט זיך מיין גאַנץ פערמעגען און מיין כבוד. איז מיר הייגט סודיע אין בריף, אַז מורא האָבענדיג עס זאָלען דערווייל נישט קומען אַנדערע און איהם אויסכאַפּן דאָס געשעפט, האָט ער דערפאַר צוגע־איילט און געמאַכט דאָט געשעפט מיט׳ן פריץ. געמאַכט מיט איהם שותפות און איהם פערזיכערט, אַז איך וועל נישט זיין קעגען דעם און איך וועל איהם צושיקען אַ כח הרשאה ווי ער און דער פריץ פערלאַנגען עס. און איצט — אַזוי שרייבט אליעזר אויב איך וועל אויף דעם נישט בע־שטעהן וועט איהם דער פריץ אָנקלאָגען צום געריכט און וועט אויף איהם אַרויפלעגען אַ גרויסע געלד־שטראָף ווייל ער האָט איהם פערפיהרט און אָב־געגנאַרט אין דער צייט ווען אַ סך האָבען פאַר איהם געעפענט זייערע קאַסעס צו געבען איהם גענוג געלד אויף איינצוקויפען אַ סך תבואות, וואָס זייער פרייז וואַקסט פון טאָג צו טאָג און אַ חוץ דעם וואָס ער וועט ליידען אַ גרוי־סע שטראָף און גרויס חרפה, וועלען איהם פערפאַלען ווערען די טוי־זענד קערבלעך וואָס דער פריץ האָט דערווייל ביסלעכווייז אָנגענומען.

— וועה איז מיר וואָס זשע טהוט מען? — האָט שרה געזאָגט מיט

אפרים איז שטעהן געבליבען, האָט זיך שטאַרק געקרייזעלט די באָרד נישט רעדענדיג קיין וואָרט און געשטאַנען ווי אַ פערבלאָנזשע־טער מענש מיט אַ ביטער האַרץ.

— איצט וועל איך מיר געהן — האָט שרה געזאָגט אויפשטעהענדיג — וואָרום די אַרבייט אין שטוב וואַרט אויף מיר. ס׳איז נאָך דאָ צייט. מיר וועלען זיך נאָך מישב זיין.

— אָבער — האָט אפרים אויסגערופען — אליעזר פערלאַנגט שטאַרק, אַז איך זאָל איהם ווי צום גיכסטען ענטפערען, כדי ער זאָל קענען צוגרייטען אַ סך קאָרען און דאָס פיהרען מיט וועגענער צו דער אַרמיע איידער די וועגען ווערען קאַליע.

— מיינע אַלע צרות און מיין ביטער געמיטה צו אליעזר׳ס קאָפּ! — האָט שרה געשאָלטען מיט אַ בייז האַרץ — ס׳איז מיר ווייניג מיינע אַל־טע צרות, קומט ער מיר נאָך צו מיט נייע וועהטאָגען!

— אָט דער אליעזר איז דאָך דיין משפחה! — האָט אפרים געזאָגט מיט אַ ביטער שמייכעלע.

— פונדעסטוועגען — האָט שרה געענטפערט — זאָל אַ רוח אין זיין טאַ־טענס טאַטען אַריין, וואָס ער האָט זיך אָנגעפּרעסען מיט אונזער פראַצע און אונז פערפיהרט אין אַ בלאָטע.

—און וואָס טהוט מען?—האָט אפרים אויסגערופען אַרויפלעגענדיג די האַנד אויפ'ן קאָפּ און שטאַרק געקרייזעלט די האָר — גיב אַנ'עצה שרה, רעדט?

—וואָס זאָל איך רעדען און וואָס זאָל איך זאָגען? — האָט שרה געענטפערט—איך האָב מורא, אַז דער שידוך פון אונזער טאָכטער מיט פרצ'ס זוהן איז נישט קיין גוטער. און זייער פער'קנסען איז אָהן מזל. אַמאָל איז רחל קראַנק און קוים וואָס זי געהט אַרום, און אַמאָל — ליידסטו גרויס וועהטאָג; איך אַליין, וועה איז מיר, האָב שוין אויך נישט קיין כח אַרומצוגעהען אויף די פיס און כ'טראָג אַ וואונד אין הארצען: דאָ נישט לאַנג איז געפּגר'ט אונזער גוטע קוה, וואָס האָט גע-געבען אַ סך מילך, דריי מאָל אין טאָג און מיר האָבען געהאַט אַ סך פוטער; און איצט איז געקומען אַ נייע צרה. מיינע אַלע וועהטאָגען און ביטער האַרץ צו אליעזר'ס קאָפּ.

—וואָס קומט דיר אַרויס, אַז דו רעדסט פוסטע נאַרישע זאַכען?—האָט אפרים גערעדט מיט אַ בייז געמיטה-בעדענק זיך, שרה, און האָב איצט אין זינען דעם בריף און גיב אַנ'עצה!

—ווען דו וואָלסט מיך געפאָלגט — האָט שרה געזאָגט נאָך דעם ווי זי האָט זיך אַ ביסעל בעדענקט—וואָלט איך דיר געזאָגט מיין עצה, ביי אונז אין שטאָדט איז דאָ אַ כשוף-מאַכעריז, לאָמיר געהן צו איהר און מיר וועלען איהר בעטען זי זאָל אונז קאָרטען-לעגען, און וואָס זי וועט אונז הייסען אַזוי וועלען מיר טהון, אַ סך קומען צו איהר אין אַנ'עת צרה...

אפרים איז געשטאַנען שווייגענדיג און זיך געקרייזעלט די שפּיצען באָרד.

—איך זעה שוין—האָט שרה ווייטער גערעדט — אַז דיר געפעלט נישט מיין עצה, נעהם-זשע און פאָהר אַריבער צום כזיבי'ר, און אַז דו וועסט שוין דאָרט זיין וועסטו שוין בעטען אַ רפואה צו דיינע וועה-טאָגען, ער וועט דיר געבען אַ סגולה און וועט דיר היילען פון אַלע קרענק, פערלאָז זיך נישט אויף די דאָקטוירים פון אונזער שטאָדט. וואָס ווייסען גאָרנישט—זאָל אַ רוח אין זייער טאַטענס טאַטען אַריין!...

אפרים האָט זיך געקרייזעלט די וואָנסעס און די באָרד נישט רעדענדיג קיין וואָרט.

און נאָך דעם זעלבען טאָג איז אפרים נצול געוואָרען פון זיין צעטומלעניש. ס'איז אָנגעקומען אַ ידיעה איז שטאָדט אַריין: דער אַלטער

קומט צו אונז; דאַנען געקומען די שענסטע בעלי בתים צו אפרים׳ען און געזאָגט צו איהם: זאָל דער „אַלטער״ ביי דיר איינשטעהן ווייל דיין הויז איז שעהן און גרויס מיט גרויסע חדרים. האָט אפרים מיט שמחה מסכים געווען און אין הארצען האָט ער געטראַכט: ס׳איז פאַר מיר אַ גוטער סימן!

ב.

אַ רוהיג ווינקעל.

אויף אַ שטילער גאַס. אונטער דער שטאָדט זשיטאָמיר, אין טאָל נעבען אַ סאַזעווקע, לינקס פון באַרג וואָס איז בעוואַקסען מיט ביימער. ווייט פון שטאָדט מיט איהר טומעל און געוויש—שטעהט דאָרט אַ קליין הייזעל אין אַ גרויסען גאָרטען וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַן. פאַר די פענסטער וואָס זענען גרין געפאַרבט שטעהט אַנ׳עפּעלבוים צווישען פערשיעדענע פרוכטענביימער אויף וועלכע עס וואַקסען זומער אַ סך פרוכטען. אונטערן דאַך געפינט זיך אַ גאַניקעל אַנטקעגען דעם טויבענשלאַג וואוהין די טויבען קומען און שטעלען זיך אַוועק. ווער עס געהט נאָר פאַרביי פאַר דעם הויז מיט זיין שעהנעם גאָרטען — שטעלט זיך אָב און בעוואונדערט די רוהיגקייט וואָס הערשט דאָרט, און ער בעקומט גרויס חשק צום רוהיגען שטילען לעבען!

אין חודש ניסן, ווען די ערד נעהמט צוריק גרינען און די ביימער הייבען אָן בליהען, דעמאָלט קומט דער סאָלעוויי צוריק פון גלות, זיך צו באַזעצען צווישען די ביימער וואו ער וואוינט שוין זייט איינּיגע יאָהר און זינגט דאָרט זיינע ליעדער—דעמאָלט זינגט ער זיין ליעבע-ליעד פאַר זיין געליעבטע וואָס מאַכט זיך אַליין אַ נעסט. זינגט ער זיסע ליעדער און מאַכט דערפרעהען די הערצער פון זיינע צוהערער. דאָרט האָט דער בושעל זיך געזעצט אין ז׳ער נעסט וואָס איז געמאַכט אויף אַ ראָד פון אַ וואָגען וואָס ליעגט אויפ׳ן שפּיץ פון אַ בוים, און שטעהענדיג אויף איין פוס, פאַרבאָרגט ער אַלע ווילע דאָס קעפּעל אונטער׳ן פליגעל זיך אָבצורוהען אַ ווילע פון גאַנצען טאָג אַרבייט,

אָדער ער קלאַפּט הויך מיט׳ן שנאָבעל אויף אויסצודריקען זיין גאַרונג און גלוסטונג; און דאָס קלאַפּען פון שנאָבעל דערפרעהט אויך דאָס האַרץ פון מענשען און עס קלינגט פאַר איהם ווי אַ שעהן געזאַנג... און פון דער קליינער סאַזעלקע אַרויס קראָקען דעמאָלט גאַנצע קאַפּעלעס פרעש, גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט הערען זיי נישט אויף צו שרייען, אויך זיי מיט זייערע טויזענדער משוררים וואָס ווייסען די קונץ פון שריי-ען, גירען צו דעם פריהלינג אַ בעזונדער שעהנקייט און פרעהליכקייט, אין די זומערדיקע היצען זענען די הימלען ליכטיג און די זון ברענט גאָר שטאַרק. עס בלאָזט נישט קיין ווינדטעל, עס ריהרען זיך נישט די ביימער, עס ציטערט נישט קיין בלעטעל, עס פליהט נישט קיין פוי-געל, עס מריקעט נישט דער אָקס, ער ליעגט זיך אויסגעצויגען אויף אַלע פיער אויף דער פאַשע און מעלה גרה׳ט, די פייגעלעך זינגען נישט און די גאַנצע וועלט שווייגט און שטימט. פון צווישען גראָז זומ-זעט דער זעגער און זיין קול איז ווי דאָס זומען פון אַ פייפעל וואָס געהט אַרויס פון דער ערד... עס שרייען די פליגען און די ביהן פליהט אַרום שרייענדיג אַרום אַ בלום, נאָך איהר פליהען נאָך זומער-פייגע-לעך מיט גרינע גאָלד-געפלעקטע פליגעלעך, שפרינגען זיי אַרום, טאַנ-צען אַרום פרעהליך און לעבעדיג, און דער מענש וואָס הערט דאָס צו, קוקט דאָס צו, בעקומט אַ שטיל הייליג געפיהל און גאַרט זיך אַריינצו-גיעסען אין גרויסען ים—אין דער בריאה און מיטלעבען מיט דעם לע-בען פון דער וועלט!

אויך אין ווינטער איז די נאַטור שעהן און זיס אויף דעם רוהי-גען ווינקעל. באַלד אין דער פריה קוקט דאָרט אַריין די זון ווי אַ פייער-זייל אויפ׳ן ווייסען קלאָרען שנעע. און דער גאַנצער גאָרטען בלישטשעט ווי קריסטאַל און ביינאַכט שפּאַצירט זיך דאָרט פריי אַרום אַ שעהנע לבנה, און מיליאָנען שטערען רינגלען זי אַרום פון אַלע זייטען ציטענווייז קומט אַהין אַ ווינטער-פויגעל וואָס פליהט איבער דער וועלט מיט אַ חברה ווינטער-פייגעל, שטעלט ער זיך אַוועק אָבצורוהען אַ ווייַ-לע אויף אַ דין צווייגעל, גיט אַ פּישטש אַרויס אין גרויס געאיילעניש און פליהט זיך אַוועק זיין וועג. צייטענווייז שטעלט זיך דאָרט אַוועק איף אַ הויכען בוים די ווייסע קראָהע און פישטשעט און שרייט און קיינער ווייסט נישט צי דאָס בייזערט ער זיך און רעדט אויס זיין בי-טער האַרץ; אָדער ער דערצעהלט אונז אַ וואונדערליכע ליעבעס-געשיכ-טע, אַז ער אָדער זיין חבר האָט זיך פערליעבט אין אַ שעהנער קראָהע.

און וואָס מיט די האָט פּאַסירט און אַז ער זעהט. אַז קיינער הערט איהם נישט און ער ווערט הייזעריג שרייענדיג. גיט ער זיך אַ ·פּגן שעהנעם פערנייג און פליהט זיך אַוועק!

דאָס דאָזיגע רוהיגע הויז איז פערדינגען צו לייבזאָהנען, איינער פון די קליינע „טשינאָווניקעס“ פונ׳ם וויין-אַקציז. לייבזאָהן איז אַ מענש פון אומגעפעהר פינף-און פערציג יאָהר. אַנ׳עלענדער מענש, אָהן ווייב און קינדער. ס׳רוב פאָהרט ער אַרום איבער זיין געגענד און געפינט זיך וועניג אין שטוב. און אין איין צימער פון זיינע דריי צימערען וואוינט אַ תלמיד פון רבינער-שולע — יצחק בבלי.

יצחק בבלי איז אַ מענש פון אַ יאָהר פינף-און צוואַנציג, איינער פון די בעסטע תלמודים און שולע, וואָס לערנט שוין אין אַכטען לעצטען קלאַס, וואָס האָלט שוין ביים עקזאַמען אָבגעבען, און אין אַ קורצער צייט אַרום וועט ער שוין ענדיגען אַלס אַ לעהרער, און נישט בלויז מיט וויסענשאַפט איז ער אַ גרויסער מענש, נאָר ער האָט אויך זעהר אַ גוט מענשליך הארץ, מיט אַלע תלמודים אין שולע איז ער געווען שטאַרק צענויפגעלעגט און האָט זיי געהאָלפען מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט — דעם מיט געבען צו פערשטעהן אַ זאַך, דעם מיט אַ גוט וואָרט און דערפאַר האָבען איהם אַלע ליעב געהאַט און זייער געשעצט.

איצט זיצט ער אָבגעשלאָסען אין זיין צימער. איינער פון די בחורים איז מיט איהם, און אויפ׳ן טיש ליעגט פאַר זיי פערשיעדענע פאַפּירען און ביכער, דער זומער-טאָג ברענט שטאַרק און זיי זיצען אָהן די מלבושים. יעדער נאָר אין העמד און באָרפיס און זיי לערנען און שוויצען, און אַז דער בחור פערשטעהט עפּעס נישט פרעגט ער ביי יצחק׳ן און ער ענטפערט איהם מיט פערגעניגען און מיט ליבשאַפט. ס׳איז איצט די צייט פון די עקזאַמענס, יצחק וועט זיך עקזאַמענירען און ענדיגען די שולע און דער בחור וועט זיך עקזאַמענירען און וועט אָנגענומען ווערען.

אַ שמייסען פון אַ בייטש און אַ רעש פון רעדער האָט זיך דער-הערט פון דרויסען און אין גיכען איז אויפ׳ן הויף אַריינגעפאָהרען אַ וועגעלע. בבלי האָט אַרויסגעקוקט דורכ׳ן אָפענעם פענסטער און אויס-גערופען מיט פרייד:

— לייבזאָהן איז געקומען! לאָמיך איך איהם אַקעגען געהן, מיר האָבען שוין היינט גענוג געלערנט, מיין טייערער, ס׳וועט זיין גענוג אויף היינט. זיי מיר געזונד און מאָרגען קום ווידער צוגעהן.

און אַזוי ווי ער רעדט אַזוי—און לייבזאָהן איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אויסגערופען צו יצחק'ן:

—גאָט העלף יצחק! אין דרויסען האָב איך דערהערט דיין שטים און פערשטאַנען, אַז דאָס לערנסטו דיינע לעקציעס. אָט אָט און דו וועסט ענדיגען און ווערען אַ לעהרער! זעה יצחק, די היץ האָט מיך פערשוואַרצט און איך בין פערשטויבט פון וועג. לעג אַוועק דיינע ביכער און קום זיך באָדען אין סאַזעווקע, דערנאָך וועלען מיר זיך אַוועקזעצען אונטערן בוים און זיך דערכאַפּען דאָס האַרץ, וואָרום איך בין הונגעריג און דאָרשטיג.

—דער רוח האָט איהם פערטראָגען—האָט זיך געהערט בבלי'ס קול ווי ער שעלט און זידעלט זיך—אַז דער טייוועל זאָל איהם כאַפּען!

—וואָס איז דאָרט?—האָט זיך לייבזאָהן געוואונדערט — וועמען שעלסטו דאָס?

—דעם שיך!—האָט בבלי בייז געשריגען לויפענדיג פון איין ווינקעל אין אַנדערן זוכענדיג און אין האַנד האַלט ער אַ שיך — היינט האָב איך אויסגעטהון די שיך און איינער איז נישטאָ, איך זוך און געפין איהם נישט. ווי דער ווינד וואָלט איהם ערגעץ פערטראָגען.

—אוי, געלערנטע לייט, חכמים!—האָט לייבזאָהן אויסגערופען מיט אַ געלעכטער—זיי קוקען אין די וואָלקענס און זעהן נישט פאַר די אויגען וואָס עס טהוט זיך. און איך אַ פּראָסטער בשר ודם זעה אַז דו טראָגסט איהם אויפ'ן פוס, דיר איז איינגעפאַלען אַז דו האָסט איהם אויסגעטהון - און ביזט בייז אויפ'ן ווינד וואָס האָט איהם פערטראָגען... און ווי זענען דיינע מלבושים?

—אויף מיינע מלבושים פרעגסטו?—האָט בבלי געזאָגט—פון אָנטהון מיינעם האָב איך געמאַכט אַ פּעקעל צו זיצען אויף דעם.

—און ווער זשע האָט מיט זיי פערהאַנגען דאָס פענסטער אויב נישט דו? איך זעה, אַז האָסט צופיעל געלערנט אין די עקזאַמען טעג, האָסט נישט גערוהט און נישט געשלאָפען איבער די נעכט. נעהם זשע גייך און טהו דיר אָן דאָס אָנטהון מיט דעם שיך און מיר וועלען געהן זיך באָדען אין סאַזעווקע. דערווייל וועל איך געהן זאָגען דער דינסט זי זאָל אונז אָנגרייטען עסען

כא.

די פּיאָנערען פון דער השכלה.

פרעהליכע און לעבעדיגע זענען לייבזאָהן און בבלי געקומען פון באָדען. דער טיש איז פאַר זיי געווען שוין געגרייט, אונטערן עפּעל-בוים. און די שעהנע עפּעל זיינע האָבען געשמעקט. אַזוי ווי זיי זיצען און לאָזען זיך וואוילגעהן און אַ פריילין זעהט אַ שעהנע און אַ חנ׳עווּדיגע איז צוגעקומען. אַז בבלי האָט זי דערזעהן, איז ער איר אַ קעגען געגאַנגען און זי אַריינגעפיהרט אין שטוב אַריין.

לייבזאָהן איז דערווייל אויפגעשטאַנען פון טיש און האָט שפּאַצירט איבערן גאָרטען און צוגעקומען ביז׳ן פּלויט, האָט ער דערזעהן ווי איינער שטעהט דאָרט אין דרויסען נעבען טויער. און דער מענש קוקט דורך די שטכעטען, גלעט זיך די באָרד און שאָקעלט זיך אַלע ווײלע ווי ער וואַרט מיט אומגעדולד, אַז דאָס פריילין איז אַרויסגעקומען, איז זי צו איהם צוגעגאַנגען אוןביידע זענען אַוועק. לייבזאָהן האָט זיי ווייט נאָכגעקוקט און אַז ער איז צוריקגעקומען אויף זיין אָרט, האָט ער שוין געטראָפען בבלי׳ן זיצען ביים טיש, האָט ער זיך אויך אַוועקגעזעצט און גאָר נישט גערעדט!

—איך זעה—האָט בבלי געזאָגט. אַז דו וואָלסט געווען אַ בעל׳ן צו וויסען ווער די פריילין איז און וואָס פאַר עסקים איך האָב מיט איהר?

—אויב דו ווילסט זאָג מיר וועל איך וויסען — האָט איהם לייבזאָהן געענטפערט.

—אָט די דאָזיגע פריילין איז פאַר אונז אַ בעווייז ווי ווייט גרויס עס איז דער כח פון דער השכלה וואָס האָט איצט פערכאַפּט די יודישע יוגענד. זי איז אַ טאָכטער פון אַ רב, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ רייכען בחור פון אַ קליין שטעדטעל, וואו אַלע איינוואוינער פון קליין ביז גרויס זענען פרומע חסידים. און איהר מאַן, מיט זיין אויסזעהן. מיט זיינע קליידער און מיט אַלע זיינע דרכים איז אויך ווי זיי, אויך זי אַליין איז אַ חסידיש ווייבעל נישט קיין געלערענטע, ווי אַלע ווייבער דאָרט, זייט זי לעבט האָט זי מעהר נישט געוואוסט ווי פון „קרבן-מנחה״ סדור און תחינות צו ליכט בענטשען, צו ראש

חודש און נאך אזעלכע. און פלוצלונג א צוויי יאהר נאך זייער חתונה, ווייטס מען נישט פון וואנען דאס איז געקומען, נאר איהר מאן איז געוואָרען גאר אנ'אנדערער. האָט ער איהר, זיין ווייב, פערלאָזט, האָט פערגעסען זיין פאטערס הויז, איז פון זיי אנטלאָפען און געקומען קיין זשיטאָמיר! האָט זיך איינגעבעטען ביי די משכילים, זיי זאָלען איהם געבען לעקציעס און איהם העלפען ער זאָל אָנקומען אין דער ראבינער-שולע. און איך האָב אויך געטהון דאָס מייניגע און האָב דעם יונגען מאן געגעבען א לעקציע. נעכטען בין איך געוועזן פערבעטען אויף מיטאָג צו מיינס א בעקאנטען משכיל—זעגען אהין געקומען צוויי מאנסבילען און צוויי ווייבער מיט געוויין און מיט געבעט. איין יודענע אנ'אלטע שרייט צו איהם: האָט רחמנות, גיט מיר אָב מיין זוהן! דאָס איז געווען, ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוואוסט—די מוטער פון דעם יונגענמאן, וואָס איז פון זיי אנטלאָפען. און די אַנדערע פרוי ווייגט ביטער און זאָגט: דערבאַרעמט זיך און גיט מיר צוריק מיין מאן! דאָס איז דאָס פריילין וואָס דו האָסט דאָ געזעהן. און די צוויי מאנסבילען זענען, איינער א רב, דעם יונגענמאנס שווער, און איינער זיין פאָטער. יעדער פון זיי רעדט און בעט זיך. אזוי האָבען זיי געשריגען גערעדט און געטענה'ט גאנץ לאנג ביז מען האָט זיי איבערצייגט, אז קיינער האַלט דאָ נישט זייער זוהן מיט געוואַלד, זאָלען זיי זיך איהם נעהמען און פאָהרען מיט איהם. און איצט איז געקומען דעם יונגענמאנס ווייב—די דאָזיגע וואָס איז דאָ געווען. און האָט מיר דערצעהלט, אז איהר מאן וויל נישט אהיים פאָהרען, זיינע עלטערן האָבען מיט גרויס צאָרן איהם פערלאָזט און אהיים געפאָהרען. און זי—הער אויס און וואונדער זיך!—זי בעשטעהט, אז איהר מאן זאָל דאָ לערנען און אויך זי אליין בלייבט דאָ מיט איהם און וויל זיך אליין אויך לערנען און איהר פאָטער דער רב וועט זיי אויסהאַלטען. אזוי האָט ער איהר פערזיכערט אוועקפאָהרענדיג פון דאנען. און איין זאַך בעט זי פון מיר, אז איך זאָל ווייטער אונטערשטיצען איהר מאן, וואָס האָט זיך אליין געשעמט צו קומען צו מיר מיט זיין ביטע, נאָכדעם ווי איך און אלע אנדערע וואָס האָבען געטהון פאר איהם האָבען געליטען חרפות איבער איהם.

—איצט פערשטעה איך!—האָט לייבזאָהן אויסגערופען געבענדיג א פליעסקע מיט די הענד—איהר מאן האָב איך דאָך געזעהן, ער זעהט אויס ווי א חסידישער יונגערמאן, א דארער און אנ'איינגעבויגענער א פערוויטעלטער און מיט אהיבשער נאָז, א לאנגען גאָרגעל און א קורץ

בערדעל, טראָגט אַ לאַנגע קאַפּאָטע און אַ קליין היטעלע.

—דאָס איז ער. וואו האָסטו איהם געזעהן?—האָט בבלי געפרעגט.

—ער האָט אויף איהר געוואַרט ביים טויער.

—דו האָסט געזעהן גאָר זיין אויסזעהן אין איך האָב געזעהן זיין האַרץ—האָט בבלי געזאָגט—ער איז אַ פיינער נאַאיווער יונגערמאַן. ער שטרעבט באמת צו גוטס און צו וויסענשאַפט. צווישען אַלע בחורים און יונגע לייט וואָס זענען אַנטלאָפען פון די עלטערען און פון זייערע ווייבער און אַהער געקומען אין דעם יאָהר, האָב איך נישט געפונען קיין איינעם וואָס זאָל אַזוי לעכצען מיט׳ן גאַנצען האַרץ צו בילדונג ווי דער יונגערמאַן און ווי דער בחור, וואָס האָסט היינט געזעהן ביי מיר אין צימער, וועלכען איך האָב טאַקע ליעב ווי דאָס לעבען.

-ווער איז ער און פון וואַנען איז ער?—האָט לייבזאָהן געפרעגט.

-פון כסלונעווקע איז ער. זיין פאָטער איז אַ רייכער יוד, פון די גרויסע סוחרים, אַ יוד פון דער אַלטער וועלט, און מיט געוואַלד געשטערט זיין זוהן פון בילדונג און וויסענשאַפט, זיין זוהן אָבער שטרעבט שטאַרק צו בילדונג און ער האָט זיך אַרויסגעגנב׳עט און אַנטלאָפען פון זיין פאָטער, אַהער געקומען און גרייט זיך צו אָנצוקומען אין ראַבינער שולע אזוי איך, האָבענדיג איהם ליעב, העלף איך איהם.

—ווי הייסט ער און ווי רופט מען זיין פאָטער?

—שמעון הייסט ער און זיין פאָטער—אפרים כרמולי.

לייבזאָהן איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און זיין פּנים איז געוואָרען רויט און בלאַס און ווידער רויט און ווידער בלאַס.

—וואָס איז מיט דיר? — האָט איהם בבלי געפרעגט אַ דערציטערטער.

—גאָר נישט, גאָר נישט! איך בין מיעד פון וועג, איך וועל געהן זיך אַביסעל צולעגען.

כח.

ווער און פון וואנען איז יצחק.

ס׳האָבען זיך געענדיגט די עקזאַמענס אין ראַבינער-שולע און פאַר די תלמידים זענען געקומען פרייע טעג. בבלי האָט בעקומען אַ לעהרער-אַטעסטאַט און שמעון איז פעררעכענט געוואָרען צווישען די שילער פון פערטען קלאַס. מיט׳ן וויסען פון לייבזאָהנען האָט בבלי איינגעלאַדען שמעון׳ען צו וואוינען מיט איהם צוזאַמען די ־וואַקאַנסיע־צייט און וואוינענדיג צוזאַמען אין דעם רוהיגען ווינקעל זענען זיי צווישען זיך נאָך מעהר בעפריינדעט געוואָרען און האָבען פערבראַכט די צייט אין פערגעניגען. אַלע טאָג באַלד בעגינען, האָבען זיי זיך אַרויסגעלאָזט אין פעלד אַריין, האָבען זיך געבאָדען אין סאַזעוועקע און שפּאַצירט אין די וועלדער און לאַנקעס, און אויפ׳ן באַרג פלעגען זיי שטענדיג זיצען, געזעסען און געקוקט אויף דער גאַנצער געגענד אַרום! אויף די וועלדער און לאָנקעס, האָבען געלייענט ביכער און גערעדט פון אַלץ וואָס זיי האָבען איבערגעלעבט.

—איך האָב דיר דאָך נעכטען דערצעהלט אַלץ וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט—האָט שמעון געזאָגט צו זיין חבר אַרויפגעהענדיג אויפ׳ן באַרג און זיך געזעצט אונטער אַ געדיכט פערצווייגטען בוים ווי אַלע מאָל—און היינט דערצעהל מיר דו די געשיכטע פון דיין לעבען. ווי דו האָסט מיר צוגעזאָגט איך וועל פאַר דיר נישט לייקענען, אַז די פריינדשאַפט צווישען דיר און לייבזאָהנ׳ען, וואָס איז ווי צווישען זוהן און פאָטער. איז פאַר מיר אַ רעטעניש און איך וואָלט עס געוואָלט וויסען.

—אויב אַזוי—האָט בבלי געזאָגט, נאָך דעם ווי ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען און געטראַכט—אויב אַזוי דאַרף איך האַלטען וואָרט און טהוען דיין פערלאַנג, הער זשע זיך צו און איך וועל דערצעהלען:

נאָך דעם ווי מיין מאַמע האָט געהאַט ניין קינדער און פערגרעסערט די חסידעוקער אַרימעלייט מיט נאָך ניין נפשות, איז זי טראָגעדיג געוואָרען און געבוירען, איהר מאַן דעם אביון נאָך אַ צעהנטען זוהן און דער שטאָדט חסידעווקע נאָך אַ נפש. דאָס בין איך עס טאַקע אָט דער נפש, דער צעהנטער זוהן. ווען איך בין געקומען צום שכל, צו זעהן וואָס עס טהוט זיך אַרום מיר, האָב איך געזעהן, אַז איך געפין

זיך אין אַ קליין ענג שטיבעל צווישען קליינע און גרויסע קינדער. אַ יודענע אַ דאַרע, אַ פאַרטרויערטע און אַ בייזע, דרעהט זיך אַרום אין שטוב פון ווינקעל צו ווינקעל און פּאָרקעט זיך ביים קוימען. זיבען קינדער האַלטען זיך אָן אין איהר קליידעל און פאַרטוך, איך בין אויך צווישען זיי, און וויינען אויפ'ן קול. און נאָך האָב איך דאָרט געזעהן אַ דאַר הויך מענשעל, אַ קורצזיכטיגער מיט אַ לאַנגער נאָז מיט רויטע פּייכטע פרישטשיקעס פון שוויס. כמעט שטענדיג איז דער מענש אַ גאַנצען טאָג נישט געווען אין שטוב און נאָר ביינאַכט איז ער געקומען. אַמאָל איז ער געקומען אַ פרעהליכער און געלאַכט פון פערגעניגען, און דאָס פּנים איז איהם געווען צערויטעלט; האָט ער געלאַכט צו מיין מוטער די טרויעריגע און דערשלאָגענע, וואָס איז געשטאַנען אויף איהר אָרט, ווי דער שטייגער איהרער, ביים קוימען און האָט זיך געבייזערט אויף איהם מיט כעס. און אַמאָל איז ער געקומען אַ טרויעריגער און אויפגערעגט. האָט ער געגעסען און געטרונקען, נישט קוקענדיג אויף זיין ווייב און קינדער מיט וועלכע גאָט האָט איהם מזכה געווען. און מיר שטעהען און קוקען און אונזערע אייגעלעך לויפען נאָך זיין לעפעל וואָס לויפט אַלע ווילע פון שיסעל צו איהם אין מויל און פון מויל צוריק אין שיסעל. מיר שלינגען דאָס שפּייעכץ, זיפצען און קראַצען זיך, דעמאָלט בין איך געווען אַ געשלאָגענער דעם גאַנצען טאָג, פון פריה ביז נאַכט זענען אויף מיר געפאַלען קלעפּ און שטענדיג בין איך אַנטשלאָפען געוואָרען מיט מיינע טרעהרען—די טוי פון דער קינדהייט—ווי אַ רויז וואָס פערמאַכט אין אָוועגד איהרע בלומען-בלעטלעך וואָס זענען נאַס פון טוי, אין שלאָף האָב איך מיר בערוהיגט און הנאה געהאַט מיט'ן גאַנצען ריינעם הארצען פון די וואונדערליכע חלומות, קינדהייטס-טרוימען און גוטע מלאכים; און איך האָב זיך אָנגענומען מיט כח צו פערליידען וועהטאָג און פרישע קלעפּ צומאָרגענס.

איצט ווייס איך, אַז אויך די עלטערען האָבען פיינד אַנ'אָרים קינד און וועה ווייסט. אפשר האָבען מיינע עלטערען מיר אויך פיינד געהאַט דערפאַר וואָס איך בין געבוירען געוואָרען ביי אַזעלכע קבצנים ווי זיי זענען, אין דערצייט וואָס זיי האָבען געהאַט שוין אַ סך קינדער אָהן מיר אויך, און נאָך וואָס בין איך באַלד קליינערהייט נישט געשטאָרבען אָדער פאַר וואָס האָט מיר די מאַמע נישט מפּיל געווען... דעם מענשענס האַרץ טראַכט צייטענווייז אַזעלכע מורא'דיגע געדאַנקען, פאַר וועלכע ער אַליין דערשרעקט זיך און פּודעסטוועגען טראַכט ער

זיי אין געהיים ווי ער וואָלט דאָס געווען שטרקויפט צו אַ פרעמד האָרץ. וואָס האָט צו שאַפען איבער אַלע הערצער, מיט וועלכע עס טהוט וואָס עס וויל. און זיי מיינען אַז זיי זענען פרייע.

אין פיין און אין נויט בין איך געוואַקסען אין מיינע עלטערנס ענגען שטיבעל, ביז איך בין געוואָרען אַ גרעסער יונגעל און דעמאָלט האָט מען מיר אַ נאַקעטען און באָרפעסען אַוועקגעשיקט פון מיין נעסט, צו לערנען אין „תלמוד תורה״, וועלכע איך קען נישט געדענקען אָהן עקעל. ווען איך בין אַרויס פון מיין נעסט—האָב איך זיך באַלד בעהעפט מיט די חסידעווקער יונגלעך, לאָבוסעס אַרויסגעוואָרפענע פון זייערע נעסטען, ווי עס בעהעפטען זיך קליינע פייגעלעך, וואָספיהלען אַרויס פון דער נעסט וואו זיי זענען געבוירען געוואָרען, ווערען איין גרויסע חברה און פליהען אין דער וועלט אַריין. אונזער אָרט איז געווען אין שוהל און דאָרט האָבען מיר פערבראַכט זומער און ווינטער. ווען נישט דער שמש וואָס האָט איבער אונז געוועלטיגט און פון וועמען מיר זענען זיך אויסגעשטאַנען גרויסע צרות, וואָלט אונז גאַנץ גוט געווען דעמאָלט, דעם אמת וועל איך זאָגען, אַז אָט דער שמש האָט מיר אַליין אַזוי נישט געפייניגט ווי די איבעריגע יונגלעך. און איז זיך מיט מיר בעגאַנגען ווייכער צוליעב מיין טאַטען, וואָס איז געווען זעהר אַנ׳אָנגעזעהענער מענש אין דער שוהל. אַז איך מיט מיינע חברים האָבען אָבגעטהון עפּעס אַ מיאוס שטיקעל—האָט זיך דער שמש געוואָרפען אויף אונז מיט זיין גאַנצען גרימצאָרען, די חברים האָט ער געפּאַטשט, געשלאָגען, און מיר האָט ער נאָר גע׳מוסר׳ט מיט ווערטער: „אויך דו, אברהם׳ס אַ קינד זאָלסט זיין צווישען די לאָבוסעס?! אויך אברהם׳ס אַ קינד זאָל זיך חבר׳ען מיט די ווייסע חברה׳ניקעס?! עס פּאַסט נישט פאַר דיר, פאַר אברהם׳ס אַ יונגעל... אַזוינע מיאוסע זאַכען צו טהון! נישט שעהן פאַר אברהם׳ס אַ יונגעל. נישט שעהן!״ — פון די זאָגיגע שטראָף רייד בין איך ביי זיך געהויבען געוואָרען און מיט גרויסקייט האָב איך זיך אָנגעהויבען צו צוקוקען ווי גרויס מיין טאַטענס כבוד איז אין שוהל. אויב צוויי מענשען האָבען זיך געשפּאַרט און איינער האָט דעם צווייטען איבערגעשפּאַרט, האָט מיין טאַטע זיי שטענדיג אויסגעלאַכט; ווער עס האָט געחלום׳ט אַ חלום—האָט דערצעהלט פאַר מיין טאַטען און ער האָט איהם בעשיידט דעם חלום. אויסענווועניג האָט ער געוואוסט די יאָהרצייטען פון דער גאַנצער שטאָדט. און נאָך מיט אַפאָר וואָכען פריהער פאַרן יאָהרצייט האָט ער שוין אָנגעזאָגט וועגען

..טעל בראָנפען וואָס עס וועט זיין אויף תקון. און האָט חס ושלום קיי .ל קיין טעות נישט געהאַט. אויף יעדער שמחה איז ער געווען פערבעטען; אויף אַ ברית איז ער געווען דער מוצץ, ביי אַ חופה האָט ער מסדר קדושין געווען, ביי אַ גט איז ער אַ׳עדות געווען, האָט גע-לערענט משניות און געדאַווענד נאָך פערשטאָרבענע, האָט אויך גע-קענט אָבשפרעכען אַ גוט אויג און קדחת, און נאָך אַזעלכע זאַכען. אין די ווינטער נעכט האָט איהם יעדער איינציגער אָבגעטרעטען דאָס אָרט ביים וואַרעמען אויבען אין בית המדרש. איז ער זיך דאָרט געזעסען ווי אַ שרה און די מענשען אַרום איהם האָבען זיך צוגעהערט צו די וואונדערליכע מעשיות וואָס ער האָט דערצעהלט פון רביים און מופתים, די וויצען פון הערשעלע אָסטרעפּאָלער און שמריהו שפיטקעווער, וואָס זענעןביידע אַרויסגעקומען, לויט ווי ער האָט געזאָגט, פון „עולם הלצון", און וועגען דעם אָנטרייבער אלכסנדר, וואָס איז בעקאַנט אונ־טערען נאָמען: דעם רבינ׳ס אַלעקסעי, וואָס איז געזעסען מיט דער פליי-צע צו די פערד, וואָס זענען געווען געשפּאַנט צו דער בויד מיט די קדושים און פלעגען לויפען הונדערט טויזענד מייל אין איין רגע.

ווען ער האָט דערצעהלט אַזעלכע וואונדערליכע מעשיות, פלעגען אַלע הערען מיט שווייגענדיגע פּנימער, און ס׳איז געבליבען ביי אַלע, אַז נאָך די גרויסע וואונדערליכע זאַכען וואָס זיי האָבען געהערט דאַרף מען נעהמען אַביסעל בראָנפען.

דער טאַטע מיינער האָט געלערנט מיט איינעם אַ יונגענמאַן אין שטאָדט, וואָס איז געווען יונג און איינאונאייציג ביי זיין רייכען טאַטען. און איז געווען זיין מדריך און שטענדיג זיך מיט איהם געפּונען. דער יונגערמאַן ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגעל האָט איהם דער פאָ-טער זיינער חתונה געמאַכט פאַר אַ טאָכטער פון אַ גביר, אַ שוטה און אַ נאַריש יונגעל איז ער נאָך דעמאָלט געווען, האָט ער זיין ווייבעל נישט געקענט און זיך געשעמט צו רעדען מיט איהר ווען מענשען זע-נען דערביי געווען. און אַז ער האָט איהר בעגעגענט אין גאַס, איז ער אַנטלאָפען פון איהר און אַריין אין ערגעץ אַ געסעל, ווי מען אַנט-לויפט פאַר אַ ווילדען בער. נישט איינמאָל האָבען די יונגלעך די לאָ-בוסעס געשפעט פון איהם, אַז זיי האָבען דערזעהן ווי זיין ווייב געהט אין שוהל אַריין און געשריגען צו איהם: גיב אַ קוק, אָט געהט דיין ווייב!... ער איז אינגאַנצען געווען ווי צוגעבונדען צו מיין פאָטער, וואָס האָט מיט איהם געלערנט און איהם געבראַכט צווישען מענשען,

מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געגעסען און געטרונקען. אויך איהם, זיין תלמיד, האָט מען געמאַכט אַנ׳אָרט ביים אויבען און מען האָט איהם געשעצט פאַר זיין גוט הארץ, צו קויפען בראָנפען. צו דערפרע־הען די הערצער פון די חברים און בטלנים. זיי האָבען געוואוסט, אַז ער האָב ליעב צו הערען מורא׳דיגע מעשיות, דעריבער האָט זיך יע־דער געסטאַרעט צו דערצעהלען אַלע משונה׳דיגע זאַכען וואָס איהם פעלט אַיין. אָבער מיין פאָטער׳ס מעשיות זענען איהם צום בעסטען געפעלען. ווייל מיין פאָטער האָט געקענט דערצעהלען גלאַטיג און מיט אַ סדר און מיט שעהנע משלים, אַזוי אַז אַלע וואָס האָבען געהערט האָבען שטאַרק געסמאַקעוועט און עס האָט דערוועקט אין זיי אַ חשק, צו טרונקען, און זיצען פויל און וואַרעמען זיך מיט גרויס תענוג ביים אויבען! — אַ גוט לעבען האָט מיין פאָטער לאַנגע יאָהרען פערברענגט מיט זיין געליעבטען תלמיד. און אויך פאַר אונז — זיין הויזגעזינד זע־נען די צייטען געווען גוטע, אונז האָט דעמאָלט נישט געפעהלט קיין ברויט און קיין וואַסער און צייטענווייז האָבען מיר אויך געגעסען גוטע זאַכען וואָס דער טאַטע האָט אונז געבראַכט אין די קעשענע, פון יונ־געמאַנס הויז. אַזוי האָבען מיר געלעבט גאַנץ גוט ביז ס׳איז געשעהן דאָס אומגליק און עס איז געקומען די ביטערע צייט. וואָרום דעם יונגעמאַנס פאָטער איז פלוצלונג געשטאָרבען און ער אַליין האָט זיך געדאַרפט נעהמען צום מסחר. און אַזוי ווי ער האָט אין מסחר און אין וועלט־זאַכען נישט פערשטאַנען, האָט ער מיט זיינע מסחרים נישט געגליקט און ביסלעכווייז האָט ער פערלוירען זיין פערמעגען. און מיין פאָטער האָט געניצט אויף דער עלטער אָבזוכען אַנדערע תלמידים. ער זאָל זיי ערציהען ווי זיין שטייגער איז און האָבען פון זיי פרנסה; וואָ־רום ער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן און האָט געהאַט אַ טראָגענדיגע ווייב און צעהן קינדער.

איינמאָל איז דער טאַטע אַהיים געקומען מיט עפּעס אַנ׳אורח. מיט אַ גרויסען בויך און אַ ברייטער באָרד מיט לאַנגע פאות אָנגעטהון אין זייד און אין אַטלעס און אויפ׳ן קאָפּ אַ שטריימעל איך בין נאָך דע־מאָלט געווען גאָר יונג, אַ פערוואָגעלט פערלאָזט יונגעל.

— דאָס דאָזיגע יונגעל — האָט מיין פאָטער געזאָגט צום אורח. ווען זיי זענען צוגעגאַנגען צו מיר — דאָס דאָזיגע יונגעל וועט פונקט גוט זיין פאַר אייך. וואָרום ער איז קלוג און פלינק גאָר אַ פלא. — און ווען דער אורח האָט מיר בעטראַכט. האָט מיר דער טאַטע געפרעגט: — וועסט

מיט זיי פאָהרען! — האָב איך געענטפערט: יאָ, נישט וויסענדיג וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

פאַרנאַכט האָב איך געזעהן ווי מיין טאַטע זיצט מיט דעם אורח אין בית המדרש נעבען אויבען און רעדען צווישען זיך אַזוי פריינדלעך, צו מאָרגענס איז ווידער מיין פאָטער געקומען אַהיים מיט דעם אורח, האָט דער מענש אַרויסגענומען פון בוזעם אַ־שעהן היטעלע און האָט דאָס מיר אָנגעטהון און געזאָגט צו מיר:

—זעהסט, איך האָב דיר אָנגעטהון אַ היטעל, איך וועל דיר נאָך אָנטהון שעהנע מלבושים אויב דו וועסט נאָר פאָלגען וואָס איך וועל דיר הייסען און וועסט אָבהיטען דיין אַרבעט.

—אויב ער זועט אייך נישט פאָלגען—האָט דער טאַטע געזאָגט — זאָלט איהר איהם טאַקע נישט שווייגען און גוט אויספּאַטשען.

ווען דער טאַטע האָט דאָס געזאָגט, האָב איך געגעבען אַ קוק צו דער מאַמען, וואָס איז געשטאַנען ביים אויבען, ווי איהר שווייגער איז. און איך זעה זי גיעסט מיט טרעהרען.

—נו קום,— האָט דער מענש געזאָגט — קום לאָמיר געה, וואָרום איך אייל זיך.

—נאַ דיר—האָט מיין מוטער געזאָגט וויינענדיג — נאַ דיר, מיין קינד (דעם טייערען נאָמען האָב איך געהערט צום ערשטען מאָל) נאַ דיר מיט אַ קיכעל און אַ געקאָכט איי און פאָהר געזונטע־הייד!.. פאָהר געזונדערהייט מיין קינד!—האָט זי נאָכאַמאָל אויסגערופען, האָט זיך פון מיר אָבגעקערט און געוויינט. און איך בין באַלד אַרויס פון מיין גע-בורט-נעסט מיט׳ן קיכעל און מיט׳ן איי אין האַנד און בין אַוועקגעפאָה-רען מיט דעם אורח.

אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף דער וועלט מיט דעם דאָזיגען מענשען, בין געוועזען זיין משרת און דער שומר פון זיינע זאַכען. אַז מיר זענען פערבייגעפאָרען אויף׳ן וועג עפּעס אַן אַכסניה, איז מיין אַרבייט געווען, צו געהן אָנזאָגען דעם בעל הבית פון דער אכסניה, אַז עס פאָהרט דורך אַן „אייניקעל״, אַ צדיק און ער בעט איהם: ער זאָל איהם עפּעס שענקען און געבען ברויט זיין משרת. אַזוי האָב איך געטהון אין יעדער אכסניה און אַזוי אַרום האָב איך געהאַט מיין שטיקעל ברויט. און אויב דער בעל הבית פון אכסניה האָט גאָר נישט געוואָלט געבען, בין איך געבליבען הונגעריג און דאָרשטיג, וואָ-רום דאָס אייניקעל האָט מיר נישט געגעבען קיין עסען און האָט מיר

17 באנד — 9 בויגן

נאָך געשלאָגען אָהן רחמנות. אַז אָרימעלייט האָבען געבעטען אַ גראָשען אַז ער אַ שטיקעל ברויט: „שענקט אונז אַ שטיקעל ברויט ווארום מיר פאַלען פון די פיס פאַר הונגער.״ האָט ער זיך אויף זיי נישט אומגע־קוקט און איך האָב פאַר איהם געענטפערט און געזאָגט: אַז ער איז אַ נ׳אייניקעל, אַ צדיק, און וועט פאַר זיי מתפלל זיין.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו זיינע פיהרעכצען, פאַר דער צייט וואָס איך האָב איהם משמש געווען—און איך האָב געזעהן, אַז ער איז בסתר קיינמאָל נישט געווען פרום ווי ער האָט זיך געמאַכט פאַר יענעם אין די אויגען... בסתר—האָט ער קיינמאָל נישט געדאַווענד און נישט מקיים געווען די מצות. האָט נישט געקוקט אויף מילכיגס מיט פלייש־שיגס און אויף עסען טרפה. האָט געריכערט די ליולקע אום שבת און אַריינגעלאָזט דעם רויך אין קוימען אַריין. מאָנטאָג און דאָנערשטאָג שבעה עשר בתמוז און יום כפור—האָט ער געגעסען און געטרינקען, האָט אָבגעשפעט פון די וואָס זענען צו איהם געקומען ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין און האָבען איהם געגעבען געלד דערפאַר, „לעולם תקח״—אַז מען נעמט איז מען אַ פקח״ — פלעגט ער זאָגען מיט אַ גע־לעכטער. „דער נאַר גיט און דער קליגער נעהמט״—אַז ער פלעגט אָב־ש...ן, פלעגט ער אַרויסשטעקען אַ צונג און האָט זיך געסטאַרעט נאָכצומאַכען ווי אַ מאַלפע יעדען חסיד ווי אַזוי ער געהט און רעדט. אין איין רגע האָט ער נאָכגעמאַכט זעהר געשיקט יעדענס צורה. און אַז ער האָט געענדיגט דאָס חוזק מאַכען, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און געבענשט זיינע חסידים און געזאָגט: ברודער, שוטים! וואַקסט אין צענדליגער טויזענדער ווי דאָס גראָז אין פעלד! און בגלוי: האָט ער געדאַווענט און געמאַכט כוונות. האָט זיך געשאָקעלט אין אַלע זייטען און געבראָכען די הענד, האָט געשריגען מיט פערשיעדענע קולות, גע־טופעט מיט די פיס און אַרומגעלאָפען ווי אַ משוגענער; און דאָ האָט ער אָנגעהויבען געלאַכען, פאַמעליך צו דאַווענען און זיין פנים האָט גע־שיינט ווי ער וואָלט זיך דאָס דורכגע׳טענה׳ט מיט דער שכינה און זיין האַרץ געהט אויס צו איהר ווי ער וואָלט געזאָגט: מיט מיר ביזטו כלה פון הימעל! מיט מיר געליעבטע שכינה פון הימעל! דערנאָך איז ער געבליבען שטעהן אויסגעצויגען גלייך, הערט זיך צו, שווייגט און זיינע אויגען צום הימעל, ווי ער וואָלט געהערט ווי די שכינה זאָגט צו איהם: ביזט היילינ, ביזט שעהן, טייערער אייניקעל! ציה מיך מיין פריינד, נאָך דיר וועל איך געהן!... און באַלד זענען זיינע הענד פער־

בראָכען צום הימעל און ער שפּרינגט אויף די שפּיץ פינגער, ווי ער וואָלט זיך טאַקע באמת בעמיהט אַראָבצוציהען צו זיך די שכינה פון הימעל.—האָט שטאַרק גערעדט אויף די משכילים פון נייעם דור און האָט געזאָגט, אַז זיי זענען זינדיגע יונגאַטשעס וואָס פערלענגערען דעם גלות, דורך זייערע שלעכטע מעשים מאַכען זיי יודען צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר די גוים, בקצור—מיט אַ חסיד איז ער געווען אַ חסיד, מיט לאָבוזעס—אַ לאָבוס, מיט שפּעטערס—אַ׳ן אָבשפּעטער און מיט משוגעים—זיך געמאַכט משוגע.

אַז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ שטאָדט—האָט ער זיך גיך אָנגעטהון אין זיינע פרומע שעהנע מלבושים און מיט אַ גרויס שטריימעל אויפ׳ן קאָפּ און באַלד האָט מען אָנגעזאָגט: געקומען דאָס אייניקעל! דאָס אייניקעל איז געקומען! האָבען זיך צו איהם צונויפגעזאַמעלט פערשיעדענע בטלנים און האָבען מיט איהם געטרונקען, און איינער פון זיי, אַ מלמד אָדער אַ שמש, איז מיט איהם אַרומגעגאַנגען איבער די שטאָדט, זענען געגאַנגען איבער די הייזער און וואו זיי זענען אַריינגעקומען האָט מען אויסגערופען: דאָס אייניקעל! האָבען דאָרט בעקומען אַ נדבה און מיר האָט ער נישט געגעבען קיין געלד צו קויפען זיך עסען, און איך האָב געמוזט אויסבעטלען ביי די וואָס זענען צו איהם געקומען. ווער קען עס אויסדערצעהלען אַלע מעשים פון דעם אייניקעל נאָר איין זאַך פון זיינע מיאוסע שטיק וועל איך דיר דאָ דערצעהלען און דערמיט וועסטו שוין פערשטעהן ווער דאָס איז אַזוינס.

איינמאָל איז דאָס אייניקעל געקומען אין אַ שטאָדט. איז איהם אָקעגען געגאַנגען איינער, וואָס האָט זיך געסטאַרעט אַראָבצושטויסען דעם שוחט פון דער שטאָדט פון זיין מעמד און פערנעמען זיין אָרט. דער דאָזיגער האָט דעם אייניקעל אָבגע׳חורש׳ט מיט געלד ער זאָל איהם העלפען צו פערנעהמען די שטעלע פון שוחט. אַז מיר זענען געקומען אין אכסניה אין שטאָדט אַריין, האָט מען פאַר׳ן אייניקעל דערלאַנגט צו עסען אַ געבראָטענע היהן. און אַז ער האָט זי אָנגענומען כדי צו צושניידען זי אויף שטיקלעך האָט ער פּלוצלונג זיך צעשריגען אויף אַ קול: אוי וועה! די היהן שרייט איך בין טרפה. איך בין נישט גע׳שחט׳ן געוואָרען כדין!.. איז מען געלאָפען און געבראַכט צו איהם דעם שוחט, אַ יוד אַ זקן און קען גוט שחיטה. איז ער געקומען מיט זיינע הילאים. אַז ער איז געקומען האָט ער געזעהן ווי אַ סך מענשען רינגלען אַרום דאָס אייניקעל און ער שעפּטשעט עפּעס איבער דער היהן,

און אז ער האט געענדיגט דאס שעפטשען, האט ער זיך שטארק צעבייזערט אויפ'ן שוחט: די דאזיגע היהן זאגט עדות אויף דיר, אז דו האסט זי גע'שחט'ן נישט ווי די תורה הקדושה הייסט! אלע מענשען האבען שטארק געגאפט הערענדיג די דאזיגע וואונדער. איז דער אלטער שוחט שטארק צעטומעלט געווארען, א ציטערניש האט איהם אנגעכאפט, ווארום ער האט שוין געזעהן, אז עס איז שלעכט מיט איהם, אז דאס אייניקעל וואס האט מיט ערמה געשטעלט געגען איהם אנ'עדות —א טויטע היהן. אזא עדות וואס מען קען איהם נישט אבלייקענען אפילו ווען ער לעבט, ווארום ווער פערשטעהט די רייד פון עופות. בפרט נאך נאכ'ן טויט!... און דאס אייניקעל איז אויפגעשטאנען א בייזער האט צוגענומען ביים אומגליקליכען שוחט די חלפים, זיי זאלען ביי איהם בלייבען און מארגען וועט ער זיי בודק זיין. און אז מען האט איהם געפרעגט: און וואו וועט מען ביז מארגען נעמען פלייש פאר א יולדות אדער פאר חולאים וואס געפינען זיך אין שטאדט? האט ער געענטפערט מיט גרויס עניוות, אז ער אליין וועט היינט שחט'ן אנשטאט דעם שוחט, דעם פושע, וואס האט יודען אזוי לאנג געגעבען צו עסען טרפה. דער טאג איז פאר די היהנער געווען א פאגראם טאג ווי דער ביטערער ערב יום כפורן; דער דאזיגער טאג וועט פערשריבען ווערען מיט בלוט אין דער געשיכטע פון די עופות! ווער עס האט געגלויבט אין גאט און אין זיינע צדיקים, האט געבראכט אנ'עוף אין זיין האנד און דאס אייניקעל איז געשטאנען און גע'שחט'ן, צו מזכה זיין די שטאדט מיט זיין שחיטה!

ווען ער איז געבליבען אליין ביי זיך אין חדר, האט ער קאליע געמאכט די חלפים. וואס זענען געווען געשטעלט ווי עס בעדארף צו זיין. צומארגענס האבען זיך די שטאדט-לייט צונויפגענומען ביי איהם אין הויז און דער אומשולדיגער שוחט צווישען זיי, איז זיך דאס אייניקעל שטיל אוועק אין מקוה אריין און אז ער איז צוריקגעקומען, האט ער אוועקגעלעגט די האנד אויף דער מזוזה איז געשטאנען שטיל מיט פערמאכטע אויגען. ווי ער וואלט געהערט די רייד פון גאט. דערנאך האט ער געעפענט דאס מויל און געזאגט: „דערלאנגט די חלפים”! האט מען דערלאנגט, האט ער דורכגעפיהרט דעם נאגעל איבער דער שארף און געפונען א פגימה. נאך איהם האבען נאך מענשען געפרובט און געפונען א פגימה, האבען די שטאדט-לייט געזעהן דעם מופת וואס דאס אייניקעל האט זיי בעוויזען, האבען זיי געגלייבט צו איהם, איהם

מכבד געווען מיט געלד און מיט מתנות און דעם עלטען ערליכען שוחט וואס האט געהאט א ווייב מיט א סך קינדער, האט מען מיט חרפה און שאנד מעביר געווען פון שחיטות, און זיין ארט האט פער-נומען, דער דאזיגער אויסוואורף, דער שוחט וואס האט אבגעשעכט דעם איינעקעל בסתר שוחד!

א סך יאהרען האב איך זיך ארומגעבלאנקעט מיט'ן איינעקעל. דעם בעל מופת, ביז מיר זענען אנגעקומען אין דער שטאדט זשיטאמיר.

זשיטאמיר איז א גרויסע שטאדט, האט דאס איינעקעל געזעהן, אז דארט קען ער פראווען זיינע שטיק—און וועט קענען צוזאמעננעמען געלד. האט ער דארט פערברא‌כט א גאנצען חודש צייט. אלע טאג איז ער געגאנגען איבער דער שטאדט צו פאנגען נאראנים, וואס מעהרען זיך אין דער שטאדט און אויסלעדיגען זייערע קעשענעס. און איך בין א גאנצע טאג געזעסען אין אכסניה צו היטען זיינע זאכען. איינמאל ביינאכט איז ער אהיים געקומען אין אכסניה א פרעהליכער און אנ'-אויפגעלעגטער פון א סך טרינקען, איך בין דעמאלט געווען פשוט הונ-געריג צו א שטיקעל טרוקען ברויט און האב א גאנצען טאג כמעט נישט געגעסען.

—פאק איין מיינע זאכען—האט ער צו מיר געזאגט בשמחה'דיג—ווארום מארגען פאהרען מיר אוועק פון דאנען.

אז איך האב געטהון מיין ארבייט און איינגעפאקט. האט ער גע-שפאנט איבער'ן צימער אהין און צוריק, האט ארויסגעשטעקט א צונג און פארקרימט דאס פנים און נאכגעמאכט די משוגענע שטיק פון פער-שיעדענע נאראנים, זייער רעדען, זייערע אויסגעקרומטע פלייצעס, זייער דאווענען און זייער פרייד, און האט זיי דערנאך געבענשט, ווי זיין שטייגער איז געווען: מעהרט אייך און פרוכפערט אייך און מאכט כול גאטס וועלט!...

—וויקעל צענויף די שעהנע מלבושים און פאק איין אלע זאכען —האט ער ווידער געזאגט און האט זיך ארא‌בגעבויגען, אפויערצונעה-מען פון אונטערען בעט זיין קעסטעל וואס איז געווען בעשלאגען מיט בלעך, און ווי ער האט זיך ארא‌בגעזעצט. איז ער אנידערגעפאלען אויף דער ערד און זיך צעשריגען מיט א מורא'דיג געשריי.

אלע מענשען פון הויז זענען זיך צענויפגעלאפען דערהערענדיג דעם איינעקעלס מורא'דיגע געשרייען, זענען ארייין אין צימער דערשרא-קענע און צעטומעלטע זעהן וואס דארט טהוט זיך.— וואס איז מיט

איך?—פרעגט איהם יעדער איינציגער און ער האַלט אין איין שרייען נישט רעדענדיג קיין וואָרט—וואָס איז דאָ? וואָס האָט פּאַסירט?— האָט מען מיר געפרעגט און איך שטעה אַ צעשראָקענער אַ פערוואונדערטער און קען דאָס מויל נישט עפענען. דערנאָך האָט זיך דאָס אייניקעל צעשריגען: וועה! מיין קעסטעל איז נישטאָ! מיין קעסטעל! מיין געלד איז נישטאָ!... די מענשען זענען פערוואונדערט פון זיין געשריי: איי־נער לאָזט זיך אַראָב אויף די קניהען צו קוקען אונטערן בעט און טאַ-פּען דאָרט מיט די הענד, כאָטש ער זעהט מיט די אויגען, אַז ס'איז דאָרט גאָר נישטאָ. און איינער פרעגט: וויפיעל געלד איז געווען אין קעסטעל? און דער גיט אַנ'עצה פון היינט אָן און ווייטער גיט צו בע-האַלטען דאָס קעסטעל מיט'ן געלד; דער זאָגט אַזוי און יענער אַזוי און דאָס אייניקעל שרייט און געוואַלדעוועט אויף זיין געלד. פּלוצלונג איז ער אויף מיר אַרויפגעפאַלען ווי אַ לעמפּערט און מיט שרעקליכע אכזריות מיר אַ זעץ געטהון און געשריגען: זיי זיך מודה, די אויס-וואורף! זיי זיך מודה, אַז דו האָסט גע'גנב'עט מיין געלד!—איך וויין און שווער זיך און שריי: גאָט איז מיין עדות אַז איך בין ריין פון זינד! און ער האַלט זיך ביי זיינעם: גיב מיר אָב דאָס געלד? דו האָסט מיין געלד, דו האָסט עס צוגענומען! און אַז ער האָט געזעהן, אַז מיט רייד וועט ער גאָר נישט מאַכען, איז ער אויף מיר אַרויפגעפאַלען ווי אַ שטימער הונד, מיט גרויס גרימצאָרן און מיך אָנגעהויבען שלאָגען מיט די פויסטען, ביז וואַנען עס האָט זיך מיר אַ לאָז געטהון דאָס בלוט, ווי אַ שטראָם פון מויל און פון דער נאָז און איך האָב פער-לוירען די געדאַנקען.

אַז איך האָב געעפענט די אויגען האָב איך געזעהן, אַז איך ליעג אויפ'ן בעט און איינער אַ מענש העלפט מיר און געהט אַרום אַרום מיר. און דער מענש האָט מיר דערצעהלט, אַז שוין ביי צוויי וואָכען, ווי מיר ברענט דאָס פיבער פון די קלעפּ, וואָס איך האָב בעקומען פון דעם אכזר, דעם אייניקעל, און אַז איך האָב שוין געהאַלטען ביי שטאַר-בען, און אַז פון דער קרענק האָב איך גערעדט מיט יונגלעך ווערגען עפּעס אַ נאָז וואָס איז געווען פול מיט פרישטשיקעס און אַ לאָגעל ווייך און געשריגען: ס'איז מיינער, פון חסידעווקע איז ער! איך האָב אויך געוויינט און זיך געבעטען ביי דער מאַמען, אַז זי זאָל רחמנות האָבען אויף מיינע דאַרע ביינער און זאָל מיר נישט שלאָגען מיט דעם גרוי-סען הילצערנעם לעפעל און דעם אייניקעל האָב איך נעבעטען ער זאָל

מיר נישט פערברענען מיינע ביינער. איך האָב נישט איינגעשלינגען זיין שטריימעל מיט די ווייִדעלעך און האָב נישט געלאַכט ווען ער האָט געשחט'ן, דער שוחט... און וועגען דעם מורא'דיגען אייניקעל. האָט מיר דער מענש דערצעהלט, אַז ער איז נישט קיין שום אייניקעל נאָר עפּעס אַ ליטערער אויסוואורף אַ ליטוואָק; ער האָט געפּראָוועט זיינע שטיק צווישען די חסידים, אַזוי לאַנג ביז מען איז געוואָר געוואָרען און דעמאָלט איז ער אַנטלאָפען און נעלם געוואָרען. מיט דער הילף פון דעם מענש וואָס האָט זיך אויף מיר דערבאַרעמט בין איך אויסגעהיילט געוואָרען און איינגאַנצען געזונד געוואָרען. דעמאָלט בין איך שטאַרק טרויעריג געוואָרען, דערמאָהנענדיג זיך מיין ביטער מזל, ס'איז געקומען די צייט צו פערלאָזען מיין וואוילטעטערס הויז און וואו וועל איך זיך אַהינטון? איך בין דאָך אַנ'אָרים יונגעל אַ פערטריבענער און פערלאָזטער! איך האָב אויך מורא געהאַט טאָמער וועט מיר דער אכזר, דאָס אייניקעל, וואָס לאָקערט אויף מיר—פּאַקען און וועט אין מיר אויסלאָזען זיין גאַנצען כעס און אַזוי ווי איך בין אַזוי טרויעריג און ווייס נישט קיין עצה זיך צו געבען און דער מענש פרעגט מיר: צו איך בעשטעה צו בלייבען וואוינען ביי איהם און ער וועט שוין פאַר מיר זאָרגען, פון טיעפען הארצען האָב איך איהם געדאַנקט פאַר זיין גוטס וואָס ער טהוט מיר און געזאָגט, אַז מיר איז זעהר גוט צו בלייבען ביי איהם... פון דער צייט אָן עס איך און איך טרונק ביי איהם. איך בין אַריין אין ראַבינער-שולע, האָב זיך גוט געלערענט, ביז איך האָב דערגרייכט צו דעם וואָס עס איז מיט מיר איצט. און דער מענש וואָס האָט מיר צו דעם געבראַכט, ווייסטו דאָך ווער דאָס איז—דאָס איז דאָך לייבזאָהן.

די דאָזיגע ערצעהלונג האָט די חברים טרויעריג געמאַכט, זענען זיי אַ ווײַלע געזעסען און גאָר נישט גערעדט דערנאָך האָט שמעון געזאָגט:

—איצט ווייס איך דיין ביאָגראַפיע, נאָר דו האָסט מיר נאָך אַלץ נישט דערצעהלט ווער עס איז לייבזאָהן און וואָס ער קעהר זיך מיט דיר אָן? און וואָס האָט ער עפּעס פאַר דיר אַזוי שטאַרק געזאָרגט?

—דיין ביאָגראַפיע דערצעהל פאַר דיין חבר, נאָר אַ פרעמדענס אַ סוד זאָלסטו נישט אַנטפּלעקען!—האָט בבלי געענטפערט. איז אויפגעשטאַנען, דערלאַנגט שמעונ'ען זיין האַנד, איהם אויפגעשטעלט און זענען ביידע אַוועק פון דעם אָרט.

כג.

זאָג ווער ביזטו.

אין דעם טאָג וואָס לייבזאָהן האָט געזעהן שמעונ׳ען צום ערש־טען מאָל און אויך נאָכדעם אַז ער האָט איהם געזעהן — האָט עפּעס זיין האַרץ אַ ציטער געטהון און זיין פּנים איז פערענדערט געוואָרען. בבלי האָט דאָס געזעהן און איז דערפון טרויעריג געוואָרען, וואָרום ער האָט מיט רעכט פערשטאַנען, אַז שמעון געפעלט נישט לייבזאָהנען. און ווי פערוואונדערט איז ער געוואָרען, אַז לייבזאָהן האָט איהם איינמאָל געזאָגט, ער זאָל נעהמען צו זיך זיין חבר, ער זאָל מיט איהם וואוי־נען די גאַנצע וואַקאַנסיע-צייט. און ווי גרויס איז געווען זיין פרייד, אַז גאָר אין גיכען האָט זיך אַרויסגעוויזען ווי לייבזאָהן איז גאָר בע־פריינדעט געוואָרען מיט שמעונ׳ען! ווען בבלי איז בעשטימט געוואָרען אַלס לעהרער אין אַ ראַבינער-שולע, אין אַנ׳אַנדער שטאָדט און לייבזאָהן וואָלט געבליבען אַנ׳עלענדער, האָבען ביידע זיך געגומען צו שמעונ׳ען, איהם איינרעדען ער זאָל זיך אַריינציהען צו לייבזאָהנ׳ען. שמעון איז בעשטאַנען אויף דעם און האָט גאָר נישט געזאָגט. וואָרום ער האָט געפיהלט אין דעם עפּעס אַזוינס וואָס איז געגען זיין גייסט און עהרע.

שמעונ׳ען האָט ביי לייבזאָהנ׳ען גאָר נישט געפעהלט. ער האָט דאָרט אַלץ בעקומען מיט ליעבע און מיט דער גאַנצען האַרצען. און דאָס אַלץ וואָס ער האָט בעקומען איז פאַר איהם שווער געווען, וואָ־רום ער האָט עס דאָך בעקומען אומזיסט. אָמת טאַקע אַז זיין געלד האָט איהם נישט געקלעקט צו האָבען זיין גאַנץ אויסקומעניש, ס׳איז אָבער בעסער אַ טרוקען שטיקעל ברויט און אייגענס איידער קאַפּהענער און פרעמדס. די ערשטע צייטען נאָך דעם ווי בבלי איז אַוועקגעפאָהר־רען, האָט זיך שמעון נאָך איינגעהאַלטען און איז טאָג טעגליך געקו־מען עסען צו לייבזאָהנ׳ען כדי נישט צו פערשאַפען איהם נאָך עגמת־נפש צו דעם עגמת-נפש וואָס ער האָט געליטען פון דעם וואָס ער האָט געבענקט נאָך זיין בעסטען פריינד. נאָר מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער האָט ער אויפגעהערט קומען עסען אַלע טאָג. און אַז לייבזאָהן איז אַז איהם שטאַרק צוגעשטאַנען ער זאָל איהם זאָגען פאַר וואָס דאָס איז,

האָט איהם שמעון געזאָגט דעם גאַנצען אמת.

—איהר ווילט מיט מיר טהון אַ חסד נאָר איך קען דאָס נישט, ווארום אומזיסטע זאַכען מאַכען זינדיג און דערנידעריגען דעם מענשענס כבוד, בפרט נאָך אַז איך בין אייך איינגאַנצען אַ פרעמדער, און איך וויים נישט פאַר וואָס איהר ווילט מיר אַזוי פיעל גוטס טהון. צו האַלטען מיר ווי אַנ׳אייגענעם.

—דאָס וויים איך אָבער.—האָט איהם לייבזאָהן געענטפערט—און איך בין אויך נישט קיין פרעמדער ווי איהר מיינט.

—איהר זענט ווירקליך אַ פערבאָרגענער מענש, מיין הער! און דאָס האָב איך שוין געהערט...

—דאָס האָט געקענט דערצעהלען נאָר בבלי!—האָט לייבזאָהן געעדט צו זיך אַליין קוקענדיג פערוואונדערט אויף שמעונ׳ען—ער זאָל טהון אַזאַ זאַך קעגען מיין ווילען?!

—אַזוי איז עס טאַקע—האָט שמעון געזאָגט—בבלי האָט מיר דערצעהלט זיין לעבענס-געשיכטע, אָבער וועגען אייך האָט ער מיר נאָר דערצעהלט דאָס גוטס און דעם חסד וואָס איהר האָט מיט איהם געטהון, נאָר ווער איהר זענט און וואָס מיט אייך האָט פּאַסירט האָט ער מיר נישט דערצעהלט—און איך קען אייך נישט. און איצט אויב איהר ווילט וועט איהר זיך געבען צו דערקענען צו מיר. וועל איך וויסען וואָס איך האָב צו טהון.

—לייבזאָהן האָט אַ ווײַלע געשוויגען און געטראַכט, דערנאָך האָט ער אויסגעצויגען די האַנד צו שמעונ׳ען און געזאָגט:

—וואַרט צו ביז מאָרגען וועלען מיר שמועסען,

צו מאָרגענס—איז פון אייביג אָן אַ יודישער יום-טוב. חמשה-עשר בשבט. אַ טאָג אין וועלכען די תלמידים פון די שולען זענען פריי און שפּילען זיך אַרום, עסען טייטלען און ראָזינקעס באָקסער און מאַנדלען וואָס קומען פון הייליגען לאַנד, וואו אַלעס הייבט אָן וואַקסען אין דער צייט! אויך אונזער ערד דאָ אונטערן שנעע האָט נאָך אין זיך אַ רוח חיים, קוקט נישט אויף דעם וואָס זי ליגט ווי אַ געשטאָרבענע איינגעהילט אין ווייסע תכריכים, דאָס איז נאָר פאַר איהר אַ כלה-שלייער, מיט וועלכען זי פערדעקט זיך דאָס פנים, די זון-שטראַהלען וואָס בלישטשען ווי קריסטאַל אין שנעע, דאָס איז איהר ציהרונג און די אייזצעפּלעך ביי די הילצערנע בעלקעס דאָס זענען אויירינג אין איהרע אויערען, די געטליכע שטילקייט וואָס הערשט אַרום—דאָס איז דער בע־

ליידפנער חן וואָס איז אויף איהר אויסגעגאָסען. די שעהנע נאַטור שטאַרבט נישט אָב און אויך אין דער צייט וואָס עס דאַכט זיך, אַז זי שלאָפט ווי אַ טויטע—לעבט אין איהר אַ געטליכער גייסט און זי בע-וויזט וואונדער אָהן אַ שיעור. אויך אום ווינטער לעבען די צמחים אין די אייעלעך פון פערשידענע פרוכפערוננען וואָס זענען צעוואָרפען דאָ און דאָרט אונטערן שנעע און אין דער ערד. נעבען קבר שטעהט שוין אַ וויגעל פאַר אַ ניי בעשעפעניש און נעבען פערפוילטע ביינער גרייט זיך שוין צו אַ ניי לעבען.

ביזטו זעהר שעהן נאַטור, די הערשערין פון הימעל און ערד! ביזט שעהן אום זומער, ביזט שעהן אום ווינטער, ביזט שעהן אין אַלע צייטען פון יאָהר!

דאָס דינע הייטעל שנעע וואָס ליעגט אויסגעצויגען איבער דער שטילער גאַס, דאָס אייז וואָס ליעגט ווי קריסטאַל אויף די ביימער און דער הימעל וואָס איז בלוי און ריין ווי אין פריהלינג, האָבען ווי מיט אַ כשוף געצויגען שמעונ'ען און זיין פריינד אין דרויסען אַרויס צו זעהן גאָטס שעהנע וועלט. זענען זיי אַרויס אין פעלד אַריין האָבען שפּאַ-צירט איבער בערג און טאָהלען און פרעהליך געווינגען.

כד

דער מענש האָט זיך שטאַרק אָנגעלערנט.

פאַרנאַכט, ווען דער טאָג איז פערגאַנגען, איז זיך לייבזאָהן גע-לעגען אויף זיין געלעגער פערזונקען אין טיעפע רעיונות. אין דער פינ-סטער האָט אַריינגעשיינט די לבנה דורכ'ן פענסטער און זיך געשפּיעלט מיט די שטראַהלען אויף די וואַנד פון שטוב. און אַז שמעון איז גע-קומען פון שפּאַציר אויפ'ן פעלד וואָס ער האָט געמאַכט מיט אַ קאָמ-פּאַניע חברים,—האָט ער זיך דערפרעהט מיט איהם און געבעטען זיך זעצען נעבען איהם.

—זאָל זיין ווי איהר פערלאַנגט, שמעון, איך וועל דערצעהלען;—האָט געזאָגט לייבזאָהן—נאָר איין זאַך וועל איך אייך פרעגען איידער

איך נעהם דערצעהלען, ווען בבלי האט אייך דערצעהלט זיין לעבענס-געש... צו האט ער נישט דערמאהנט וועגן א יונגענמאן, א גביר׳ס א זוהן פון חסידעווקע!

—וועגען דעם יונגענמאן וואס איז געוועזן זיין פאטער׳ס תלמיד—האט שמעון געפרעגט.

—יא, דאס בין איך דער יונגערמאן, זיין פאטער אברהמ׳ס תלמיד—האט לייבוזאהן געזאגט, קוקענדיג אויף שמעונ׳ען, וואס האט שטארק געגאפט הערענדיג דאס — פאר אייך איז אברהמ׳ס א תלמיד, וואס האט זיך בעהעפט מיט בטלנים און נאראנים און פערבראכט מיט זיי זיינע יאהרען אין נארישקייטען, איז געוועזן א שלימזל און נישט געטויגט צו גארנישט און איז געווארען אנ׳ארימאן. איך וועל זיך נישט ארייגלאזען צו דערצעהלען מיין לעבענס-געשיכטע פון אנהייב אן און וועל נאר דערצעהלען וואס מיט מיר האט פאסירט פון זינט איך בין ארים געווארען:

אז ס׳איז מיר שלעכט געווארען, בין איך געפאהרען צום רבי׳ן, אויסצוגיעסען פאר איהם מיין ביטער הארץ, אויב אלע מיינע פריינד האבען זיך פון מיר דערווייטערט, וועט ער דאך געדענקען אלע מיינע מתנות, וואס איך האב איהם שטענדיג געגעבען מיט דער פולער האנד. און וועט פאר מיר מתפלל זיין און וועט מיר העלפען מיט זיין הייליגען כח. נאר אויך צו איהם בין איך געווארען ווי א שווערע משא: ווארום נאכדעם ווי ער האט מיר א צוויי דריי מאל געטרייסט מיט פוסטע רייד, האט ער זיך שוין דערנאך אנגעהויבען בייזע׳ען אויף מיר אז איך האב זיך צופיעל צוגעטשעפעט צו איהם. און וואס קאן ער מיר העלפען, אז איך אליין בין זיך שולדיג?!... און שפעטער האט מיר שוין דער משמש נישט צוגעלאזט צו איהם. און האט זיך אויף מיר אויסגעשריגען און מיך מבזה געווען. דעמאלט איז געקומען דער סוף צו מיין גאנץ חסידות און די געדאנקען האבען מיך אנגעהויבען פייניגען און שטראפען אויף מיינע נארישקייטען וואס איך האב אבגעטהון, וואס איך האב פערבראכט מיינע יאהרען מיט פוסטע זאכען. דעמאלט האב איך פערשטאנען ווי נאריש איך בין געוועזן וואס איך האב זיך אין אזעלכע נארישקייטען ארייגעלאזט און ווען נישט דאס, וואלט מיר דאס אלץ נישט צעהאבען געקומען און נאר דורך מיין אייגענער שולד נעפין איך זיך איצט מיט מיין ווייב און קינדער אויף גרויסע צרות... דאס ארימקייט איז נאך נישט געוועזן מיין לעצטע צרה. און פאר מיר

איז געווען אַנגעגרייט נאָך מעהר פיין און ליידען. איך בין פון איין צרה אַרויס און אין דער אַנדערער אַריין: מיין איינציגע ליעבע טאָכ-טער וואָס האָט נישט געקענט איבערטראָגען קיין הונגער און פיין איז געשטאָרבען. דערנאָך האָב איך זיך געמוזט שיידען אויך מיט מיין על-טסטען יונגעל, וואָס איך האָב אַזוי ליעב געהאַט, וואָרום ווען עס איז געקומען די צייט צו נעהמען פון יודען זעלנער, צו צעהן פון הונ-דערט, ווי אַלע יאָהר, האָב איך מורא געהאַט פאַר מיין זוהן, אַ יונ-געל פון אַ יאָהר צוועלף, טאָמער נעהמט מען איהם צו די זעלנער, כאָטש דער גורל איז אויף איהם נישט געפאַלען. האָב איך איהם גע-נומען אום ווינטער, אין אַ פּאָסט און זאַוויערוכע און איהם אַוועקגע-פיהרט ערגעץ אין אַ פרעמד לאַנד אַריין. וואו ער האָט נישט געהאַט קיין קרוב און קיין גואל. כ'האָב איהם נישט מיטגעגעבען גענוג געלד, איך האָב איהם נישט איבערגעגעבען צו אַ מענש אין די הענד אַריין, ער זאָל אויף איהם אַכטונג געבען, נאָר איך האָב איהם דאָרט אַוועק-געשטעלט און געזאָגט: גאָט זאָל זיין מיט דיר, מיין קינד! דער גאָט וואָס שפּייזט די קראָהע זאָל דיר שפּייזען און דער גאָט וואָס היט אָב די פרעמדע זאָל דיר אָבהיטען! — מיט די ווערטער האָב איך איהם אַנ'-עלענדען פערלאָזט און זיך ביטער צעוויינט... וועה איז מיר, איך וויים נישט וואו ער איז אַהינגעקומען און איך האָב איהם ביז אַהער נאָך נישט געזעהן. נישט אַנדערש, אַז ער איז אומגעקומען אין די יונגע יאָהרען זיינע!

די זיבצען האָבען זיך געריסען פון לייבזאָהנ'ס האַרץ, איז ער שטיל געוואָרען אויף איינינע מינוט. די לבנה איז דערווייל אַרונטער אונטער אַ וואָלקענדעל, און ביז ער האָט זיך בערוהיגט — איז זי ווידער אַרויס צום שיינען.

— פון טאָג צו טאָג — האָט ווייטער לייבזאָהן דערצעהלט — זענען מיינע צרות גרעסער געוואָרען און דאָס האַרץ פּייניגט מיר שטענדיג, אַז איך אַליין בין שולדיג אין די צרות פון מיינע קינדער און פון מיין ווייב די צאַרטע און איידעלע. אַז איך דערמאָהן זיך איצט יענע בי-טערע שווערע צייטען געה איך אויס פון צער! איך געדענק ווי שטאַרק מיין ווייב די צאַרטע און איידעלע האָט געליטען, ווען איך האָב מיין זוהן אַוועקגעשיקט — קינד מיינס, קינד מיינס! — האָט זי געקלאָגט און געוויינט, איך וועל נישט וויינען אויף מיין טאָכטער וואָס איז געשטאָרבען, איך וועל וויינען נאָר אויף דיר, פערוואָגעלט קינד מיינס. נאָר אויף דיר

מיין טייערער וואָס ווי אַ פייגעלע פון נעסט ווערסטו פעריאָגט אין אַ פרעמד לאַנד אריין נאָך אַזוי יונגו דאָרט ווערסטו וואָגלען און ליידען צרות און ווערסט נישט האָבען ווער עס זאָל זיך אויף דיר דערבאַרע־מען. אָבגעריסען ווערסטו ארומגעהן אָהן אַ מלבוש, פערלאָזט און פער־וואָגעלט ווי אַ פערבלאָנדזשעט שעפעלע. ווער וועט דיר שפייזען אָרעם פייגעלע מיינס? ווער וועט דיר עסען געבען, קינד מיינס?! וועה מיר. קינד מיינס, קינד מיינס! יעדעס וואָרט איהר'ס האָט געשטאָכען מיין לייב ווי מיט ברענענדיגע שפיזען. און אַז עס איז געקומען די צייט זיך צוצעשיידען פון איהר טייער קינד, האָט זי פערבראָכען די הענד און זיך בימער צעקלאָגט, אַז עס האָט זיך געדאַכט די שטיינער ווייּ־נען מיט... פון דעמאָלט אָהן איז זי געוואָרען גאָר אַנ'אַנדערע, זי האָט געשוויגען און זיך נישט אומגעקוקט אויף אַלץ וואָס עס טהוט זיך אין שטוב. זי איז שרעקליך איינגעדאַרט געוואָרען און איהרע באַקען האָ־בען זיך איינגעקנייטשט ווי ביי אַנ'אַלטע יודענע, איהרע אויגען זענען רויט געוואָרען פון די טרעהרען, וואָס זי האָט פערגאָסען שטילערהייד, און אויף איהר פנים איז געווען אויסגעגאָסען אַ שטילער טרויער. זי האָט נישט געזיפצט, האָט נישט געלאָזט הערען קיין הויך וואָרט, און געזעסען אַ פעראומערטע דעם גאַנצען טאָג.—איך געדענק, ווען מיינע צוויי יונגערע קינדער זענען געלעגען קראַנק, איז זי צוגעגאַנגען צו זיי פאַר זייער טויט, האָט זיי געהאַלזט און ארומגענומען און געזאָגט מיט אַ מורא'דיג געלעכטער, מיט אַ געלעכטער פון משוגעת, וואָס האָט מיר צעבראָכען מיין הארץ אויף שטיקער: מיינע קינדער! נאָך אַ וויי־לע און איהר וועט גליקליך זיין. וועט פערגעסען אַלע צרות אייערע און אין שויס פון טויט וועט איהר רוהען בשלום. איהר וועט שוין מעהר נישט ליידען קיין נויט און נישט וויסען פון קיין הונגער, געהט מיינע קינדער! געהט אַהין ווי אַלע מענשען געהן און איך וועל קומען נאָך אייך. איך האָף. אַז איהר וועט דאָרט נישט וואַרטען קיין סך. זאָגט דאָרט אייער שוועסטער, אַז איך וועל אינגיכען קומען צו איהר. אפשר וועלען מיר אויך „איהם", אייער ברודער, דאָרט בעגעגענען... ווען זי האָט דאָס גערעדט האָט איהר פנים געשיינט מיט אַ מורא'דיג ליכ־טיגקייט, וואָס מאַכט פרירען דאָס בלוט אין די אָדערען, און זי האָט אָוועקגעלעגט די קינדער אויפ'ן בעט און זיי זענען שוין לאַנג געווען געשטאָרבען... וועה! האָר און נעגעל שטעלען זיך מיר קאַפויער, אַז איך דערמאָן מיר דאָס אַלץ.

ווידער אַמאָל איז לייבזאָהן שטיל געוואָרען און זיך פערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד און שמעון איז געזעסען אַ דערשלאָגענער און אַ צעטומעלטער—די שאָטענס פון דיביימער אין גאָרטען האָבען זיך צעלייגט איבער דער פּאָדלאָגע און איבער די ווענד, ווי די שדים וואָס קלעטערען אַרויס פון גיהנם. זענען זיי געשפּרונגען און געטאַנצט אַהין און אַהער קעגען דער ליכטיגער שיין פון דער לבנה. פון ווייטענס האָט זיך געהערט דאָס בילען פון אַ הינד וואָס האָט געוואָקעט ביטער, ווי ער וואָלט דערשמעקט דעם טויט אין שטאָדט!...

—זי האָט וואָרט געהאַלטען—האָט לייבזאָהן ווייטער דערצעהלט, נאָכדעם ווי ער איז אַ ביסעל צו זיך געקומען — זי האָט איהר צוזאָג צו די קינדער מקיים געווען. ס'איז נישט דורכגעגאַנגען קיין חודש צייט און זי איז אַוועקגעפאַלען, זיך אַוועקגעלעגט אויפ'ן קראַנקען בעט פון וועלכען זי איז שוין נישט אויפגעשטאַנען. די גאַנצע צייט פון איהר קראַנקהייט איז זי געווען פרעהליך און האָט אַזוי געגליסט צו שטאַרבען ווי איינער וואָס וויל זיך אומקעהרען אַהיים צו זיינע עלטערען און צו זיין משפחה. צייטענווייז נאָר האָט זי אויסגעשטעלט אויף מיר די ברענענדיגע אויגען איהרע און זעהר שטיל אָבגעזיפצט. איידער זי האָט אויסגעהויכט די נשמה האָט זי אָנגענומען מיין האַנד און איהרע ליפּען האָבען זיך געשאָקעלט און שטיל האָט זי אַפּאָר מאָל געשעפּטשעט: מיין זוהן, און זי איז געשטאָרבען... עלענד און אַליין בין איך געבליבען פון מיין ווייב און קינדער. און די מורא'דיגע זכרונות האָבען מיר געפּייניגט און טרויעריג געמאַכט, מיין געוויסען האָט מיר אויך געמאַטערט אַזוי, אַז איך האָב נישט געקענט איינזיצען אין שטוב און איך האָב זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסען, אין פעלד און אין וואַלד, נישט ווייסענדיג וואו איך געה און נאָך וואָס איך געה.

איינמאָל בלאָנקע איך אַזוי אין פעלד און איך דערהער אונטער מיר דאָס טיפּען פון פערד און דעם רעש פון אַ וואָגען וואָס קלאַפּט מיט די רעדער, האָב איך זיך אויסגעדרעהט און געזעהן ווי אברהם זיצט אויפ'ן וואָגען און יונגעלייט זיצען אַרום איהם אויף זייערע פּעקלעך, האָב איך פערשטאַנען, אַז זיי פאָהרען דאָס צו זייער רבי'ן און אברהם פיהרט דאָס זיין סטאַדע, אין אַ ווילדע אָרום און די פוהר איז פאַר מיר פערביייגעפאָהרען, פון ווייטענס האָב איך נאָר געזעהן ווי עס פלאַטערען דינע פּאות, האָב איך צו זיי אויסגעלאָזט מיין גאַנץ ביטער הארץ און זיי נאָכגעשיקט מיט אַ ביטער געשריי וואָס פאַר אַ שייכות

האָב איך נאָך צו מיין שטאָדט און צו איהרע איינוואוינער? איך וועל פערלאָזען זיי מיט זייערע פיהרעכצען און וועל אַוועק פון זיי.

אין דער יוגענד, ווען מיין וועלטעל איז נאָך געווען קליין, מיין שכל אויך נישט גרעסער, האָב איך געמיינט, אז דער וועג פון אמונה וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין חסידעווקע, איז דער ריכטיגער וועג און דער גוטער וועג וואָס גאָט פערלאַנגט פון מיר, איך זאָל אין איהם געהן. אַלץ וואָס עס טהוען די חסידעווקער—איז הייליג. נאָר נאָכדעם ווי איך בין דערגאַנגען מיין טעות, נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָנגעליטען אזוי שטאַרק און די אמונה איז פערלוירען געגאַנגען פון מיין האַרצען, בין איך געבליבען לעדיג און לעהר. ליידיג פון אמונה און לעהר פון וויסענשאַפט און אַז מען פערמאָגט נישט די ביידע זאַכען קען דאָך דער מענש טהון וואָס זיין האַרץ גלוסט! האָב איך מיינע הויז-חפצים פערקויפט, געמאַכט פון אַלעם געלד און בין אַוועק קיין כסלובעווקע.

לייבזאָהן האָט געשוויגען אַ ווייל און געקוקט אויף שמעון׳ען ווי ער וואָלט געטראַכט וואָס ער זאָל ווייטער רעדען. דערנאָך האָט ער ווייטער דערצעהלט:

—אין כסלובעווקע האָב איך אַ שוועסטער, אַן עלטערע פון מיר, זי איז מיט מיר פון איין מאַמען אָבער נישט פון איין טאַטען—איהר מאַן איז געוואָרען שותפות מיט אונזערע אַ משפחה פון דער מאַמעס צד און האָבען ביידע געמאַכט אַ געשעפט, און איינער אַ געשיקטער פערוואַלטער האָט פערוואַלטעט מיט׳ן געשעפט. אין אַ צייט אַרום און מיין שוועסטערס מאַן איז געשטאָרבען און איבערגעלאָזט זיין גאַנץ פער מעגען אין דעם געשעפט. פאַר זיין ווייב און איינציגע טאָכטער. און דאָס פערמעגען וואָלט זיי געקלעקט אויף צו לעבען און זיך אָנטהון אַלע פערגעניגענס אויף לעבען לאַנג: נאָר דער פערוואַלטער, דער אויסוואורף, האָט זיך מיישב געווען צו בערויבען זייער פערמעגען, האָט ער אַ גרויסע סומע געלד זיך צוגענומען און געזאָגט, אַז דער פערשטאָרבענער בעל הבית האָט אַזאַ און אַזאַ סומע צוגענומען ווען ער האָט נאָך געלעבט און פאַר זיינע יורשים איז ממילא זעהר ווייניג געבליבען. בין איך זיי צו הילף געקומען, און נאָך אַ סך קריגערייען האָב איך געוואָלט דערלאַנגען דעם גאַנצען ענין אין געריכט אַריין, אַז דאָס געריכט זאָל אויספאָרשען די גאַנצע זאַך און דעם פערוואַלטער מיט דעם אַנדערען בעל הבית וואָס לעבט נאָך—זאָל מען משפט׳ן

דערמיט האָב איך אויף זיך געבראַכט אַז אַלע זאָלען מיר באַרעדען און שעלטען, וואָרום איך בין דאָך אַ מוסר און אויף מוסרים איז קיין שום רחמנות נישטאָ. נאָר צו וואָס אַזוי פיעל רעדען. דער סוף איז געוואָרען, אַז זיי זענען בעשטאַנען צו געבען מיין שוועסטער די אלמנה אַלע יאָהר אַ סכום געלד, און איך בין געוואָרען צו שאַנד און שפּאָט פאַר די זינד, וואָס איך האָב זיך אָנגעטהון קורץ-געקליידט; געקומען אין שענק און געזעסען צווישען חברה און צווישען קאָרטען-שפּילער. האָבען זיי מיר פערביטערט דאָס לעבען מיט זייערע שטיקלעך און מיט זייער בערעדען מיר, בין איך אַוועק פון כסלונעווקע, זיך אַרום-געבלאָנקעט אויף דער וועלט ביז איך בין געקומען קיין זשיטאָמיר.

די גרויסע ליידען און צרות וואָס איך האָב זיך אין די צייטען אָנגעליטען האָבען מיר פערמיאוסט דאָס גאַנצע לעבען — אַ לעבען פון אַ פערלוירענעם עלענדען מענש ווי איך בין, און האָבען מיר פערפיהרט אויף פינסטערע וועגען. איך בין אַריין צו אַ חברה קאָרטען-שפּילער וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין אַ גאַסט-הויז און געלאָקערט אויף נאַאיווע אורחים צו שפּילען מיט זיי און אויסלעדיגען זייערע קעשע-נעס. אַ סך געסט זענען געקומען מיט פולע טייסטערס און מיט ליידיגע זענען זיי פון דאָרט אַוועק. און איינמאָל איז אַהינגעקומען אַנ׳איינִי-קעל. האָבען חברה געזעהן אַז ער מאַכט זיך פאַר אַ הייליגען און נעהמט צענויף געלד, האָבען זיי פערוואָרפען אויף איהם זייער וועגדקע און גע-זאָגט מיט שפּאָט: דאָס איינִיקעל נעהמט און דאָס אייניקעל זאָל געבען און ער איז פון זיי אויסגעלעדיגט געוואָרען.

—וועגען דעם אייניקעל האָב איך גערעדט מיט יצחק׳ן — האָט שמעון איהם איבערגעריסען די רייד — איך ווייס אויך אַז דאָס אייני-קעל האָט זיין משרת געשלאָגען מיט שרעקליכען צאָרן.

—דאָס יונגעל וואָס האָט זיך געבאָדען אין אייגענעם בלוט, האָב איך פון דאָרט אַוועקגעטראָגען און אַוועקגעלעגט אויפ׳ן בעט — האָט לייבזאָהן ווייטער דערצעהלט—און אַז איך האָב איהם אויסגעטהון האָב איך געפונען זיין פּאַספּאָרט, האָב איהם איבערגעלייענט און בין גע-בליבען נשתּומם — דאָס איז דאָך מיין מלמד׳ס אברהם׳ס אַ יונגעל! און איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין גאַנצען לעבען אין חסידעווקע, מיין געבורט-שטאָט. איך האָב זיך דערמאָהנט אין מיין ווייב, אין מיינע קינדער אין מיין זוהן וואָס איז פערטריבען געוואָרען. אַלע שטעהן פאַר מיר ווי לעבעדיגע! די געפיהלען פון מיין האַרץ. די געפיהלען פון אַ

פּאָטער שטורמען ווי די כוואַליעס פון ים—דאָס דאָזיגע פערלאָזטע פער־וואָגעלטע יונגעל דערמאָהנט מיר מיין זוהן, וואָס איז אויך פערלאָזט און אומגליקליך. און מיין האַרץ וואָס האָט זיך דערוועקט מיט רחמנות צו מיין פערוואָגעלטען זוהן, האָט זיך דערבאַרעמט אויך אויף דעם עלענדען יונגעל. האָב איך איהם אַריינגענומען צו מיר, איך האָב איהם ליעב־בעקומען ווי אַן אייגען קינד. און זינט ער איז אַריין צו מיר אין שטוב איז מיר ליכטיג געוואָרען. איך בין שוין נישט געווען עלענד, מיין לעבען איז מיר שוין נישט געווען איבעריג, וואָרום איך האָב געוואָלט מגדל זיין מיין געליעבטען יצחק׳ן. און צו מאַכען איהם פאַר אַ מענש. און כדי דאָס אויסצופיהרען האָב איך דאָך געמוזט אָנהייבען אַנדערש לעבען און זיך לאָזען אויף אַ גוטען וועג. האָב איך פערלאָזט אָט די געמיינע חברה און זיך אויסגעזוכט אַ שטעלע ביים בראַנפען־אַקציז, איך האָב זיך געדונגען דאָס דאָזיגע רוהיגע וואוינונג ביים וואַלד און פעלד, מיין יצחק׳ן צוליעב, כדי ער זאָל קומען צו זיך נאָך די אַלע ליידען און פיין וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, האָב איך איהם געשיקט אין ראַ־בינער־שולע, איז ער אַהינגעגאַנגען טאָג־טעגליך ביז ער האָט געענדיגט, דאָס יאָהר האָט ער געענדיגט. ער איז פול מיט וויסען און גאָטספאָרכ־טיגקייט אַזוי ווי איך האָב געוואָלט, און איצט איז ער אַ לעהרער פאַר יודישע קינדער,

און איצט, כאָטש ער איז מיין רוהם, און זיין כבוד איז פאַר מיר אַ גרויסקייט און אַן עהרע: אָבער ווי אַ קינד צו דער מוטער, אַזוי בענק איך נאָך איהם און דאָס האַרץ געהט מיר אויס, וואָרום צו וואָס טויג מיר דאָ אַלץ, אַז ער איז נישטאָ, גוטע צייטען האָב איך געהאַט ווען ער איז דאָ מיט מיר געווען, יענע צייטען זענען פאַר מיר דאָס גאַנ־צע לעבען. און איצט אַז דו וועסט מיר אויך פערלאָזען, ווען מיין האַרץ איז נאָך אַזוי טרויעריג, און איך וועל בלייבען אַליין, דאָס וועט מיר שוין אינגאַנצען אַוועקלעגען. פערלאָז מיך נישט שמעון! וואוין ביי מיר ביז מיין בענקשאַפט וועט דורכגעהן און איך וועל זיך אַבי־סעל קענען שטאַרקען. דו ביזט דאָך מיין קרוב און אַן אייגענער פריינד מיין שוועסטער איז יוכבד, און דיין טאַטע אפרים אונזער קרוב איז דאָך דער שותף פון מיין שוועסטערס מאַן און זייער פערוואַלטער פון געשעפט איז אליעזר.

ביז אַהער איז שמעון געזעסען שטיל און געקוקט אויף לייבזאָהא־נ׳ען וואָס האָט דערצעהלט, האָט געהאַלטען אָפען דאָס מויל און געשלינגען

יעדעס וואָרט און געשוויגען, ווי עפּעס אַ פערבאָרגענע האַנד וואָלט צוגעקלעבט זיין צונג צום גימען און איהם שטום געמאַכט. און אַז ער האָט דערהערט לייבזאָהנ׳ס לעצטע ווערטער איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און איהם געפאַלען אויפ׳ן האַלז.

—פּעטער מיינער!—האָט ער געזאָגט מיט געפיהל און איהם גע־קושט—איך פיהל אייך מיט. איהר זענט אַנ׳אומגליקליכער מענש, און ווי גרויס עס זענען אייערע צרות אַזוי גרויס איז אייער גוטס און רעכטפערטיג הארץ! מיט אייך בלייב איך.

כה.

אַ שווערער חלום.

—„דערבאַרעמט זיך, דערבאַרעמט זיך אויף מיר קינדער מיינע!—האָט לייבזאָהן שטאַרק געשריגען פון שלאָף אין יענער נאַכט נאָכדעם ווי ער האָט אַלץ אויסדערצעהלט.

אַ ווײַלע איז ער געלעגען וואַך און דערשראָקען פון זיין מורא־דיגען חלום, ער זעהט נאָך זיין שווערען חלום און ער הערט נאָך עפּעס ווערטער, ער הערט אָבער נישט קיין דייטליכע ווערטער און זעהט נישט קיין שום געשטאַלט. ווי פריהמאָרגען-וואָלקענדלעך שוועבען זיינע פינס־טערע חלומות פאַר דער ליכט פון זיין שכל, וואָס קעהרט זיך אום צו איהם. און אַז ער איז צו די געדאַנקען געקומען האָט ער זיך גע־שטאַרקט צו דערמאָהנען וואָס ער האָט געזעהן אין חלום און האָט זיך אַלץ דערמאָהנט:

איהם האָט זיך גע׳חלומ׳ט: אַ מענש אָנגעטהון אין לייוועגטענע קליידער שטעהט פאַר איהם, אַ סך מענשען רינגלען איהם אַרום און אַלע זענען יודען. די בייטלען זייערע זענען טייל גרויסע, שווערע, און טייל קליינע. דינע און ליידיגע. אַלע זאַמלען זיך צענויף און געהן אַריין אין איין גאַר גרויסען בייטעל און ווערען אין איהם פערשלונגען ווי אין אַ קבר. און דער בייטעל וואָס האָט שוין נישט אַזוי פיעל כח צו דערגעהן און זיך בוקען צום קעניג פון די בייטלען, ווערט ער

פערטריבען מיט חרפה און שאַנד. מיט גרויסקייט זעהט ער דאָרט זיין בייטעל, אַזאַ פיינער סטאַטעטשנער בייטעל, אַלע גלוסטען צו איהם און חנפ׳ענען זיך צו איהם, און דער קעניג פון די בייטלען שמייכעלט צו איהם און איז גוט צו איהם, און אָט דאָס גלוסטען זייערס צו איהם האָבען איהם מאָגער געמאַכט און ער איז געוואָרען שוואַכער פון טאָג צו טאָג, ביז ער איז אינגאַנצען אומגעקומען. איז געוואָרען אַ רעש, אַ געפילדער און אַ צייהען-קריצעריי, און אַזוי ווי ער האָט שוין צו גאָר נישט גענוצט, האָט מען איהם אַרויסגעוואָרפען אין דרויסען. ווי אַ יתום בלאָנקעט ער זיך אַרום אין דער פינסטער, עס קלאָגט די סאָווע און ס׳איז אַ געברומעריי פון אַלע זייטען. און פלוצלונג גיט זיך די ערד אַ טרייסעל אונטער איהם—און ער שטעהט אין מאַרק אויף אַ ברייטען ליידיגען פלאַץ וואָס איז באַדעקט מיט שנעע, און די לבנה שיינט אויף איהם, מענשען זיצען פערמאַכט אין זייערע הייזער, קיינער וויזט זיך נישט אַרויס איבער דער קעלט ביינאַכט. אויך דער הונד בלאָנקעט זיך נישט אַרום איבער דער שטאָדט און ליעגט זיך אין זיין קליינעם ביי-דעל, די נאַכט איז עלענד! די נאַכט איז שטיל! און פון וויטען הערט זיך עפעס אַ ביטער געשריי, אַזאַ קלאָג, וואָס צעברעכט די הערצער און מענשליכע טריט דערנעענטערען זיך, שפאַנען מיט׳ן גאַנצען כח איי-לענדיג זיך. און אויף די הענד טראָגען זיי אַ קליין יונגעל אַ נאַקעטען ווי מען וואָלט איהם אַראָבגענומען פון זיין געלעגער, און זיינע גע-שרייען דערגרייכען אין דער נאַכט-שטילקייט ביז צו די הימלען און אַרום איז אַ פחד און אַנ׳אימה. דאָס איז זיין זוהנ׳ס קול. זיין טייער קינד, זיין אויג אין קאָפ. די „כאַפערס״, וואָס כאַפען קינדער פאַר זעל-נער, האָבען איהם געכאַפט פון זיין בעטעל אַראָב און געפאַנגען. די לבנה און שטערען האָבען אויפגעהערט צו שיינען און ער לויפט אַהיים —און זיין היים איז נישטאָ. פאַר איהם שטעהט אַ קליין נידעריג היי-זעל אויפ׳ן בית עולם. דאָרטען ליגען אויף איין בעט זיין ווייב מיט די קינדער צוזאַמען, ער וועקט זיי און וועקט זיי—אין איין אויג; איין אָפען מורא׳דיג אויג קוקט אויף איהם. אַ ציטערניש האָט איהם אָנגע-כאַפט פון די בליקען פון דעם אויג וואָס זענען ווי שאַרפע פיילען. האָט ער געכאַפט די פיס און איז אַנטלאָפען אָבער ווי ער זאָל נישט געהן שטעהט דאָס אויג פאַר איהם. נישטאָ קיין פינסטערניש און קיין שוואַרצקייט וואו ער זאָל זיך פון .דעם קענען פערבאָרגען. געהט ער אויפן ׳וועג. הונגעריג, דאָרשטיג און מיעד און ער דערזעהט אַנ׳איינ-

זאַהר-הויז דאָרט שטעהן געגרייטע טישען און אויף זיי ליגען אַלע טייערע מאכלים און שמעקענדיגע געקעכטסען, ער האָט שטאַרק חשק צו די דאָזיגע מאכלים, אָבער ווי נאָר ער האָט צו זיי אויסגעשטרעקט אַ האַנד און אַ שטים שרייט איהם אין אויער אַריין: ריהר נישט! נישט פאַר ליידיגגעהר זענען אַזעלכע מאכלים און נישט פאַר פוילענדע אַזעל-כע גוטע זאַכען. דאָס גאַנצע גוטס איז פאַר די מיה פון די אַרבייטער און זייער מיה עסען זיי דאָ. און דו אַנטלויף דיר צו דיין אָרט, אַהין ווי עס זענען די צעטומעלטע, צעמישטע, נאַראָנים און שוטים. באַלד איז ער מיט אַ שטויס אָפּגעשטופּט געוואָרען און ער האָט דערזעהן אָהן אַ שיעור איינגעבויגענע, צעבראָכענע, דערשלאָגענע, שטומע, מיט אַרויסגעשטעקטע צונגען געהן אין גרויסע מאַסען און מיט זיי אַ גאַנץ ערב רב: ברייטע מיילער, אויסגעשטרעקטע העלזער און גאָרגעלס, רוי-טע נעז, פלעשלעך ווייז, ציבעלעס, קנאָבעל, וואַרימע אויבענס געהן מיט זיי. ער האָט געזעהן די דאָזיגע גאַנצע מחנה, האָבען זיך איהם די האָהר געשטעלט קאַפּויר פון שרעק, און ער איז אַנטלאָפען געוואָרען. די פיס האָבען זיך איהם אונטערגעהאַקט פון פאַסטען און ער איז אַנידערגעפאַלען אָהן כחות. און נעבען איהם ליגען זיין ווייב מיט די קינדער, גלאָצען מיט די אויגען צו איהם און שווייגען. און אַז זיין רחמנות צו זיי האָט זיך שטאַרק דערוועקט און ער האָט זיי געוואָלט אַרומהאַלזען—און ס'איז געוואָרען אַ שטורעם-ווינד און האָט זיי צעשיידט און ער שרייט: דערבאַרעמט זיך, דערבאַרעמט זיך אויף מיר מיינע קינדער!—און האָט זיך אויפגעכאַפּט.

אַ דערשלאָגענער ליגט לייבזאָהן אויף זיין געלעגער און מורא'-דיגע חלומות שרעקען איהם אויף דער וואַך. ער הערט דאָס קלאָגען פון שטורעם-ווינד, אַ מענש אין ווייסע מלבושים איז ווי אַ מת פון קבר אויפגעשטאַנען, ער קניהט פערשפּרייט די הענד און קלאַפּט אין די פענסטער, ער ברומט פון צער און צאָרן, און אַרום איהם שטעהן קלע-נערע פון איהם איינגעהילט אין ווייסען, בוקען זיך און רעדען מיט שפּאָט. אין שטוב שוועבען אַרום שאָטענס, שדים טאַנצען, און נשמות שוועבען און שפּרונגען אויף טישען און בענקלעך און אויף די ווענד. אין גיכען האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געזעהן, דער שטורעם-ווינד האָט ביי נאַכט אַרויסגעבראַנגט אַ שנעע און בעדעקט דעם גרויסען עפּעל-בוים אַנטקעגען פענסטער ווי אויך די קליינע ביימלעך און ער שאָקעלט

ווי אין אַלע זייטען. און די שאַטענס אין שטוב זענען די שאַטענס פון די ביימער.

איז לייבזאָהן אַראָב פון געלעגער, איז גיך אַראָבגעשפּרונגען און זיך אָוועקגעזעצט אין ווינקעל פון חדר פערזונקען אין זיינע געדאַנקען, וואָרום דער חלום איז געקומען מיט אַלע פליטערלעך און געשעהענישען און אַלץ איז איהם געווען, ווי ער וואָלט עס געלייענט אין אַ בוך און האָט אין דעם געפינען אויך אַ סך אמת, און געזען אין דעם דאָס, וואָס מיט איהם וועט שפּעטער געשעהן. נאָך איצט, ווען ער איז וואַך, נעהמט איהם אָן אַ גרויל פון דעם דאָזיגען שרעקליכען אויג און ער געהט אויס פון שרעק.

און פון דער נאַכט אָן איז לייבזאָהן געוואָרען שטאַרק מרה-שחורה׳דיג און ער איז שטאַרק אומעטיג געוואָרען.

כו.

טרויער און יום-טוב.

ס׳זענען די טעג פון פריהלינג אויף דער וועלט, טעג פון אויפ-לעבונג און אַנטוויקלונג אין דער גאַנצער נאַטור; טעג פון פריהלינג און בעפרייאונג פאַר צעהנדליגער טויזענדער נאַטור-כחות, וואָס וואַכען אויף; טעג, אין וועלכע די זון בעשיינט אונזער ערד און מיט איהרע וואַרימע הייסע קושען מאַכט זי שפּראָצען דאָס פּערזייהעטע און מאַכט רינען דעם זאַפט אין די ביימער און אין די גראָזען. טעג, וואָס די נאַטור, די אשת חיל, נעהמט זיך שפּינען און שפּינט אויס צעהנדליגער טויזענטער גראָזען און גרעזלעך מיט בלימלעך אויף צו בעקליידען די ערד; טעג, וואָס אַלע לעבעדיגע בעשעפּעניש׳ען וואָס שלאָפען דעם גאַנ-צען ווינטער אין די ערד-היילען—כאַפּען זיך אויף און קריכען אַרויס פון די היילען מיט זייערע משפחות—פון דעם קלענסטען ווערמעל וואָס ווימעלט זיך אויף דער ערד, ביז דער חיה וואָס געהט אויף אַלע פיער בקצור: טעג, אין וועלכע די גאַנצע נאַטור געהט אַרויס פון פינסטער-ניש צו ליכטיגקייט.

ווי שעהן איז איצט די רוהיגע וואוינונג אין גאָרטען וואָס אויף דער גאָרטען-גאַס! די ביימער בליהען און האַלזען איינער דעם אַנדערען מיט זייערע זאַפטיגע צווייגען, אַז אַ ווינדטעלע גיט אין זיי אַ בלאָז הויבען אָן שמעקען די טייערע ריחות, אויף דער עפּעל-בוים פאַר'ן פענסטער שטעהט אין זיין גאַנצער שעהנקייט, אָנגעטהון אין זיין שעהנעם בגד פון בלימלעך, אין וועלכע ער איז אויסגעציערט אין גאַנצען פריהלינג און גיט אַרויס גוטע ריחות. — ווי שעהן איז דער מאָרגענשטערען אום יום-טוב שבועות, דער שענסטער יודישער יום-טוב, אין דעם רוהיגען אָרט! ווי נאָר דער ברעג פון הימעל ווערט עטוואָס בלייך, כאַפּט זיך אויף יעדעס פייגעלע אין זיין נעסט און לאָזט הערען זיין זיס קול, זיצט זיך אַ ווייל און פישטשעט זיין מאָרגען-שירה, וויפיעל ער קען נאָר, און איידער נאָך ער פערענדיגט זיין שורה גיט ער אַ טרעל און פליהט אַוועק צו זיין אַרבייט, צו ברענגען שפּייז פאַר זיין ווייב, וואָס זיצט אויף די אייערלעך. נאָך אַ ווייל און עס כאַפּען זיך אויף די קראָהען אויף די שפּיצבוימער און קראַקען זיך איבער איינע צו דער צווייטער און צעשפּרייטען די פליגעל צו שוועבען אין דער לופט'ן וואָס איז אַזוי ריין און לויטער איבער זייערע קעפּ, און אונטער זיי איז פערנעבעלט פון די וואָלקענס וואָס געהן אויף פון דער ערד ווי אַ רויך מיט טייערסטע געשמאַקע ריחות פון אַלע טייערע פלאַנצונגען—דערווייל ווערט דער מאָרגען נאָך ליכטיגער און אַלע פייגעל פון גאָרטען כאַפּען זיך אויף. אַלע בלישטשען מיט זייערע פערשיעדענע קאָלירען און אַלע הייבען אָן צו זינגען שירה און בעזינגען דעם מאָרגען—די, זינגען צווישען די צווייגען און די, שפּרינגען אַרום צווישען די גרינע גראָזען און שרייען אַראָב פון דאַך אַראָב, דער בושעל קלאַפּט מיט'ן שנאָבעל אויף זיין געלעגער נעבען זיין געליעבטע און ער איז ווי דער פויקער צווישען דער קאַפּעל פון די פייגעל. גיך נעמט די טויב זיין ווייב און פערלאָזט די נעסט וואו ער האָט זיך געלאָזט וואוילגעהן און אָנהאַלטענדיג—מיט'ן שנאָבעל זיין געליעבטע געהט ער אַרויס מיט איהר אין טאַנץ אויפ'ן גאַניקעל אונטערען דאַך—וואָרום ווער קען זיך עס איינהאַלטען און נישט פרעהען זיך מיט זיין שעהנער, זיין האַרצענס געליעבטער ווען עס זינגט און עס שאַלט?... גרויסע זאַכען בעווייזט דער מאָרגענשטערען! און ווי עס ווערט אַזוי ליכטיגער און אַ האַלבער ראָד פון דער זון בעווייזט זיך פון מזרח זייט, באַדעקט דעם הימעל מיט איהר שעהנקייט און די שטראַהלעז זעגען ווי פונקען פייער און די

טוי-טראָפּענס אויפ׳ן גראָז און גרעזלעך. דער האַלבער ראָד פון דער זון זעהט אויס ווי דער ראָד פון גאָטס רייטוואַגען, ווי דער כבוד פון יודישען גאָט וואָלט זיך בעוויזען אויף די כרובים, אַ קוק צו טהון אויף זיין הייליג פאָלק ישראל און איהם בעגריסען מיט ליעבשאַפט אין דעם טאָג פון זיין יום-טוב, אין דעם טאָג, ווען ער האָט זיך אַמאָל ענט-פּלעקט אויפ׳ן באַרג סיני צווישען זיינע מלאכים צו פערקנסען זיך די בתולה בת יהודה דורך דער הייליגער תורה, און פון די הימלען קומט ער איצט בעגריסען זיין כלה אין פרעמדען לאַנד.

דער מאָרגען מיט זיין לויטערקייט האָט אויך נישט פערגעסען די שטאָדט-לייט די יודען וואָס יום-טוב׳ען! אַ סך האָבען זיך געפעדערט באַלד בעגינען צו געהן דאַווענען, און נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך אונטערגעלעהנט די הערצער מיט פּוטער און מילך ווי דער מנהג איז לאָזען זיי זיך אַרויס שפּאַצירען צו כאַפּען לופט; טייל געהן אַרויס אויפ׳ן פעלד, אין די גערטנער און געהן אין וואַלד אַריין, אַנדערע ווידער געהן אַרום איבער די גאַסען און פלעצער פון שטאָדט. אַלע פרעהליכע און אויפגעלעגטע, אָנגעטהון אין יום-טוב׳דיגע מלבושים, ווי זיי וואָלטען דאָס געגאַנגען מיט בכורים אין בית-המקדש אַריין, ווי זיי וואָלטען שטענדיג געלעבט אין גרויס שמחה און קיינמאָל נישט געזאָרגט.

אַ רעטעניש ביזטו מיין אָרים פאָלק פאַר די פרעמדע וואָס קע-נען דיך נישט! אַ רעטעניש ביזטו פאַר זיי מיט דיין טרויער, מיט דיין האָרוואַניע אַ גאַנצע וואָך, און מיט דיין פרייד אין די שבתים און ימים-טובים. ווען דו טהוסט נישט קיין שום אַרביים און פערברענגסט אין פערגעניגען! אַ רעטעניש ביזטו פאַר זיי מיט דיינע קליידער מיט די שמאַטעס וואָס די געהסט אָנגעטהון אין דער וואָכען און מיט דיינע זיידענע און אַטלעסענע קליידער אין יום-טובו! אַ רעטעניש ביזטו פאַר זיי מיט דיין שפּייזען זיך מיט דיין ווענינ און שלעכט עסען אין דער וואָכען און מיט דיינע שעהנע חלות, פלייש און פיש, געקעכטסען און קיכלעך אין די שבתים! אַ רעטעניש ביזטו פאַר זיי מיט דיינע פער-לאָזטע נישט-ריינע וואוינונגען אין די אַרבייטס-טעג און מיט דיין צו-גערוימטע שטוב און גרייטען טיש אין יום-טוב און שבת! דו ביזט אַ קנעכט און אַ קעניג! אַ קבצן און אַן עושר! דו ביזט אַ נאַקעטער און אַן אויסגעפּוצטער! ביזט אַ הונגעריגער און אַ זאַטער! ביזט מיאוס און שעהן. מיאוס ווי די געצעלטען פון די טאָטערען און שעהן ווי שלמה המלך׳ס פאָרהאַנגען! אַ רעטעניש ביזטו מיין פאָלק פאַר די פרעמדע

פעלקער וואָס קענען זיך נישט! אָבער דער וואָס פערשטעהט דיין הארץ, ווייסט דעם בעשייד פון די רעטענישען, דאָס קומט פון דיין גלויבען אין גאָט און זיינע דרכים. נאָר פון דעם קוואַל טהוט טרינקען דער יוד און פערגעסען אין זיין אָרימקייט; נאָר דאָס מאַכט איהם פערגעסען זיין צער און פיין און ער געדענקט נישט אין זיין האָרוואַניעו! נאָר אין בעשטימטע צייטען שאָקעלט ער זיך אָב פון שטויב. און זיין געפייניגטע, טרויעריגע און וויסטע נשמה דערוועקט זיך צו דערפיהלען דאָס זיסקייט פון לעבען ווי די וואָס לעבען שטענדיג רוהיג און צופריעדען. די גאַנצע אַרבייט פון אַ יוד אַ גאַנצע וואָך איז נאָר צוליעב זיין שבת און זיין גאַנצע האָרוואַניע איז נאָר צוליעב זיינע גוטע און שעהנע ימים-טובים, זיי זענען זיין תּכלית און ציעל פון לעבען. צו זיי שטרעבט ער מיט זיין גאַנצען הארצען און פערמעגען און אין זיי געפינט ער אַ טרייסט און אַ בערוהיגונג פאַר זיין מיעדער דערניעדריגטער נשמה.

נאַ גאַנצע וואָך איז דער יוד אַ וואָרעם נישט קיין מענש, אַ וואָרעם אין אַ הייטעל און אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט שפּאַלט זיך דאָס דאָזיגע הייטעל און דער יוד, דער וואָרעם ווערט פלוצלונג אַ מענש מיט אַ נייע נשמה, מיט נייע געפיהלען און ווערט גאָר אַן אַנדערער. דעמאָלט זינגט ער צו זיין כלה צו שבת זיין געליבטער דאָס ליעד „לכה דודי”; דעמאָלט געהט אַוועק זיין געבראָכען געמיטה—דאָס קען דער יוד טהון פאַר זיין גאָט!

פרעהליכע און אויפגעלעגטע זענען די שטאָדט-לייט אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען אין טאָג פון זייער יום-טוב, און אויף דער גאָרטען-גאַס, וואו עס וואוינען קריסטלעכע פויערים, האָבען זיך געזעהן אַ סך יום-טוב׳דיגע יודען.

—טייערער פעטער! — האָט שמעון געזאָגט צו לייבזאָהנ׳ען וואָס איז געזעסען אַ פערוויעסטער און געקוקט אַרויס דורכ׳ן פענסטער וואָס איז געשטאַנען אָפען אין גאָרטען אַריין—וואָס זענט איהר אַזוי טרויעריג און דערשלאָגען? אַרום דיר איז פרייד, און געזאַנג, די נאַטור איז אַזוי שעהן און איהר זענט טרויעריג און פערגעסט אויך דעם יום-טוב, אונזער פריידו!

—דו אַליין שמעון,—האָט לייבזאָהן געענטפערט—האָסט פאַר מיר בעלייענט פון אַ בוך די דאָזיגע ווערטער: אַז די ערד פרעסט אויף איהרע בעשעפענישען און מיט זייערע פערפוילטע ביינער ציערט זי זיך

אויס שעהן צו זיין. אזא פריהלינג איז שטענדיג געווען אלע יאָהר. ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און דער פריהלינג איז אַריבער, דער זומער איז אַוועק, און וואָס דער פריהלינג מיט'ן זומער האָבען אויפגעהאָדעוועט האָט דער ווינטער אומגעבראַכט! האָבען דאָך שוין יו־דען געזאָגט: פרעה זיך נישט, בן אדם מיט די פריידען אויף דער וועלט ווארום דער סוף פון יעדער פרייד איז טרויער... און אויך דער דאָזיגער שעהנער יום-טוב אונזערער מאַכט מיר זעהר טרויעריג, דער־מאָהנענדיג זיך די אַלע צרות און פיין וואָס איך האָב זיך צוליעב איהם אָנגעליטען. וועה! אַ סך האָבען זיך אונזערע יודען אָנגעליטען איבער דעם יום-טוב, צוליעב אונזער תורה, וואָס איז געוואָרען די ליכט פון פעלקער און פאַר אַ קוואַל פון לעבען פאַר דער גאַנצער וועלט. צוליעב איהר וועה, זענען מיר געוואָרען צו שאַנד און צו שפּאָט צווישען די פעלקער! ווי דו אַליין האָסט מיר פאָרגעלייענט די געשיכטע, איז דאָך נאָר צוליעב איהר, די תורה אונזערע, זענען מיר אין מיטעל אַלטער גע־פיהרט געוואָרען, ווי די שעפסען צו דער שחיטה, צום הרג'ענען שלאַ־גען צו שאַנד און אומקומען; צוליעב דער תורה זענען מיר ערניעדע־ריגט געוואָרען. און צוליעב איהר האָט מען פאַר אונז פערשטעלט אַלע קוואַלען פון פּרנסה. אומעטום זענען מיר פרעמדע און מען לאָזט אונז אין ערגעץ נישט צו, און מיר זענען זעהר נידעריג... און אויף דעם אַלעם. ווי קען זיך אַ יוד איינהאַלטען און נישט טרויעריג זיין צום ווענינגסטען, אויב שוין נישט וויינען אין דעם דאָזיגען פרעהליכען יום-טוב?!

—כ'וועל שוין נישט, טייערער פעטער— האָט שמעון געזאָגט — כ'וועל שוין מעהר נישט אייך פאָרלייענען, אפילו איהר וועט מיר שטאַרק בעטען וועל איך אייך נישט פאָלגען. ווארום די ביכער פאַר אייך זענען ווי האָלץ צום פייער.

—אויב דו ווערסט נישט וועלען מיר פאָרלייענען צייטענווייז, וועל איך עפענען דעם ספר הזכרונות וואָס איז אין מיין הארצען און וועל טראַכטען פון מיין נאַריש לעבען און נאַרישקייטען פון מיין דור—און דאָס לייענען איז מיר איצט זעהר זיס.

—איך האָב זיך נאָר אַזוי אַרויסגעכאַפּט — האָט שמעון געזאָגט זעהענדיג. אַז זיינע ווערטער האָבען נאָר פערשטאַרקט די טרויעריקייט פון לייבזאָהנ'ען, וואָס פון גרויס צער מאַכט ער שולדיג זיך אַליין און זיין דור און טראַכט פון זייערע זינד און פון זיינע יוגענד-זינד — ווי ער

שהוט דאָס די לעצטע צייטען—איך בין גרייט אייך פאַרצולייענען פון דער יודישער געשיכטע. וואָס איך האַלט איצט אין האַנד.

—לייען פאַר דיין אומגליקליכען פעטער, וואָס געהט אויס מיט זיין גאַנצען דור. מיט אַלע וואָס זענען ווי ער, לייען פאַר איהם איידער ער געהט אַוועק פון דער וועלט.

—איך וועל פאַר אייך לייענען פעטער — האָט שמעון אויסגערופען מיט אַ דערשלאָגען געמיטה—איך וועל אייך פאַרלייענען פון דער געשיכטע, וואָס איהר האָט שטענדיג ליעב צו הערען! איך וועל אייך פאַרלייענען פון אונזער פאָלקס גרויסקייט, גוטסקייט און רייכקייט אין אונזער געבענשט לאַנד, פון זיינע גבורים׳ס העלדישקייטען, פון זיינע הערען, כהנים און נביאים... איך וועל אייך פאַרלייענען פון די גרויסקייטען פון יודען פון זיינע חכמים׳ס חכמה פון זיינע פאָעטען און משוררים, וואָס אין בבל און אין פרס, וואָס אין שפּאַניען, איטאַליען און אין די לענדער...

—און וואָס איז דער סוף געווען פון די אַלע—האָט לייבוזאָהן געזאָגט און אָבגעהאַלטען שמעון׳ען פון צו לייענען ווייטער — דער סוף איז דאָך געווען אַ ביטערער. ווען יודען האָבען געלעבט רוהיג אין די לענדער צווישען פרעמדע און קיינער האָט זיי נישט געטשעפּעט, איז דער יוד געוואַקסען און געגליקט און האָט דערגרייכט אַ סך אין ווייסענשאַפט און פערשטאַנד, אָבער ווען אונזער פאָלק איז געוואָרען צעטרעטען אין די פינסטערע ביטערע צייטען און די רעליגיעזע שנאה האָט זיי אויסגעוואָרצעלט פון דער לעבעדיגער וועלט — איז זיין פּייכטקייט אויסגעטריקענט געוואָרען, אַז דער שטאַם זיינער איז געוואָרען פערטריקענט זענען פערוויאַנעט געוואָרען זיינע פעהיגקייטען, אַזוי אַז מיט דער צייט איז געוואָרען פון זיי אַ סך גרויסע עמי הארצים און האָבען פערבראַכט זייערע טעג מיט נאַרישקייטען און זייער געלד אויסגעגעבען אויף פּוסטע זאַכען. דאָס איז די אַרבייט פון די דאָזיגע מענשען און דאָס זענען די פרוכט פון זייערע זינד — איך, דיין אומגליקליכער פעטער!... איך דיין אומגליקליכער פעטער, וואָס איז קראַנק פון זיין זינדיגען דור. און ווערט געפּייניגט פון די שרעקליכע זכרונות פון זיין ביטערער צייט... איך בין איצט אַן׳אומגליקליכער און אַ שלים-מזל... פערגעס זשע דעם דאָזיגען פעטער דיינעם, טהו עס דיר צוליעב פערגעס איהם און זיינע דרכים און נעהם זיך צו ערלערנען וויסענשאַפט צוזאַמען מיט די איבעריגע יודישע בחורים! וואָרום פאַר אייך,

די קינדער פון נייעם דור שיינט די ליכטיגקייט!

—ווערע פעטער מיינער! ווערע טייערער פעטערן — האט שמעון אויסגערופען פון רחמנות צו לייבזאהנ׳ען.

-ווערע מיין דור! ווערע מיין אומגליקליכער דור!— האט לייבזאהן איבערגע׳חזר׳ט שמעונ׳ס ווערטער.

נאכמיטאג איז לייבזאהן ארומגעגאנגען אין זיין צימער און זיך בעלעגט אין בעט אריין, און שמעון איז ארויס אין גארטען, האט זיך געזעצט אין שאטען פון א גרינעם בוים, ווייל דער טאג איז געווען הייס. און זיינע לעהר ביכער האט ער גענאמען מיט זיך. וויפיעל מאל ער שטארקט זיך אריינצוקוקען אין דער געאגראפיע, וואס ליעגט פאר איהם אפען, און זיינע געדאנקען שוועבען ווי די פליהענדע פייגעל, צעהן מאל רעדט ער ארויס מיט די ליפען: „אין אייראפא זענען צע-שפרייט א סך יודען און ציגיינער״—און ער אליין הערט נישט זיינע ווערטער. ער איז אפילו א וויילע שטיל געבליבען און זיך איינגעהערט אין די ווערטער „יודען און ציגיינער״ נאר באלד פארפליהען זייע גע-דאנקען און זיין כויל איילט ווידער צו לייענען פון בוך נישט וויסענ-דיג וואס ער לייענט—שמעון קען היינט נישט לערנען. זיין הארץ איז אין איהם צעווארעמט און זיינע געדאנקען שטורמען און פליהען, לעגט ער אוועק דאס בוך און פערלאזט דאס לערנען. אין די געדאנקען חזר׳ט ער איבער אלע רייד פון פעטער וואס ער האט געהערט היינט אין דער כריה און טראכט זיך אריין · אין יעדעס ווארט און וואס מעהר ער טראכט זיך אריין אין זיי אלץ מעהר פערשטעהט ער זיי און בע-קומט גרויס רחמנות צום פעטער. אמת טאקע—טראכט ער—דער פעטער איז א פראדוקט פון זיין איבערגעקעהרטען דור. ער איז קראנק פון זיי-נע זינד און דערשלאגען פון זיין פערבלאנדזשען... און איך?... וואס בין איך? וואס זענען נאך טויזענדער מענשען?... „איך האב זיך געראטע-וועט״—ענטפערט ער זיך אליין, און די פאנטאזיע טראגט איהם וויי-טער און ווייטער. ברענגט איהם אהיים, נאכדעם ווי ער האט שוין גע-ענדיגט זיין לערנען, צו דערפרעהען זיינע עלטערען פון זייער טרויער, און צו ווייזען זיי, אז די בילדונג איז א רעכטפערטיגע זאך נישטא אין איהר קיין פאלשקייט און קיין קרומע זאכען, ער קומט אהיים זיי דאס אלץ צו בעווייזען און זיך געזעגענען מיט זיי איידער ער געהט אוועק צו זיין ארבייט. און וואס איז דאס פאר א׳ארבייט?— פרעגט איהם דאס הארץ— און ער ענטפערט זיך: די גאנצע וועלט וועט דאך

דעמאָלט פאַר איהם אָפּגין זיין, ער וועט נוצליך זיין פאַר די יודישע קינדער אין דעם ברייטען לאַנד. ווייל די גוטע צייט איז שוין געקומען... און אַזוי ווי ער טראַכט אַזוי ווערט איהם דאָס פּנים פערענדערט, וואָרום ער דערמאָהנט זיך ווידער אָן די ווערטער „יודען און ציגיינער“ און דאָס הערץ ווערט אין איהם דערשלאָגען עפּענט ער דאָס בוך, צו זעהן ווען דאָס איז געדרוקט געוואָרען, נאָר זיין גרויס בעדויערען איז דער פאָדערבלאַט נישטאָ. פעהלט... לעגט ער ווידער אַוועק דעם בוך און פערזינקט אין זיינע געדאַנקען נאָר ער פערשטעהט נישט— פערהויל׳ען זענען די צייטען!...

כז.

אפרים אַ געפאַלענער.

נאָר פיער יאָהר קעהרען מיר זיך צוריק אום צו כסלונעווקע וואָס פערנעהמט ווידער איהר אָרט אין דעם בוך. אין די פיער יאָהר איז דאָרט קיין נייעסען נישט פאָרגעקומען, און אַלץ שטעהט זיך דאָרט אויף זיין אָרט ווי פריהער. נאָר אין איין הויז האָט זיך אַלץ איבער-געקעהרט און ס׳איז אַוועק פון דאָרט דאָס גרויסקייט און דער כבוד וואָס האָט דאָרט אַמאָל גערוהט—דאָס איז אפרים׳ס הויז וואָס איז פּלוצ-לונג פערוויסט געוואָרען און גאָר שטאַרק אראָבגעפאַלען.

ווען די אָנגעזעהענע שעהנע בעלי-הבתים זענען געקומען צו אפרים׳ען. ווען ער איז געווען שטאַרק צעטומעלט איבער אליעזר׳ס בריעף, און האָבען איהם געזאָגט: דער „אַלטער“ קומט צו אונז אין שטאָדט אַריין, זאָל ער מיט זיינע גבאים איינשטעהן ביי דיר“—האָט זיך אפרים מיט דעם דערפרעהט און זיך געטראַכט: דאָס איז פאַר מיר אַ גוטער סימן, אַז ער וועט קומען צו מיר אין שטוב וועל איך איהם פרעגען און ער וועט מיר שוין זאָגען וואָס איך האָב צו טהון. און דער כזיבי׳ר האָט איהם בערוהיגט און געהייסען פאָלגען אליעזר׳ן זאָל ער זיך פערלאָזען אויף גאָט און זיך אָנלעהנען אויך אָן איהם און ער וועט מצליח זיין. האָט אפרים נישט געזוימט און געענטפערט אליעזר׳ן

אַז ער איז גרייט צו נעהמען אויף זיך דעם דאָזיקען ענין, וואָס ער לעגט אויס פאַר אין זיין בריעף. האָט איהם אָנגעזאָגט ער זאָל גוט אָב-טונג געבען אויף דעם גרויסען ענין, וואָס ווערט איהם אין האַנד אי-בערגעגעבען, און האָט איהם דערמאָהנט מיט גוטע רייד די פליכטען פון אַ פערוואַלטער און מיט אַ ווייך לשון האָט ער איהם אָנגעוויזען ווי אַזוי ער זאָל זיך פיהרען, האָט איהם אויך גע'חנפ'עט, אַז ער איז אַ הויפט-אָרענטליכער מענש און פערשטעהט אַ זאַך און אַז ער פערלאָזט זיך אויף זיין עהרליכקייט און פערשטאַנד איז ער רוהיג און זיכער — אליעזר האָט זיך דערפרעהט מיט אפרים'ס בריעף, וואָס ער האָט אַזוי אויסגעקוקט מיט אומגעדולד, און זיך גענומען צו דער אַרבייט גאָר גע-שמאַק, איז אַרומגעפאָהרען איבער שטעדט און דערפער צו קויפען תבואה און צו דינגען וועגענער און צו גרייטען אַלץ וואָס ער דאַרף. אליעזר האָט נישט געהאַט קיין בעסערע צייטען אין זיין לעבען ווי די דאָזיגע צייט, דעמאָלט איז ער געגאַנגען אין מסחר ביז'ן האַלז, און ווי ער האָט ליעב געהאַט איז ער אין דעם מסחר געשווימען גאָר ברייט, ביז אַהער האָט נאָך קיינער נישט געזעהן אַ מענש זאָל אַזוי שווימען אין ים פון מסחר ווי ער. קיין פערדיענסט האָט ער זיינע בעלי-בתים נישט געגעבען און שטענדיג האָט ער נאָר געפאָדערט געלד; שיק! און זיין בעל הבית לעדיגט זיך אויס זיין קעשענע, באָרגט זיך נאָך און שיקט און אליעזר האָט געהאַלטען אין איין שרייבען און בעפעהלען: שיק געלד, שיק געלד! צו ביסלעך, געלאַסען, און עס וועט זיין אַ גרויס פערמעגען פערדיענסט!

און אַז ס'איז שוין פערבייגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט מיט פוסטע האָפנונגען און אומזיסטען וואַרטען, האָט אפרים בעקומען אַ בריעף פון אליעזר'ן, אין וועלכען ער פערזיכערט איהם אַז נאָך אין אַ קורצער צייט אַרום וועט ער איהם רייך מאַכען מיט אַ גרויס פערמעגען, און אַז אַלע ווייץ-קויפער זענען איהם מקנא, וואָרום איהם איז געלינגען אָנצעקוי-פען אַ סך תבואה אין דער ריכטיגער צייט. און נאָך דער גוטער בשורה האָט ער איהם נאָך אָנגעזאָגט, אַז דאָ נישט לאַנג האָט איהם גאָט בע-שערט זעהר אַ גוט געשעפט פון וועלכען ער וועט באַלד האָבען זיין פער-דיענסט, דאָס איז: ער זאָל אין משך פון עטליכע חדשים צושטעלען ברויט פאַר די מאָבעליזירטע זעלנער וואָס געהן בעוואָפענט קיין טאַוו-ריע דורך כסלונעווקע. האָט גע'עצה'ט אפרים'ען ער זאָל דאָס האַלטען בסוד און אַרויסלאָזען זיך אין דער געגענד אַרום כסלונעווקע און פרי-

הער צוגרייטען ברויט אין די שטעדט און דערפער, דורך וועלכע די זעלנער וועלען דורכגעהן. און אזוי וועט ער טהון אין זיין געגענד און אזוי ארום וועלען זיי קענען צוגרייטען א סך תבואות און עסענווארג נישט צאהלענדיג טייער.

זינט אפרים האט זיך פערבונדען מיט דעם טאווריע־עסק, איז ער געווארען ווי א נארישע טויב און האט געטהון אלץ וואס אליעזר האט איהם געהייסען און איהם איינגערעדט. אפרים האט שוין מעהר נישט אין זינען געהאט זיין קראנקהייט און זיינע וועהטאגען, און איז אפט אוועקגעפאהרען פון דער היים און זיך געדרעהט דעם קאפ צו בעקו־מען געלד. וואס ער האט געדארפט. און ווי שטארק האט זיך אפרים געפרעהט אויף דער ידיעה אין אליעזר׳ס בריף, אז דער מסחר געהט גוט, און ס׳איז איהם שטארק געראטען. האט ער געטרייסט זיין ווייב שרה און זי דערפרעהט. נאך א שטיקעל צייט און ער וועט ווערען דער גרעסטער עושר. און מיט אזעלכע טרייסט־ווערטער האט ער גע־נומען דאס געלד וואס ער האט געהאט און אוועקגעפאהרען צו בלאנ־זשען איבער די תבואה־שייערען.

און אזוי ווי אפרים איז אזוי פערפארקעט, פערטערעראמט און גרייט צו עסען, האט זיך איבערן לאנד צעטראגען א געזאנג:

„אויס מלחמה! מענשען הערט
ס׳זיצט שוין צוריק אין שייד די שווערד
גרויס די הילף, ס׳איז שטיל אין לאנד
זינגט איהר מענשען פון רוסענלאנד!"

ס׳האבען זיך געפרעהט אלע מענשען און געשאלט פון גאט׳ס הילף, וואס ער האט אבגעשטעלט די מלחמה, מען זאל נישט אויפהיי־בען איינער קעגען אנדערען די שווערד אויסצע׳הרג׳ענען און אויסצע־מארדען טויזענדער מענשען. זאר אפרים׳ען האט אנ׳אומגליק געטראפען, ווארום אלע מיליטער טיילען זענען אוועקגעגאנגען צוריק אויף זייערע ערטער און טאווריע איז געווארען לעדיג ווי א ביידעל אין א גאר־טען אום ווינטער, אפרים איז געבליבען דארט מיט זעהר א סך תבואה און האט היזק געהאט א גרויס פערמעגען. אויך די מאבליזירטע זענען, לויט א בעפעהל פון דער מלוכה אויפגעהאלטען געווארען און נישט געגאנגען דורך די שטאדט וואו אפרים האט פאר זיי אנגע־גרייט עסען. זיי האבען גערוהט אויף איין ארט א לאנגע צייט, און ער איז געצווינגען געווען זיי צו שפייזען א סך חדשים, לויט׳ן קאנטראקט

וואָס ער האָט מיט זיי געשלאָסען, און אַזוי ווי אויף דעם אָרט זענען געווען אַ סך עסער, איז דאָרט יעדער עסענוואַרג טייער געוואָרען און אפרים איז שטאַרק בדלות געוואָרען!

דעמאָלט איז אויף אפרים׳ען געקומען אַ סך גרויסע צרות, איין אומגליק נאָכ׳ן אַנדערען. פון נאָהענט און פון ווייט — איינס נאָכ׳ן אַנדערען זענען זיי געקומען ווי מיט אַ סדר. אָנפאַנגס האָט ער געהאַט ביטערע יסורים פון זיינע נאָהענטע בעלי הובות וואָס האָבען איהם גלייך פּרומגעריגעלט, ווי נאָר דאָס אומגליק איז געשעהן. און נאָך דעם ווי ער איז מיט זיי פערטיג געוואָרען זענען אָנגעקומען די ווייטע בעלי חובות און איהם געסטראַשעט: אויב ער וועט נישט בעצאָהלען זייגע חובות וועלען זיי איהם איבערגעבען צום געריכט און וועלען פערנעהמען אַלץ וואָס ער פערמאָגט. — האָט אפרים געוויינט און זיך געבעטען זיי זאָלען איהם נישט אומברענגען. ווייל נישט ער איז דאָך שולדיג אין דעם וואָס ער האָט זיין פערמעגען פערלוירען ס׳איז דאָך אַ גזר פון גאָט. און האָט זיי פערזיכערט, אַז ווען גאָט וועט איהם העלפען, און די וואָס האָבען בייא איהם געבאָרגט אַמאָל, וועט ער איז געווען גאָר שטאַרק אין די פעדערען, וועלען איהם אָבצאָהלען די חובות, דעמאָלט וועט ער זיי דאָס געלד צעטהיילען — אָבער אומזיסט איז געווען זיין האָפנונג. און אויב פון דרויסען האָט מען איהם פערביטערט דאָס לעבען, איז איהם אין שטוב געווען ערגער ווי דער טויט. ער האָט שוין נישט מיט וואָס צו שפּייזען זיין הויזגעזינד. און די זילבערנע און גאָלדענע חפצים זענען געוואָרען ווייניגער פון צייט צו צייט. שרה האָט שוין לאַנג אויסגעטהון די גאָלדענע אויערינגג און שוין נישט אָנגעטהון איהר ציהרונג, ביסלעכווייז האָבען זיי זיך אָבגעזאָגט פון גוטס און פערגעניגען, ביז לסוף האָט זיי שוין אַלץ געפעהלט. אויסגעגאַנגען איז אפרים׳ס האַרץ פון טרויער קוקענדיג אויף רחל׳ען, זיין איינציגע טאָכטער, וואָס איז שטאַרק פערשוואַרצט געוואָרען, שוין צייט, זי איז שוין אַ מיידעל אין די יאָהרען, און זי האָט נאָך נישט חתונה געהאַט. ביז אַהער, האָט דער חתן, פרצ׳ס זוהן, געליטען אַ סך קראַנקהייטען און נאָך נישט געווען אין די יאָהרען, און אַצינד, ווען ער איז שוין געזונד געוואָרען און איז שוין אַ בחור כהלכה — איז דער כלה׳ס טאַטע פערערמט געוואָרען און ער פערמאָגט נישט צו געבען זיין טאָכטער דאָס, וואָס ער האָט צוגעזאָגט, דערוויייל פערציהט זיך די זאַך און ווער ווייס.

ביז וואנען? אלע צרות און אומגליקען האבען אפרים׳ען שטארק דער-גיעזעריגט, אז ער איז געווארען שטארק דערשלאגען און טרויעריג.

כח.

בערובט האט כעי אפרים׳ען

ווי דער שטייגער איז פון א גביר א יוד. האט אפרים ליעב גע-קריגען צו דערצעהלען פון זיינע גרויסע בריה׳שקייטען און זיין קענטשאפט מיט די גרויסע געלד-זעק און מיט שררות און פריצים, און צענויפ-קלויבען אלע בריעף און כתבים וואס האבען א שייכות געהאט אמאל צו זיינע מסחרים און שטענדיג לייענען זיי. דער זכר פון זיין גרויס-קייט און רייכקייט אמאל — דאס איז איצט זיין איינציגע טרייסט אין זיין ארימקייט.

איינמאל איז אפרים ארויפגעגאנגען אויפ׳ן אויבערשטען גארען וואו דער „אלטער" איז דארט איינגעשטאנען ווען ער איז געווען אין כסלונעווקע, און ער האט דערזעהן אז עפעס ווי א בריעף וואלגערט זיך אין א ווינקעל צווישען פערשיעדענע כלים און שמאטעס, האט ער זיך איינגעבויגען און אויפגעהויבען. און דער בריעף איז געשריבען פון אליעזר׳ן צום רבינ׳ס משולח נחמן. האט ער דעם בריעף געעפענט און געלייענט:

„שלום לאהובי, ידידי נאמני וכו׳ מהור"ר נחמן נ"יו

ראשית בין איך דיר מודיע, אז דיין פערלאנג וועט מיר געלונ-גען, מיר וועט זיכער געראטען צו איינרעדען א סך פון אונזערע שטאט בעלי-בתים, אז זיי זאלען אנטהון א כבוד דעם „אלטען" זאל לעבען און פערבעטען צו זיך אויף עטליכע טעג. און אז ער וועט דורכפאה-רען דורך די שטעדט זיינע. זאל ער צו זיי אויך אראבקומען. פרעה זיך, מיין טייערער נחמן, ווארום דו וועסט רייך ווערען און וועסט מא-כען א סך געלד אין אדעס, וואס איז א גרויסע האנדעלס שטאדט, וואו קיין אדמורי"ם זענען נאך נישט געווען. וועסט א סך בערייכערט ווע-רען דורך דער גרויסער שטאדט וואס איז א צענויפמיש פון א סך שטעדט.

אָהן פחד קענסטו דאָרט וואַרפען דיין ווענדקע צו פאַנגען מענשען און וועסט זיי אַריינכאַפּען אין דיין נעץ מיט זייער גאָלד און זילבער. זעה ליעבער נחמן, אַז איך האָב זיך נישט געפוילט אין מיין אַרבייט, איך האָב אַלץ געטהון, איך האָב צוגערעדט, איינגערעדט, אָבגענאַרט, איך האָב נישט גערוהט ביז איך האָב נישט געמאַכט דאָס וואָס דו האָסט פערלאַנגט.—און איצט, מיין טייערער. נאָכדעם ווי איך האָב דיר דאָס אַלץ מודיע געווען, הער זשע זיך צו אויך צו מיין קול און מיינע ווערטער. וואָרום נאָר פאַר דיר איינעם וועל איך עפענען דאָס האַרץ מיינס, און נאָר אויף דיר פערלאָז איך מיך, אַז דו זאָלסט מיר צו הילף קומען אין מיין נויט. איך וועל פאַר דיר נישט לייקענען, אַז פון מיין גרויס חשק צום מסחר און צו קריכען אין די הימלען ביים האַנ-דעל-וואַנדעל, האָב איך זיך גענומען צו מאַכען גאָר נישט קיין זיכערע גע-שעפטען אַבי נאָר ס׳איז געווען אַ האָפענונג אַז זיי זאָלען ברענגען אַ סך פערדיענסט. און אויב מיר האָט זיך געמאַכט אַזאַ געשעפט, האָב איך אין דעם שטענדיג אַריינגעלעגט דאָס געלד פון מיין בעל הבית. און אַז מיר האָט עס אָבגעגליקט האָט מיין בעל הבית גאָר נישט היזק געהאַט און איך האָב פערדיענט. אַזוי האָב איך אַלע מאָל געטהון. און ביז אַהער האָט עס מיר אָבגעגליקט. איצט אָבער בין איך אַריינגעפאַלען און איך האָב אַ גרויסע צרה. איך האָב איינעם אַ פּריץ אַוועקגעבאָרגט מיין גאַנץ געלד און אויך זעהר אַ סך פון בעל הבית׳ס געלד. און גע-האָפט גוט צו פערדיענען, און אַנ׳אומגליק! דער פּריץ האָט נישט גע-גליקט און היזק געהאַט זיין געלד און האָט מיר נישט מיט וואָס צו בעצאָהלען.

נאָר איין זאַך איז איהם געבליבען: אָנצונעהמען אַ פּאָדריאַד פון ברויט פאַר די זעלנער פון טאַוורייע אין דער שווערער מלחמה צייט, און אפשר וועט ער פון דעם געהאָלפען ווערען אויב ער וועט קענען קריגען גענוג געלד וויפיעל מען דאַרף דערו־ף. דעריבער אויב אפרים וועט מסכים זיין איהם אויסצובאָרגען נאָך אַ סך געלד און מאַ-כען מיט איהם שותפות דאָס געשעפט, וואָס איך וועל עס פיהרען, דעמאָלט אפשר וועל איך קענען מציל זיין מיין געלד און מיט אַ סך פּראָצענט נאָך, און אויב נישט—איז מיין גאַנצע האָראָוואַניע ביז אַהער אַרויסגעוואָרפען און מיין סוף איז זעהר אַ שלעכטער, און אַזוי ווי איך ווייס אַז אפרים וועט קיין זאַך נישט טהון ביז וואַנען ער וועט פריהער נישט פרעגען ביים אַלטען זאָל לעבען. און בפרט נאָך ביי אַזאַ ענין,

וואָס וועט איהם נישט געפעלען און וואָס קען איינשלינגען זיין גאַנץ פערמעגען—דעריבער בעט איך דיך טייערער נחמן, אַז דו זאָלסט מיר דאָס מאָל טהוען די טובה און מיר צו הילף קומען. רעד איבער מיט'ן אַלטען און גיב איהם צו פערשטעהן, אַז ווען אפרים וועט קומען צו איהם פרעגען, זאָל ער איהם עצה'ן, אַז ער זאָל מיך פאָלגען און שליסען דאָס דאָזיגע געשעפט, און זאָל איהם מבטיח זיין אַז ער וועט מצליח זיין. האָב עס גוט אין זינען בזמן... טהו מיר די טובה און שטעה מיר ביי אין מיין נויט! רעד איהם איבער און איך וועל אייער שכר נישט פערלייקענען...

פאַר אפרים'ען האָט זיך ענטפלעקט דאָס אָבנאַרעריי וואָס מען האָט איהם געגנאַרט, ער איז צוטומעלט און אַ פערהוילענער כח ציהט איהם ער זאָל לייענען ווייטער, ווי עפּעס ציהט תהום דעם מענשען וואָס שטעהט ביי זיין ברעג.

און ער לייענט ווייטער:

„געכטען האָב איך אייך געשיקט פון מיין שטאָדט פיער פעסלעך וויין, אַ מתנה פאַר'ן אַלטען זאָל לעבען, אָהן ספק, אַז ער וועט עס אין גיכען דערהאַלטען. דער וויין איז אַלט און זעהר גוט. און דיר, ידידי, האָב איך געשיקט אַ ביסעל פייגען, ראָזשענקעס און מאַנדלען; איך וויים דאָך, אַז דו האָסט זעהר ליעב די דאָזיגע זאַכען.—און פאַר ידידיה'ן, דיין קרוב, וואָס האָט מיר געבראַכט פון דיר אַ בריעף האָב איך געטהון וואָס דו האָסט מיך געבעטען. נאָר גרויס מיה און אַרבייט האָב איך איהם געמאַכט פאַר אַ שמש אין אַ שוהל. דעם אמת וועל איך דיר זאָגען, ידידי, אַז דער מענש מיט זיינע נאַרישקייטען איז פאַר מיר ווי אַ שווערע משא. פונקט דעמאָלס, ווען איך בין שטאַרק פערנומען און מיעד פון אַ סך אַרבייט, פערדרעהט ער מיר דעם קאָפּ מיט זיינע פּוסטע זאַכען און דערצעהלט מיר וועגען זיין גרויסקייט און גרויס הכמה. הייגט אין דער פריה, ווען איך שרייב דיר דעם דאָזיגען בריעף איז ער געקומען צולויפען מלא שמחה מכח אַ נייעם רעיון וועגען פלגש בגבעה און האָט מיר פערדולט דעם קאָפּ מיט זיינע שטותים. מיט דער האָפנונג אויף דיין הילף און די הילף פון איהם זאָל לעבען, אַז איהר וועט איבערגעבען אפרים'ען צו מיר אין די הענד אַריין און מיך אַרויסשלעפּען פון מיין צרה, ענדיג איך מיינע ווערטער און גרוס דיך. ידידך אליעזר."

די לעצטע ווערטער פון בריעף האָבען אפרים'ען אין גאַנצען

צוטומעלט, האָט ער אַרויסגעלאָזען אַ מורא׳דיגען אָכץ, ווי איינער וואָס פֿאַלט אַריין אין אַ טיפֿען גרוב און האָט פֿערלוירען די געדאַנקען.

און פֿון דעמאָלס אָן איז אפרים ווי צומישט געוואָרען. פֿלעגט זיצען און לייענען איין בריעף, וואָס ער האָט שטענדיג געהאַלטען ביי זיך אין קעשענע און ער האָט ביטער געזיפֿצט, אָדער ער איז גלאַט געזעסען אויף איין אָרט, שטיל שווייגענדיג, מיט אויסגעשטעלטע אויגען נישט געבענדיג קיין פּינטעל מיט זיי, און נאָר אַלע ווײַלע האָט ער שטאַרק אויסגעשפּיגען, האָט עפּעס זיך געררגז׳נט און געברומט און עפּעס נישט קיין קלאָרע ווערטער אַרויסגעבראַכט. און אַז שרה האָט איהם געשטערט און זיך אויסגעשריגען אויף איהם פֿאַר וואָס ער טהוט אַזוי, האָט ער זיך געזוכט צו דערווייטערען פֿון מענשען, און פֿערבאָרגען איז ער געזעסען איינער אַליין, האָט געשוויגען און געברומט און גע-שפּיגען אַלע ווײַלע וויפֿיעל איהם האָט זיך געגלוסט. פֿון טאָג צו טאָג זענען זיינע זיפֿצען שווערער געוואָרען און ער איז אַריינגעפֿאַלען אין גרויס מרה-שחורה, אַז ער האָט פֿערגעסען צו עסען. און איז נאָר געזע-סען פֿערזונקען אין זיינע געדאַנקען מיט אַ בייז פּנים. זיין טרויעריג פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז אַ סך געדאַנקען שטויסען זיך אין איהם און זיין האַרץ קען נישט רוהען; צייטענווייז פֿלעגט ער וויינען פֿון שלאָף און פֿון צווישען נישט קלאָרע ווערטער האָט מען בפירוש געהערט די נעה-מען: אליעזר, דאַווידזאָהן, נחמן. נישט אַנדערש ווי נאָר וועגען זיי האָט ער געטראַכט בייטאָג און זיי האָבען זיך איהם גע׳חלומ׳ט ביינאַכט. די מרה-שחורה האָט איהם קראַנק געמאַכט, אויסגעזויגען דעם מאַרך פֿון די ביינער און איהם אויך אַלט געמאַכט, ער איז געוואָרען גרוי, דער-נאָך האָט זיין בויך-קראַנקהייט זיך געשטאַרקט און ער האָט זיך גע-לעגט אין בעט אַריין!

די שטוב איז געוואָרען ווי אַ שיף אָהן אַ רודער. די חדרים זע-נען גרויס און לעדיג, עס זעהט זיך נישט דאָרט קיין שום טייערע זאַך, פּונקט ווי אַן׳אָבגעפֿליקטער אויסגעדאַרטער בוים, נישטאָ דאָרט די גוטע שעהנע געשניצטע טישען און בענקלעך; נישטאָ די טערקישע טע-פּיכער אויף דער פּאָדלאָגע און די פֿאָרהאַנגען אויף די פֿענסטער; נישטאָ די קריסטאַלענע לאָמפּען און די שעהנע שפּיגלען. לעדיג און לעהר איז דאָס הויז פֿון אַלע שעהנע זאַכען און די ווענד וויינען. דער ווינד בלאָזט אין פֿענסטער, אין שטוב זשווישעט די פֿליעג און פֿליהט זיך אַרום גאַנץ ברייטלעך. און דער שפּין מאַכט מיט די לאַנגע פֿיס

און וועבט זיין שפינוועבס ביים באַלקען, וואָס איז געשמירט מיט אייל-פאַרב און בעפּוצט מיט בלימעלעך.

אויפ'ן בית-עולם איז דער טויטער נישט אַזוי מורא'דיג און שרעקליך ווי צווישען לעבעדיגע וואָס געהן אַרום. און אויך דאָס אָרימקייט איז נישט אַזוי שרעקליך אין די אָרימע שטיבלעך, ווי אין די וואוינונגען פון די גבירים וואָס זענען זעהר פעראָרימט געוואָרען!...

אין ווינקעל צימער זיצט רחל פערוויסט און טרויעריג, איהרע ליפּען וואָס זענען אַמאָל געווען אַזוי רויט זענען איצט ווייס ווי שנעע און איהרע אויגען זענען רויט פון טרעהרען. איצט אייגענטלעך ווייסט זי נישט נאָר זי זיצט פערוויסט און טרויעריג, איז פערזונקען אין איהרע געדאַנקען און אַלע ווילע רייסען זיך אַרויס זיפצען פון איהר האַרצען. זי האָט איצט אַ סך וואָס צו טראַכטען, זי דערמאָהנט זיך אַלץ וואָס ס'איז מיט איהר אַמאָל געווען, איהרע גליקליכע צייטען ווען איהר אויסדערוועהלטער איז מיט איהר געווען אין זיין גרויסע ליעבע צו איהר, זי געדענקט זיין ליעבע און זיינע שעהנע קלוגע ווערטער, וואָס זי האָט פון איהם געהערט ווען זיי האָבען ביידע אין געהיים געשמועסט, זי דערמאָהנט זיך זיינע ליידען און פיין, ווי מען האָט איהם פערביטערט און פיינד געהאַט, איהם אַראָבגעזעצט פון זיין שטעלע, זי געדענקט דעם ביטערען טאָג ווען מען האָט איהר פערקנסט מיט עפּעס אַ פערגרעבט נאַריש יונגעל קעגען איהר ווילען און פערלאַנג— און אַז זי געדענקט דאָס, ווערט זי שטאַרק צעטומעלט. עס ווערט איהר שטאַרק ביטער אויף דער נשמה!

דער טאָג האָט געענדיגט צום פערגעהן און אַ גריל האָט זיך צעגרילט פון אַ שפּאַרע אין שטוב. נאָך דער גריל האָט אַ צווייטע גריל אַרויסגערוקט דאָס קעפּעל פון שפּאַלט און זיך צעקוויטשעט, אויך אַ זומער-פייגעלע האָט זיך בעוויזען און געפלויגען אַרויף און אַראָב פאָכענדיג מיט די שעהנע פליגעלעך. די פליגען האָבען זיך צום לעצטען מאָל אַרויסגעלאָזט צום טאַנץ אויף די פענסטער, האָבען געזשוזשעט און געמאַכט מיט די קעפּלעך. און פליהען אַרום איינציגווייז. פון דרויסען הערט זיך דאָס מעקען און מרוטשען פון די סטאַדעס וואָס געהן צוריק פון דער פּאַשע; דאָס מעקען פון די ציגען און שעפּסען וואָס לויפען אין געאיילעניש און האָפערדיג פאַר דער סטאַדע און הייבען אויף מיט די פיס אַ שטאַרקען שטויב; דאָס מרוטשען פון בהמות, וואָס געהן און מרוקען נאָך זייערע קעלבלעך, וואָס שטעהן איז די שטאַלען אין

די טראָגען פולע אייטערס, דאָס רעווען פון בוהא, מיט די אויסגע-שטעלטע הערנער וואָס שדכנט זיך צו צווי שעהנע קיה, פון דער בע-זואוסטער האָלענדישער פּאָראָדע, און פון צייט צו צייט גנב׳עט ער זיך אונטער צו כאַפּען אַ שפּיעל מיט אַ שעהנער יאַלעווקע, אַ בתולת נאָך, וואָס איז שוין אין דער צייט פון פערליעבען זיך, וואָס האָט שוין אָנ׳אייטער און די הערנערלעך שפּראָצען איהר שוין. און די כסלונעוו-קער פּיינע ביקלעך געהן איהר נאָך, שמעקען צו איהר און זוכען איהר ליעבשאַפט, און זי שטעכט זיי מיט איהרע גלייכע הערנערלעך פער-רייסט דעם וויידעל און לויפט זיך גרינג, און באַלד לאָזען זיך נאָך איהר לויפען אַלע ליעבהאָבער איהרע און שפּרינגען צווישען די תמ׳ע-וואַטע בהמות, וואָס שפּאַנען זיך געלאַסען מעלה-גרה׳דיג און מאַכען זיך נישט וויסען.

אַ פינסטערער טרויער בעפאַלט רחל׳ען און דאָ קומט אַריין די דיענסט און דערלאַנגט איהר אַ בריעף. האָט זי זיך געאיילט און געע-פענט דעם בריעף און אין איהם אַזוי געלייענט:

„טייערע חבר׳טע! היינט איז צו אונז געקומען אַ גאַסט, אונזער חבר און שמעונ׳ס חבר, ער וויל דיר זעהן און דיר עפּעס איבערגע-בען פון שמעונ׳ען. וועסט הערען די גרויסע זאַכען וואָס ער דערצעהלט דיך אָן וועגען שמעונ׳ען, און וועסט קוועלען הערענדיג. קום צוגעהן, קום מיין פריינדין, מיר וואַרטען אויף דיר. דיין פריינדין דינה.“

כט.

ביי יוכבד׳ן אין שטוב.

ביי יוכבוד׳ן אין שטוב איז ליכטיג ווי אין דער ערשטער נאַכט יום-טוב. דער טיש איז געגרייט און עס שטעהט אויף איהם אויסגעשטעלט אַלערליי מאכלים: געבעקס, געדעמפּטס, פרוכטען, מילך און פּוטער. יוכבד גיסט אָן טעה און דינה דערלאַנגט פאַר די צווי מאַנספערשוי-נען וואָס זיצען ביים טיש.

—עסט, ליבע!—זאָגט יוכבד־ פערזיכט מיינע געבעקס און האָט האנות

—איך ווייס עס שוין פון לאַנג, אַז איהר זענט אַ'אשת-חיל. און אייער געבעקס-איז מעדני-מלך—האָט איינער געזאָגט—די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין מאָסקווע האָב איך געדענקט די פיש וואָס איך האָב ביי אייך אין כסלונעווקע געגעסען, עס זענען מיר געלעגען אין טעם אייערע מאכלים, די חלות, די קיכלעך, די לאַטקעס און די קניזשעקלעך אָנגעפיהלט מיט קאַשע און מיט הינערען שמאַלץ.

—אַ דאַנק דאַווידזאָהנ'ען וואָס עס געפעלט איהם אַזוי מיינע מאכלים—האָט יוכבד געענפערט—איך אָבער מיין, אַז נישט צוליעב מיי-נע מאכלים איז די שמחה אַזוי גרויס מיט דעם וואָס איהר זענט צו אונז געקומען.

—מאַמע!—האָט זיך דינה ווי געבייזערט—זינט דאַווידזאָהן איז גע-קומען האָט איהם יונתן צו זיך אין צימער אריינגענומען, דאָרט זיצען זיי און שמועסען און מיר ווייסען פון גאָרנישט צו זאָגען.

—זיי נישט בייז דינה און זיי נישט אָנגעבלאָזען אויף מיר—האָט יונתן געזאָגט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל.—מיר האָבען נאָר פערבראַכט אין אַ חבר'ישען שמועס, און וועגען איהם וועט ער אונז איצט דער-צעהלען, ווי ער האָט צוגעזאָגט. זאָל מיין חבר זאָגען, צו איך זאָג ריכטיג.

אַזוי ווי זיי רעדען אַזוי און רחל איז אריינגעקומען, האָט דער-זעהן דאַווידזאָהנ'ען און איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען, פון פלוצ-לונגער פרייד און גרויס וואונדער און נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויס-רעדען. דאַווידזאָהן איז איהר אַקעגען געלאָפען האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנד, און זי אַוועקגעזעצט ביים טיש.

—אַ גרוס פון שמעונ'ען צו אייער פאָטער און צו אייך, זיין שוועסטער, און אַ גרוס אייך, מיין פריינדען, אויך פון מיר!—האָט דאַ-ווידזאָהן געזאָגט צו רחל'ען, ווען זי איז צו זיך געקומען.

—איך האָב נישט קיין ווערטער אייך אָבצודאַנקען פאַר אייער גוטען גרוס—האָט רחל געזאָגט און איהר פנים האָט געשיינט — וואָס מאַכט מיין ברודער? וואָס טהוט ער?

—איך קען אייך אָנזאָגען, מיין פריינדין, אַז איהר האָט אַ ברודער אַ געלעהרטען, וואָס האָט זעהר אַ סך אויפגעטהון. דאָס יאָהר איז ער אריין אין לעצטען אַכטען קלאַס, און וועט ענדיגען זעהר גוט. אַלע בעקאַנטע זיינע האָבען איהם שטאַרק ליעב און זיינע עלטערען וועלען זיך מיט איהם פרעהען. ער בענקט שטאַרק אַהיים, און בעת די „קאַני-

קולעס״, האָט ער צוזאַמען מיט מיר געוואָלט קומען אַהער, נאָר עפּעס אַ זאַך האָט איהם דאָרט אָבגעהאַלטען און נאָך אין אַפּאָר טאָג אַרום וועט ער קומען.

—איהר האָט מיר דערקוויקט—טייערער פריינד—האָט רחל געזאָגט און טרעהרען פון פרייד האָבען זיך בעוויזן אין איהרע אויגען. — די דאָזיגע בשורה וועט אויך מיינע עלטערען דערקוויקען.

—אַז איך וועל דאָ פערטיג ווערען מיט מיינע געשעפטען—וועל איך האָבען די עהרע צו בעזוכען אייער פאָטער.

—מיין פאָטער, וואָס האָט אייך שלעכטס געטהון?!

—גאָט האָט עס איבערגעקעהרט אויף אַ טובה פאַר מיר.

—איצט וועל איך פרעגען די קשיות—האָט יונתן געזאָגט מיט אַ שמייכעל און זיך אויפגעשטעלט—מיט וואָס איז פערענדערט די דאָזיגע נאַכט פון דער נאַכט פון פסח? איך אַליין פרעג און איך אַליין ענט-פער: אין דער נאַכט פון פסח זאָגט מען פריהער די הגדה און דערנאָך עסט מען, און די נאַכט—וועט די הגדה זיין צום לעצט. דערצעהל דאַ-ווידזאָהן, דערצעהל וואָס האָט מיט דיר פאַסירט פאַר דער צייט וואָס דו האָסט אונז פערלאָזט און מיט וואָס בעשעפטיגסטו זיך אַצינד?

—איך וועל אויך זאָגען ווי דו,—האָט דאַווידזאָהן געענטפערט—מיט וואָס איז פערענדערט די נאַכט פון דער נאַכט פון פסח? אין דער נאַכט פון פסח, דערצעהלט מען וואָס מעהר, ווארום צומאָרגענס איז יום-טוב און מען רוהט פון אַרבעט, און די נאַכט—וואָס ווייניגער מען דערצעהלט איז בעסער, ווארום מאָרגען איז אַנ׳אַרבייטס-טאָג און יעדער האָט צו טהון זיין אַרבייט, דעריבער וועל איך עס מאַכען קורץ

ווען איך בין אַוועק פון כסלונעווקע, איז מיר געווען זעהר בי-טער, נישט בלויז פון דעם וואָס מיין שטעלע אַלעס לעהרער איז פון מיר צוגענומען געוואָרען, נאָר אויך דערפאַר, וואָס איך האָב איצט שוין נישט געקענט העלפען אונזער יוגענד, וואָס דאָס איז געווען מיין איינ-ציגער פערלאַנג און מיין גאַנצער ציעל ווען איך בין געווען לעהרער. אַ לאַנגע צייט האָב איך נישט געוואוסט וואָס צו טהון, בין געווען דערשלאָגען און געווען אויפגעבראַכט אויף דער שלעכטקייט פון מענ-שען וואָס האָבען מיר אַראָבגעזעצט פון מיין שטעלע אומזיסט און אומ-נישט, דערנאָך בין איך געקומען צום שכל און פערשטאַנען, אַז אומזיסט קלאָג איך זיך. ווארום דאָס איז שוין אַנ׳איבעריגער געזעץ, אַז מיט כח קען מען אַלץ אָבטהון. און דאָס געלד—איז דאָך אַ גרויסער כח, ווער

עס האָט געלד, דער האָט די מאַכט. ווענינגסטענס איז דאָס אַזוי צווי־שען יודען. אַ יוד, אַ גביר, וואָס ער וויל קען ער אויספיהרען. איך זעה דאָס פון מיר אַליין. איך האָב געלערענט, האָב אַ סך געלערענט און פערשטאַנען, איז געקומען אַ יוד אַ גביר, וועמען איך בין נישט געפער־לען, האָט אַ בלאָז געטהון אין מיר און איך בין ווי אַ ווערמעל אַוועק־געבלאָזען געוואָרען פון מיין אָרט! און די וואָס האָבען זיך אונטערגע־שריבען אויף דער מסירה, וואָס מען האָט אָנגעשריבען ווייל ער האָט געהייסען. זענען געווען אַ סך וואָס האָבען מיר קיינמאָל נישט געקענט און אויך אַזעלכע וואָס זענען געווען פון מיינע מענשען. דאָס האָט מיר אויסגעלערענט צו פערשטעהן, אַז נאָר מיט כח קען גובר זיין אַזאַ מענש ווי איך, וואָס האָט אין זינען די טובה פון זיין פאָלק, וואָס וויל בילדונג און נוצען ברענגען. און דער כח איז ביי אונז נישׁ־טאָ, נישט ביים לעהרער און נישט ביים געלעהרטען אָרימאַן, נאָר ביים רייכען סוחר. איך האָב מיר אויך צוגעקוקט צום בעשטאַנד פון די יו־דען צווישען די פעלקער און איך האָב געזעהן, אַז אַלע אַרבייטען זענען פון איהם ווייט, און נאָר צום מסחר איז זיין האָפענונג, און דעריבער האָב איך מיר געטראַכט: דער מסחר — דאָס איז דער וועג וועלכען איך דאַרף זיך אויסקלויבען!

האָב איך זיך בעהעפט צו אַ חברה סוחרים, וואָס זענען געפאָה־רען אין טאַווּרישער גובערניע. וואו ס'איז פאָרגעקומען די מלחמה פון די רוסען מיט די דריי פעראייניגטע שטאַרקע מלוכות, גאָט האָט מיר געגעבען חן אין די אויגען פון קאָמאַנדיער וואָס האָט צו שאַפען אי־בער דער „אינטענדאַנטסווע" און ער האָט מיך צוגענומען צו דער אַר־בייט. בין איך ביי איהם געווען אַ שרייבער און אַ סעקרעטאַר. איך האָב איהם געשריבען זיינע בריעף אויף פראַנצויזיש און ענגליש. און מיין אַרבייט אָבגעהיטען. ער האָט מיר אויך דערפאַר גוט בעצאָהלט, זעהר גוט געצאָהלט. און ווען די מלחמה האָט אויפגעהערט, האָט ער מיר געשיקט קיין מאָסקווע, צו זיינעם אַ גוטען חבר, וואָס איז בע־וואוסט מיט זיין עשירות און מיט זיין גרויס געשעפט. האָט מיר מיט־געגעבען צו איהם אַ בריעף אין וועלכען ער האָט מיר שטאַרק געלויבט און געבעטען, אַז ער זאָל מיר אַריינעהמען אין געשעפט צוליעב זיין אייגענער טובה. דער סוחר האָט מיט פרייד מיר צוגענומען, גאָט האָט מיר געהאָלפען און וואָס איך האָב געטהון האָט ער דורך מיר מצליח געווען און איך בין איהם גאָר שטאַרק געפעלען. און דורך די זריי

יאָהר וואָס איך דיען ביי איהם, בין איך געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער און מיין פענסיע איז אַלץ געוואַקסען און מיט גאָטס הילף האָב איך איצט אַ סך. איצט פאָהר איך אין שליחות פון מיין בעל-הבית צו עפענען פיליעס און פערברייטערען זיינע געשעפטען אויף דרום-רוסלאַנד, און זיך בערעכענען מיט די סוחרים. מיט וועלכע ער האנדעלט. און צוליעב דעם בין איך געקומען אַהער און איך פרעה זיך צו זעהן מיט אייך, טייערע פריינד!

ואַ פרייד געשריי האָט אויסגעבראָכען פון אַלע פריינד, האָבען זיי אָנגעגאָסען די גלעזלעך מיט ווײן און געטרונקען פאַר׳ן געזונד פון טייערען גאַסט!

—וויפיעל רעכענט איהר צו פערזוימען אין אונזער שטאָדט.—האָט רחל געפרעגט דאַווידזאָנ׳ען מיט אַ דערשלאָגען געמיטה, איידער זי איז אוועקגעגאַנגען. און אַראָבגעלאָזט די אויגען.

—דאָס געװענדט זיך אין—נישט אין מיר—האָט דאַווידזאָהן גע-זאָגט, האַלטענדיג רחל׳ס האַנד און דאָס קול האָט איהם געציטערט פון האַרץ-קלאַפעניש און ליעבעס-געפיהלען—אויב איך וועל בעקומען דאָס וואָס איך גאַר... בעזען איך מיר דאָ און איך וועל זיך דאָ איינאָרדע-נען...

ל.

ר׳ אפרים׳ען אין הויף.

אַ קראַנקער און אַ ליידענדער איז אפרים געלעגען אין צימער אויפ׳ן קראַנקען בעט; דאָס פענסטער איז געווען פערהאַנגען מיט אַ גרין מלבוש און דאָס האָט געוואָרפען אַ גרינע ליכט אויפ׳ן קראַנקענס בלייכען פנים און דאָס האָט זיין געזיכט נאָך מעהר פערענדערט. אין צימער הערשט אַ מורא׳דיגע שטילקייט וואָס ווערט געשטערט דורכ׳ן קלאַפען פון זייגער, וואָס ליעגט אויף אַ קליין טישעל, נעבען די פלעשלעך מיט רפואות און שוואַכע זיפצען, וואָס רייסען זיך אַלע וויילע אַרויס פון אפרים׳ס האַרץ, ווי ער וואָלט געשלאָפען מיט אָפענע

אויגען; ווי אויך פון שטילען וויינען און זיפצען פון שרה'ן וואָס דיצט איינגעקאָרטשעט און טרויעריג נעבען איהר מאַנס בעט, כדי אויף איהם אַכטונג צו געבען. איהרע אויגען זענען רויט פון וויינען און פון נישט שלאָפען דורך די נעכט, איהר פנים איז פאַר דער צייט איינגעקנייטשט געוואָרען אַזוי, אַז אַלע וואָס זעהן זי שאָקלען אויף איהר מיט די קעפּ און בעדויערען זי: אָט דאָס איז שרה?! אָט דאָס איז די צאַרטע און גליקליכע וואָס מען האָט געזאָגט אויף איהר, אַז זי לעבט זיך גוט און שאַפט זיך אין איהר שטוב! שוין לאַנג, אַז זי האָט אויפגעהערט צו שאַפען איבער איהר הויז, אויפגעהערט—וואָרום זי האָט שוין נישט קיין משרתים מיט וועמען זיך צו שאַפען און זי איז פערקרעמט! שוין נישטאָ קיין עופות אין שטייג און קיין שפּייז אין איהרע שפּייכלערס, איהרע בופעטען זענען שוין נישט אָנגעפּאַקט מיט כל הגוטס. רחל בעט זיך ביי איהר: מאַמע, געה מאַמע, געה, לעג זיך צו שלאָפען נאָך די ביטערע נעכט פון זיצען וואַך,—און זי פאָלגט איהר נישט און פערלאָזט נישט איהר אָרט.

אפרים ברענט אין היץ, דרעהט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער און עס ווערט איהם נישט גרינגער. ער זעהט ווילדע זאַכען און רעדט נישט פערשטענדליכע ווערטער, „אַנטלויפט, ווערט אַנטרונען און בעהאַלט זיך פאַר די פלעז'ער-מייז!—שרייט ער פון היץ.—זיין געשאַרפטע שווערד איז ביי מיר, איך האָב דעם קאָנטראַקט, אין איהם ווער איך פערקויפט להשמיד ולאבד, אַלע זענען מיר פערקויפט!.. היט די שווערד, דעם דאָזיגען קאָנטראַקט! פערשליעסט פאַר מיר די טהיר, וואַרט אַ ווײַלע, שרה, וואַרט ביז דער גרויסער פלעדערמויז וועט אַוועק. די נשמה מיט'ן פלייש פרעסט ער אויף! מיין פלייש איז נאָך צווישען זיינע צייהן און מיין נשמה אין זיין האַנד... נעהמט צו זיינע פאות, נעמט צו די האָהר פון מיינע אויגען, זיי שטעכען מיר ווי שפּיזען! אָט, אָט זענען די האָהר, וואָס איך האָב אויסגעפליקט צו ברענגען זיי אַ קרבן פאַר די הייליגע חיות... נעהמט צו, נעהמט צו, נעהמט צו די האָהר פון מיי'נע אויגען! אָדער שטעכט מיר אויס די אויגען. איך זאָל נישט זעהן זיינע אויגען וואָס שוועבען דאָרט!... גיט איהם ברויט און וואַסער, וואָס זיין פרנסה איז איהם צוגענומען געוואָרען. שוין לאַנג אַז ער האָט נישט נעגעסען און נישט געטרונקען!... אוי, וואָס בלישטשען אַזוי צו מיר זיינע אויגען, דאָרט אין ווינקעל!... לייענט איבער וואָס דאָרט שטעהט געשריבען אויפ'ן ביישטיבדל מיט פערשידענע

אותיות: „אַ נפש פאַר אַ נפש, הונגער פאַר הונגער!"—אַזעלכע רייד האָט אפרים געהערט מיט אַ שווער געמיטה, ביז גאָט האָט זיך דערבאַרעמט אויף איהם, אויף זיין ווייב און טאָכטער וואָס זענען שטאַרק דערשראָקען געוואָרען פון זיינע רייד. איהם איז אַביסעל גרינגער געוואָרען און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

—וואַסער!—האָט אפרים געבעטען.

שרה האָט איהם געגעבען צו טרינקען אַ ביסעל וואַסער און דערביי עפּעס שטיל געשעפּטשעט.

אפרים האָט זיך שטאַרק פערקרומט ווי ער וואָלט געטרונקען ביטערע וואַסער. דערנאָך האָט ער מיט זיין האַנד אָנגענומען רחל'ס האַנד און מיט זאָרג געקוקט דאָ אויף איהר און דאָ אויף זיין ווייב, וואָס איז געזעסען ביי זיין בעט.

„גאָט איז דער פאָטער פון יתומים און דער דין פון אלמנות"—האָט אפרים ביטער אַ זיפץ געטהון.

די טרעהרען האָבען אָנגעהויבען רינען פון רחל'ס אויגען און זי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען פון צו צעוויינען זיך.

—שטאַרק זיך—האָט שרה געטרייסט איהר מאַן מיט אַ וויינענדיג קול—האָף צו גאָט, וואָס ער היילט די קראַנקע יודען, אַז ער וועט דיר אויך ברענגען אַ רפואה שלמה צו אַלע דיינע וועהטאָגען און מיר וועלען אין גיכען זוכה זיין צו פיהרען אונזער טאָכטער צו דער חופה.

אפרים האָט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ און אָבגעזיפצט.

—דער „אַלטער"—האָט שרה ווייטער גערעדט—האָט דיר געשיקט אַ ברכה פון כזיב, און האָט געהייסען דיר געבען צו טרינקען דאָס וואַסער פון געקאָכטע הושענות און זיבען מאָל דערביי זאָגען הין און צוריק דעם דאָזיגען שפרוך „ינא ד' כאפור, אל הנאת כילא הער. הער כילא הנאת כאפור ד' ינא (פערקעהרט די פסוקים: אני ד' רופאך, לא תאנה אליך רעה) און דיך רופען מיט אַ נייעם נאָמען, דו הייסט שוין מעהר נישט אפרים נאָר ישעיה משה. אָהן ספק, אַז מיט אַזעלכע טייערע סגלות וועסטו אינגיכען געהיילט ווערען, נאָר פאָלג דיין ווייב ישעיה משה, און טרינק אַ סך דאָס וואַסער פון די געקאָכטע הושענות.

אפרים האָט אָבגעזיפצט און ווידער אַמאָל געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

—וואָס קרעכצסטו ישעיה משה?—האָט שרה געזאָגט מיט אַ זיפץ —געדענק, אַז ביזט אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ טאַטע פון קינדער און שטאַרק זיך. קוק אויף דיין טאָכטער, שוין צייט זי חתונה צו מאַכען

און זי זיצט פערוויסט! שטאַרקע זשע זיך ישעיה משה. שטאַרק זיך, ווער געזונד און שטאַרק און מיר וועלען פיהרען אונזער טאָכטער, אונזער רחל'ען צו דער חופה דעם ראש חודש תמוז נאָך, וואָרום פרץ יאָגט אונז אין זיינע בריעף און פרעגט: וואָס שווייגט איהר, וואָס?... היינט איז אויך אָנגעקומען פון איהם אַ גרויסער פערמאַכטער בריעף, דער קאָפּ איז מיר אָבער פערשלאָגען, האָב איך איהם אַוועקגעלעגט און איך ווייס נישט וואו ער איז, איך בין דאָך ווי דער'הרג'עט און דער קאָפּ מישט זיך מיר, געה טאָכטערשי—האָט זי געזאָגט צו רחל'ען —געה, זוך אויס דעם בריעף און ברענג איהם אַהער.

רחל האָט פּאַמעליך אַרויסגעצויגען איהר האַנד פון טאַטענס האַנד און איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ ביטער האַרץ, צו זוכען דעם בריעף, וואָס איז איהר געווען דערוויעדער.

—אַ זיסער שלאָף איז בעפאַלען אפרים'ען און ער איז איינגע-שלאָפען.

„ינא ד' לאפור וכו'"—האָט שרה געשעפטשעט מיט תמימות זיי-ענדיג זיכער אַז דערמיט ווערט איהם גרינגער.

—האָסט נאָך נישט געפונען, רחל. דעם בריעף?—האָט שרה גע-פרעגט אַרויסגעהענדיג פון צימער.

—כ'האָב אויסגעזוכט די גאַנצע שטוב און איך האָב איהם נישט געפונען—האָט רחל געענטפערט.

—קום,—האָט שרה געזאָגט—לאָמיר זוכען אין שאַנק, אפשר האָב איך איהם דאָרט אַוועקגעלעגט איילענדיג זיך.

שרה מיט רחל'ען האָבען בעטאַפּט אַלע קליידער אין שאַנק, און אַ בריעף איז אַרויסגעפאַלען. האָט שרה דערזעהן אַז דער בריעף איז פון אליעזר'ן און זי איז דערשראָקען געוואָרען.

—אויסגעריסען זאָל ער ווערען, אָט דער אליעזר, וואָס האָט אונז אומגליקליך געמאַכט!—האָט זי געשאָלטען מיט צאָרן און מיט'ן גאַנצען כח אַוועקגעשליידערט דעם בריעף, און צוריקגעגאַנגען צו איהר מאַן אין צימער אַריין.

אפרים איז נאָך געשלאָפען מיט'ן פנים צו דער וואַנד. און פּלוצ-לונג האָט זיך דערהערט עפּעס אַ געשריי אין שטוב, אַ קושען זיך און אַ געשריי: אוי ברודער, אוי שוועסטער! שרה איז צערודערט געוואָרען, האָט געעפענט די טהיר און דערזעהן! שמעון איהר זוהן שטעהט פאַר איהר, האָט זי צו איהם אויסגעשטרעקט די האַנד, האָט אַ געשריי

געטהון און געפאַלען חלשות.

אַ בהלה און אַ טומעל! שרה חלש'ט, שמעון און רחל זענען שטאַרק צערוישט. אין דער טהיר שטעהט אפרים. ער זעהט אויס שלעכט, זיי-נע אויגען זענען געזונקען טיעף אין זייערע לעכער און ער איז דאַר, איינגאַנצען ווי אַ שטעקען, פון מורא'דיגען געשריי און גערויש וואָס ער האָט פלוצלונג דערהערט, איז ער אַ דערשראָקענער אַראָב פון בעט און גיך פון זיין צימער אַרויסגעקומען.

—אוי טאַטע!—האָט שמעון אויסגעשריגען אַ צערודערטער.

אפרים האָט געקוקט אויף שמעונ'ען מיט ברענענדיגע אויגען, האָט אַ ציטער געטהון און אָבגעקעהרט דאָס פנים, און באַלד האָט ער ווי-דער אויף איהם אַ קוק געטהון און אין זייערע אויגען האָט אַ בלישטשע געטהון אַ הייסע טרעהר ווי בליי וואָס צעגיעסט זיך אין פייער.

אויב נישט זיין דאַר פנים, האָבען אָבער זיינע אויגען עדות גע-געזאָגט, אַז געפיהלען פון פערדראָס און ליעבע, כעס און רחמנות שטויסען זיך אין איהם, דערזעהענדיג זיין זוהן.

—טאַטע, טאַטע מיינער.—האָט שמעון אויסגעשריגען פון טיעפען הארצען און זיך געלאָזט צו איהם.

—אויב איך בין אַ טאַטע, וואו זשע איז מיין כבוד?—האָט אפרים ביז געזאָגט און זיך אָבגערוקט.

שרה האָט געעפענט איהרע אויגען און געקוקט מיט וואונדער איין רגע אויף שמעונ'ען און איין רגע אויף אפרים'ען, זי איז ווי צע-שטאָרט געוואָרען פון דעם וואָס זי האָט געזעהן.

—דאָס איז ער, דאָס איז ער!—האָט אפרים אַרויסגעשריגען מיט אַ ביטער קול וואָס האָט צעריסען דאָס הארץ, ווייזענדיג מיט'ן פינגער פון ווייטענס אויפ'ן בריעף וואָס שרה האָט אַוועקגעוואָרפען, און ער האָט זיך געוואַלגערט אונטערען טיש אין ווינקעל שטוב—נעהמט איהם, נעהמט דעם דאָזיגען קאָנטראַקט, הייבט איהם אויף און היט איהם! אין איהם בין איך פערקויפט געוואָרען, אַלע זענען מיר פערקויפט גע-וואָרען!... גיכער, שטעהט נישט!

שמעון איז צוגעגאַנגען און אויפגעהויבען דעם בריעף

—קום צוריק, קום צוריק!... פערלאָז מיך נישט, זוהן מיינער... פערלאָז מיך נישט אויף דער עלטער!—בעט זיך אפרים, און שטאַרקט זיך צולויפען נאָך שמעונ'ען, און ווי נאָר ער האָט זיך געריהרט פון אָרט, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און געפאַלען.

איגגיכען האָט מען אפרים'ען אָוועקגעלעגט אויף זיין בעט, איהם איינגעגעבען די רפואות און ער איז איינגעשלאָפען געוואָרען.

א'.

שלום צווישען עלטערען און קינדער.

אַז שמעון האָט ביינאַכט אויף זיין געלעגער איבערגעלייענט דעם בריעף, וואָס ער האָט היינט אויפגעהויבען פון אונטערען טיש, און האָט געזעהן וואָס אליעזר און נחמן האָבען אָבגעטהון זיין פאָטער—איז ער שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען און נישט געקענט קיין אויג צו מאַכען און אַז די מוטער איז צו איהם אין צימער אריינגעגאַנגען אין דערפריה, צו זעהן וואָס ער מאַכט, האָט ער איהר אָנגעוויזען אויף דעם בריעף, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד און געזאָגט:

—איצט פערשטעה איך וואָס דער טאַטע האָט גערעדט. איצט איז מיר אַלץ קלאָר, דער בריעף איז טאַקע אַ קאָנטראַקט. אין וועלכען מיין אומגליקליכער פאָטער איז פערקויפט געוואָרען.

—מיין ביטער הארץ, מיינע אַלע צרות זאָל אויסגעהן צו אליעזר'ס קאָפּ—האָט שרה געשאָלטען—זאָל אַ רוח אין זיין טאַטענס טאַטען אריין! ער האָט מיך פערקויפט און צוגענומען אונזער געלד.

—נישט ער אַליין — האָט שמעון געזאָגט —ביידע האָבען איהם פערקויפט.

—איך וויים נאָר איהם, ער איז איינער וואָס האָט אונז בעראַבעוועט. אַלע וועהטאָגען און אַלע מכות פון מצרים זאָל אויף איהם קומען!

—אויב אליעזר'ן קומט צעהן מכות, זאָל קומען אויף נחמנ'ען צוויי הונדערט און פופציג מכות. וויל ער האָט אונז מעהר שלעכטס געטהון.

—קינד מיינס, וואָס רעדסטו!—האָט שרה אויסגערופען און געקוקט אויף שמעונ'ען מיט גרויס וואונדער און דאָס קול האָט געציטערט פון שרעק און פחד—קינד מיינס רעד נישט אַזעלכע ווערטער.

—נישט איך, מאַמע, נאָר דער בריעף בעשולדיגט איהם, דער בריעף זאָגט עדות אין נחמנ׳ען און דעקט אויף זיינע זינד—האָט שמעון געזאָגט און פאַר דער מוטער איבערגעלייענט דעם בריעף.

—וועה, וועה איז מיר! — האָט שרה געשריגען און פערבראָכען מיט די הענד—שוין נישטאָ קיין אמת און קיין געטריי-גלויבען... די וועלט איז פערדאָרבען!

—דעם מענשענס נאַרישקייטען פערדרעהען איהם דעם קאָפּ צו גלייבען אין פוסטע זאַכען און זיך פערלאָזען אויף ליגענט—און אַז ער ווערט געשטרויכעלט, לאָזט ער אויס זיין האַרץ צו דער גאַנצער וועלט און זאָגט אַז זי איז פערדאָרבען און ס׳איז גאָר קיין אמת נישטאָ. אָבער זיי ווייסען, מאַמע, אַז ס׳איז פערהאַן אמת אויף דער וועלט, און די וואָס זענען געשטרויכעלט געוואָרען און קלאָגען זיך, זאָלען זיי זאָגען, צי האָבען זיי דעם אמת געזוכט? און איצט מאַמע, אָט וואָס איך בעט דיך, נאָכדעם ווי דיינע אויגען האָבען זיך געעפענט צו זעהן, אַז דו האָסט פערבלאָנזשעט צו גלייבען אין די פאַלשע מענשען ווי אליעזר און נחמן, זאָלסטו איצט בעטראַכטען, אַז דו האָסט געבלאָנזשעט אויך מיט דעם וואָס דו האָסט נישט געקענט פערליידען אַזעלכע עהרליכע מענשען ווי דאַווידזאָהן. איך האָף, אַז איך וועל דיר דערצעהלען זיין גרויסקייט און זיינע גוטע מעשים און וואָס ער רעכענט צו טהון וועסטו ווייסען, אַז ער איז אַ פיינער מענש און דו וועסט איהם שעצען און עהרען.

—איך האָב טאַקע אַ כך געהערט וועגען איהם די צייטען, און אויב רחל האָט וועגען איהם דערצעהלט פאַר׳ן פאָטער, פונדעסטוועגען וויל איך אויך הערען פון דיר.

שמעון האָט לאַנג און שטאַרק געלויבט דאַווידזאָהנ׳ען ווי זיין ווערט, און דערצעהלט זיינע גוטע מעשים פאַר דער מוטער, ער האָט איהר דערצעהלט, אַז דאַווידזאָהן האָט ליעב רחל׳ען און אַז צוליעב איהר האָט ער בדעה צו גרינדען דאָ אַ גרויס געשעפט אויפ׳ן נאָמען פון דאַווידזאָהן און כרמולי און זיין זוהן— דאָס איז שמעון— וואָס זאָל זיין אַ שותף צו איהם, כדי אויפצושטעלען צוריק זייער נאָמען וואָס איז געפאַלען. שרה האָט עס געהערט און זיך געפרעהט אין הארצען. און איז צוריק אַריין צו אפרים׳ען אין צימער.

נאָך אַ ווײַלע און דאַווידזאָהן איז געקומען, האָט מען אפרים׳ען געזאָגט, אַז דאַווידזאָהן וויל איהם זעהן. האָט ער איהם געהייסען

אריינרומען, האָט שמעון געאײלט אַרײנצופיהרען דאַווידזאָהנ׳ען צום פאַטער.

אפרים איז געלעגען אויף דער זייט אָנגעלעהנט אויף קישענס, נעבען איהם אויף אַ שטוהל איז געזעסען רחל מיט רויטע אויגען פון טרעהרען און אויף איהרע לויטערע באַקען האָט זיך געצויגען אַ טונקעל סטעטשקעלע פון טרעהרען. נישט ווייט פון איהר איז געזעסען שרה אָנגעלעהנט מיט דער האַנד אָן אַ קליין טישעל און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. די פּנים׳ער האָבען עדות געזאָגט, אַז זיי האָבען דאָ אַ סך גערעדט צווישען זיך. און אַ סך טראַכטען זיי נאָך.

דאַווידזאָהן האָט זיך פערנייגט אַרײנקומענדיג אין צימער און געפרעגט אפרים׳ען וואָס ער מאַכט.

—גאָט צו דאַנקען—האָט אפרים שטיל געענטפערט—איך בין געשלאָפען און ס׳איז מיר אַביסעל גרינגער געוואָרען אָבער...

—גאָט וועט אייך העלפען—האָט דאַווידזאָהן איהם געטרייסט — נאָר שטאַרקט זיך.

אפרים האָט אַ זיפץ געטהון און געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנד מיט יאוש.

—זעצט זיך דאָ נעבען בעט אַנטקעגען מיר-האָט אפרים געזאָגט צו דאַווידזאָהנען אויסציהענדיג די האַנד צו איהם צו בעגריסען זיך.

שמעון האָט דערלאַנגט דאַווידזאָהנ׳ען אַ שטוהל.

—איצט וויים איך אייער גוטסקייט—האָט אפרים גערעדט צו דאַווידזאָהנ׳ען, וואָס איז געזעסען. געשוויגען און געוואַרט-איך האָב זיך בענאַרישט און שטאַרק געגרייזט!.. כ׳בעט אייך, זייט מיר מוחל, וואָרום איך האָב אייך שלעכטס געטהון!...

—גאָט האָט עס איבערגעקעהרט צום גוטען—האָט דאַווידזאָהן געענטפערט שטאַרק געריהרט פון אפרים׳ס רייד—זאָרגט נישט און זאָל אייך נישט פערדריסען, פאַר מיין טובה וועגען האָט מיר גאָט געשיקט פון כסלונעווקע.

—איך וויים איצט אַלץ וואָס איהר טראַכט צו טהון, גוטער מענש—האָט אפרים גערעדט מיט געפיהל—איך וויים אייער האַרץ און גוטען ווילען, אַלץ וויים איך איצט... נאָר ס׳טהוט מיר זעהר לייד, וואָרום איך קען נישט טהון וואָס אייער האַרץ טראַכט.

דאַווידזאָהנ׳ס פּנים איז טרויעריג געוואָרען פון אפרים׳ס רייד, זיין האַרץ האָט שטאַרק אָנגעהויבען צו שלאָגען, וואָרום יעדער האָפנונג

איז פאַר איהם פערלוירען געגאַנגען. צעטומעלט האָט ער געקוקט אויף שמעון׳ען, וועלכער האָט אויך געקוקט צו דער מוטער און עפּעס געבעטען זיך ביי איהר מיט די אויגען, אַז זי זאָל זיך אָננעהמען פאַר דאַווידזאָהנ׳ען, וועלכען ער האָט אָט דאָ נישט לאַנג אַזוי אויסגעלויבט פאַר איהר און איהר אַלץ דערצעהלט וואָס ער האָט געטהון און וואָס ער רעכענט צו טהון... אָבער זי האָט געשוויגען און אַלץ געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ ווי פריהער, נאָר די אויגען האָבען שטאַרק געטרעהרט און די געפיהלען האָבען זיך געשטורעמט אין איהר האַרצען.

רחל האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צו פערריכטען דעם פּאָטערס בעלעגער און געקוקט אויף איהם מיט פערטרעהרטע אויגען, וואָס האָבען דערוועקט רחמנות און געמאַכט צוגעהן יעדעס האַרץ.

—כ׳וועל מיט אייך נישט רעדען קיין פערשטעלטע רייד — האָט אפרים ווייטער גערעדט קוקענדיג אויף דאַווידזאָהנ׳ען,—דאָ נישט לאַנג האָבען מיר פון אייך גערעדט און איך ווייס, וואָס איהר ווילט טהון פאַר׳ן כבוד פון מיין הויז, וואָס איז פערשוואַכט געוואָרען דורך מיינע אייגענע מענשען, וואָס האָבען געגעסען מיין ברויט, איך ווייס אויך, אַז איהר ווילט זיך מיט מיר משדך זיין. מיינע אויגען זענען שוין אַצינד געעפענט געוואָרען צו פערשטעהן דעם ווערטה פון אַזאַ מענש ווי איהר זענט, אויף מיין קראַנקען בעט, ביי די לעצטע טעג פון מיין לעבען, האָב איך אָנגעהויבען קומען צום שכל און פערשטעהן ווי איך האָב געגרייזט אין מיין לעבען. אין דערמיט געבראַכט אויף מיר און אויף מיין הויזגעזינד גרויסע צרות; פאַר מיר איז טאַקע אַ כבוד און אויך נוצליך זיך מיט אייך משדך צו זיין — נאָר מיין גרעסטען בעדויערען קען איך איצט אַזאַ זאַך נישט טהון, ווייל מיין טאָכטער איז אַ כלה פאַר פּרצ׳ס זוהן מיט וועמען איך האָב תנאים געשריבען און ווי אַזוי קען איך איצט מאַכען אַנדערש און מיינע ווערטער משנה זיין?! זייט אַליין אַ דין און אַ שופט און זאָגט: צי קען איך איצט טהון אַזאַ זאַך, צו צושטערען די תנאים מיט פּרצ׳ען און טהון אַזאַ זאַך, וואָס מען טהוט נישט?! צו זאָל איך שטאַרבען נישט ווי קיין עהרליכער מענש?..

—אויב איהר זאָלט מיר מאַכען פאַר אַ שופט—זייט זשע מוחל און איך וועל אייך פרעגען: צי האָט אייער טאָכטער נישט קיין האַרץ און קיין אויסרעכענונג און קיין געפיהלען, וואָס איהר גיט זי אַוועק צו אַ מענש, און איהר רעדט אָב און מאַכט אָב פאַר איהרעט וועגען, נישט פרעגענדיג זיך... צי קענט איהר האַנדלען מיט אייער טאָכטער ווי מיט

אַ שטיקעל סחורה, און קענט זי אַוועקגעבען צו וועמען איך געפעלט.
אפשר וועט זי נישט וועלען געהן צו דעם דאָזיגען מענשען, וואָס איהר האָט פאַר איהר אויסגעקליבען, וועט איהר זיין ריין פון דאָזיגען אָב-מאַך און איהר וועט גאָרנישט שולדיג זיין.

די דאָזיגע דאַווידזאָהנ׳ס ווערטער האָבען אפרים׳ען ווי צעמישט און אַז עוי האָט זיך אַ ווי־לע בעטראַכט האָט ער געזאָגט:

—אויב אַזוי זשע... איילט זשע מיר נישט... נאָך ווייניג איז מיר געבליבען צו לעבען אויף דער וועלט... לאָזט זשע מיך איצט אָב און דערנאָך וועט זיך רחל טהוען ווי איהר וועט געפעלען...

אפרים׳ס רייד זענען פאַר רחל׳ען געווען ווי קלעפּ! האָט זי אַרום-גענומען איהר קראַנקען טאַטען און זיך צעוויינט אויף זיין האַלז— —

—בעל הבית׳טע, בעל הבית׳טע!—האָט מיט אַ געשריי גערופען די דיענסט, וואָס האָט פּלוצלונג געעפענט די טהיר און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין צימער אַריין.

—וואָס איז געשעהן? — האָט שרה זיך אויסגעשריגען אויף דער דיענסט—די גאַנצע שטאָדט וועט זיך דאָך באַלד צענויפלויפען אויף דיינע געשרייען.

—ס׳איז זיכער—האָט די דיענסט געזאָגט דערלאַנגענדיג שרה׳ן אַ בריעף—ס׳איז זיכער, אַז דאָס איז דער בריעף, וואָס איהר האָט היינט געזוכט צווישען די דאָרע הושענות וואָס ליגען ביי דער פּליטע, האָב איך איהם געפונען, אַזוי זאָל איך גוטס האָבען! דאָרט האָט איהר פער-געסען דעם בריעף ווען איהר האָט געקאָכט די הושענות-בלעטלעך פאַר אַ רפואה און איך האָב איהם געפונען, אַזוי זאָל איך געפונען וואָס מיין האַרץ גלוסט.

—זי האָט שוין געעפענט דאָס מויל!—האָט זיך שרה אויסגעשרי-גען אויף דער דיענסט וועמענס רייד זי האָט נישט געקענט פערטראָ-גען—געה דיר צו דיין אַרבייט, גענוג גערעדט און געבאַטשקעט.

פון אַלע דיענסטען וואָס שרה האָט געהאַט אַמאָל אין די נוטע צייטען, איז ביי איהר אין שטוב געבליבען נאָר די איינע דיענסט, וועלכע דער לעזער האָט דאָרט געזעהן נאָך מיט פיער יאָהר צוריק מיט דעם רויטען האָן אין דער האַנד.

—דאָס איז פרצ׳ס בריעף—האָט שרה געזאָגט צו איהר מאַן, דער-לאַנגענדיג איהם דעם בריעף.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אין צימער, אינעווייניג האָבען זיך

שוין אויסגעלעגט די אָוועגד-שאָטענס, קיינער רעדט נישט קיין וואָרט, נאָר די הערצער שלאָגען און ברענגען אויף אַ סך געפיהלען ווי כוואַליעס אויפ׳ן ים... מיט ציטערדיגע הענד האָט שרה אָנגעצונדען אַ ליכט און אַוועקגעשטעלט נעבען אפרים׳ען.

אַלעמענס אויגען האָבען געקוקט אויף אפרים׳ען, ווען ער האָט געעפענט דעם בריעף צו לעזען, געקוקט אויף איהם און זייערע געפיהלען האָבען געברומט ווי שטאַרקע כוואַליעס...

—בעל הבית׳טע, בעל הבית׳טע!—האָט זיך ווידער דערהערט דאָס קול פון דער דיענסט, וואָס האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין צימער און מיט דער האַנד זיך געהאַלטען פאַר דער נאָז:

—וואָס איז דאָס היינט פאַר אַ געשרייען!—האָט שרה זיך צעשריגען אויף דער דיענסט—וואָס שרייסטו! פערמאַך די טהיר און געה דיר!

—חנה די טיקערין איז געקומען—האָט די דיענסט געשריגען מיט שמחה, ווי זי וואָלט דאָס אַ גוטער בשורה אָנגעזאָגט—זי איז דאָ אין קיך מיט׳ן טאַטער וואָס קען אָבשפּרעכען, אַזוי זאָל איך גוטס האָבען!... דער טאַטער הייסט אַרויסגיסען די געקאָכטע הושענות, ער האָט געבראַכט אַנדערע בלעטלעך אויף אַ רפואה... חנה זאָגט אַז דעם טאַטערס רפואה...

—שווייג!—האָט זיך שרה אויסגעשריגען אויף דער דיענסט, איידער זי האָט געענדיגט איהרע רייד וואָס זי האָט נישט געקאָנט הערען איצט—זי האָט צעעפענט אַ פּיסק אָהן אַ גרענעץ... געה דיר, געה און זאָלסט זיך נישט אַנטוועגען צו קומען נאָך אַמאָל—האָט זי אויף איהר געשריגען איז צוגעגאַנגען און פערשלאָסען די טהיר.

אפרים האָט זיך אַביסעל איבערגעלייגט און אַרויסגעצויגען אַ גרויסען בויגען וואָס איז געווען צוגעלעגט צום בריעף און האָט געגאַפט. דערנאָך האָט ער פאַר זיך אַוועקגעלעגט דעם בריעף מיט דעם בויגען און פאַמעליך געזאָגט:

—נאָר גאָט האָט דאָס געטהון!...

דאַווידזאָהנ׳ס און רחל׳ס הערצער האָבען שטאַרק אַ ציטער געטהון פון די דאָזיגע אפרים׳ס ווערטער.

—דאָס זענען די תנאים וואָס פרץ האָט צוריקגעשיקט—האָט אפרים געזאָגט ווייזענדיג מיט׳ן פינגער אויף דעם בויגען.

אפרים האָט דאָס אַדויסגעזאָגט און די פנים׳ער פון דאַווידזאָהנען און רחל׳ען זענען געוואָרען בלייך ווי רויט און ווידער בלייך און ווידער רויט, זיי זענען געווען ווי זיי וואָלטען געחלומ׳ט, און באַלד

איז דאווידזאָהן אויפגעשטאַנען פון דער שטוהל, האָט גענעהנט צום בעט און מיט געבעט אויסגעצויגען די האַנד צו אפרים׳ען.

—טאָכטער מיינע—האָט אפרים געזאָגט—איצט וועל איך דיר שוין פרעגען... איצט אָנערקען איך פאַר דיר דיין רעכט און איך פרעג ביי דיר!...

רחל איז אויך אויפגעשטאַנען, זיך אַוועקגעשטעלט נעבען פאָטער און האָט זיך פערשטעלט דאָס פנים נישט רעדענדיג קיין וואָרט!

—שרה—האָט אפרים געזאָגט — קום אַהער און לאָמיר בענטשען אונזערע קינדער, ווער ווייסט אויב גאָט וועט מיך לאָזען לעבען איך זאָל זיי בענטשען מיט דיר צוזאַמען אונטער זייער חופּה.

דאַווידזאָהן מיט רחל׳ען האָבען זיך געגעבען די הענד און איינגעבויגען זייערע קעפּ, אפרים מיט שרה׳ן האָבען אָנגעלעהנט זייערע הענד אויף זייערע קעפּ... און באַלד האָט זיך דערהערט אין צימער די ברכת פון עלטערען און אַ געוויין.

עלטערען און קינדער האָבען צוזאַמען געוויינט: . . . .

. . . .

אין זיבען טעג אַרום האָט זיך אפרים׳ס קראַנקהייט געשטאַרקט און ער איז געשטאָרבען.

לב.

צוריקגעקעהרט אויף זיין אָרט.

אַוועק איז דער זומער און דער שופר האָט אָנגעהויבען בלאָזען אין אַלע יודישע שטעדטלעך.

און ווי נאָר עס גיט אַ בלאָז דער שופר אין חודש אלול, הייבען יודען אָן צו דאַוועגען און בעטען; די טויערען פון בית עולם ווערען געעפענט און יעדער מענש געהט מיט גרויס געפיהל אויף קבר אבות און צו בעטען ביי גאָט, וואָס קומט משפט׳ן די גאַנצע וועלט, ער זאָל מוחל זיין די לעבעדיגע און די טויטע.

אויך אין חסידעווקע, אַ קליין שטעדטעל, איז אָפען דאָס טויער

פון בית עולם. ווי נאָר דער מאָרגען שיינט אויף זאַמלען זיך צענויף און עס קומען אַהין מענער, ווייבער און קינדער און דאָס געוויש און זייערע געשרייען הערען זיך ווייט אַרום. דאָ שטעהט אַן אלמנה און וויינט ביטער אויפ׳ן קבר פון איהר מאַן און רעדט זיך ז.ויס פאַר איהם דאָס האַרץ: אַז מיט זיין טויט איז איהר דאָס לעבען פערשטערט געוואָרען, איהרע קינדער זענען פערוויעסט געוואָרען. בלייבענדיג אָהן אַ טאַטען... אַז די סטעלע איז צו לעכערט און עס רעגענט אַריין אין שטוב אַריין, אויף די ווענד זענען איינגעבויגען צום איינפאַלען און דער פאַרקאַן האַלט זיך אויף היהנערישע פיסלעך... און דאָרט אין דער הייך הערט זיך אַ גרויס געוויין, אַ מאַמע בעוויינט איהר זוהן, וואָס איז געווען שעהן און ליכטיג, אין די בעסטע יונגע יאָהרען איז ער געגאַנגען אין דער ערד אַריין. דאָ קניהען און פאַלען מענשען אויף די קברים פון זייערע עלטערען און רעדען אָב זייערע ביטערע הערצער. זייערע ווער-טער פליעסען ווי אַ טייכעל, ווי אַ טייך וואָס פלייצט און ווי וואַסער וואָס יאָגט זיך באַרג אַראָב; און דאָרט קלאָגט אַ יודענע מיט אַ טרויע-ריג געמיטה, און מעסט דאָס פעלד האַלט אין איין קלאָגען און ציהט זיך אויס אויף די קברים פון איהרע נאָהענטע, צו בעטען רחמים אויף איהר קינד וואָס איז קראַנק. און צוזאַמען מיט׳ן וויינען און קלאָגען דערהערט זיך דאָס געשריי פון די קראָהען, וואָס הייבען זיך פלוצלונג אויף מיט אַ געשריי און אַ ליאַרעם פון אַ שפיץ בוים, ווייל די יונגען די לאָבוסעס האָבען זיך אויף זיי געוואָרפען ווי אַ היישעריק און זיי איבערגעשראָקען, מיט זייער אַרויפקלעטערען אויף די ביימער זיך אָב-צושניידען שטעקענס און צו רייסען די פרוכטען. וואָס מען קען זיי נישט עסען, ס׳איז אויך אַ געשריי פון די אָרימע לייט וואָס שטעהען ביים טויער און בעטען נדבות ביי אַלע וואָס געהן אַריין און אַרויס.

אויפ׳ן וועג וואָס געהט זיך גלייך ווי אַ טונקעלער פאָדעם נעבען בית עולם, געהן פויערים גאַנצע חברות, זיי פיהרען אין שטעדטעל אַריין האָלץ, נייע תבואה און גרינצייג, אויך יונגע היהנדלעך און וויי-סע העהנער און אייער און אַנדערע זאַכען. ווי נאָר די פוהרען זענען פערבייגעפאָהרען און פון וואַלד וואָס שטעהט פון ווייטען פאָהרט אַרויס און אַ זייל שטויב נאָך אַ פויעריש וועגעלע, וואָס איז געשפאַנט מיט צווייִ נידעריגע פערדלעך, וואָס שפרינגען מיט דראָבנע טריט און פאַר זיי שפרינגט און לויפט אַ לאָשעק פון אַ יאָהר, לויפט הין און צוריק מיט אַ פרעהליך הירזשען. אין וועגעלע איז געזעסען אויף שטרוי אַ

מענש איינגעהילט אין זיין מאַנטעל, ער זיצט שטיל און פּערגליווערט. ווי אויסגעהאַקט פון שטיין, נאָר נעבען בית עולם האָט דער מענש אַ ריהר געטהון דעם פויער אין פּלייצע און איהם געוויזען מיט דער האַנד ער זאָל אהין צופאָהרען.

און דער מענש איז שטאַרק דערשראָקען און איבערראַשט, זיין פּנים זעהט אויס ווי ביי אַ מענשען וואָס ליידט גרויסע וועהטאָגען און האָט אַזאַ קרענק וואָס עסט איהם אויף. זיינע אויגען ברענען ווי די פלאַקערען און זיינע ליפּען זענען ווי פון פּייער פערברענט, און ער אָטהעמט שטאַרק שווער. אַז ער איז אַראָב פון וועגעלע, האָבען איהם אַרומגערינגעלט די אָרימעלייט וואָס שטעהן ביים טויער, און געבעטען נדבות, דער פרעמדער האָט זיי צעטיילט נדבות האָט זיך גוט איינגע־הילט אין זיין מאַנטעל און געשפּאַנט ווייטער.

אין אַ ווייל אַרום האָט דער קברן איהם צוגעפיהרט צו אַ בוים, דאָרט זענען געווען איין גרויסער קבר מיט דריי קלענערע קברים אַרום, וואָס זענען געשטאַנען ווי פערגעסען און קיינער איז אהין נישט געקו־מען צו פערגיסען אויף זיי אַ טרעהר. און מען האָט זיי כמעט נישט אַרויסגעזעהן פון טיפען גראָז וואָס איז אויף זיי געוואַקסען דאָס איז דער קבר פון אַ מוטער מיט דריי קינדער וואָס האָבען זיך נישט צע־שיידט נישט ביים לעבען און נישט נאָכ׳ן טויט!

אַנ׳אויפגערעגטער איז דער פרעמדער געפאַלען אויף די קברים און איז דאָרט שטיל געלעגען. און אַז ער איז אויפגעשטאַנען זענען זיינע אויגען געווען אַ קוואַל טרעהרען און אויף זיינע ווייסע באַקען האָבען געפינקעלט צוויי רויטע פלעקען—דער צייכען פון טויט אויף די פּנים׳ער פון סוכאָטניקעס, דער פרמדער רעדט עפּעס צו זיך אַליין. אין דער שטיל ווייגט זיין האַרץ און קיין קול הערט מען נישט. און נאָכ־דעם ווי ער איז אַזוי געשטאַנען נאָך אַ ווייל, האָט ער פערבראָכען די הענד, זיך ווידער איינגעהילט אין מאַנטעל און איז אוועקגעגאַנגען...

* * *

ס׳איז נישט אַוועק קיין לאַנגע צייט און דער טויער פון בית־עולם אין חסידעווקע האָט זיך ווידער אַמאָל געעפענט און דער פרעמדער וואָס מיר האָבען דערמאָהנט, איז אהין געבראַכט געוואָרען אויף אַ מטה און מען האָט איהם בעגראָבען נעבען בוים, נעבען די פיער קברים וואָס זענען דאָרט פון פריהער געווען. און אויף זיין קבר האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ שטיינערנע מצבה. דאָס איז די מצבה פון קבר וואו עס ליגט בעגראָבען אלקנה ליבזאהן...

צום צענטן יאָרצייט פון

מענדעלע מוכר-ספרים

(שלום יעקב אַבראַמאָוויטש)

צום צענטן יאָרצייט האָט דער פאַרלאַג „מענדעלע“ אַרויסגעגעבן אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס אין אַ נייער, באַאַרבעטער און קאָנטראָלירטער אויסגאַבע. פאַר יעדן באַנד קומט אַן אַריינפיר און אויך אַ בעהעריקע אָפּהאַנדלונג־כאַראַקטעריסטיק פון די ווערק.

אויסער די פריערדיקע צוואַנציק בענדער, האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן צום יאָרצייט נייע צוויי בענדער: באַנד XXI „מעשיות וועגן מענדעלען“ און באַנד XXII „דער מענדעלע־טורעם“.

באַנד 1 מענדעלע מוכר־ספרים (זיין לעבן און שאַפן)

באַנד 2 דאָס קליינע מענשעלע

באַנד 3 פישקע דער קרומער

באַנד 4 די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות.

באַנד 5 די קליאַטשע

באַנד 6 לופט באַלאָן. דער פיש

באַנד 7 יודעל

באַנד 8 שבתדיקע זמירות. פרק־שירה

באַנד 9 מסעות בנימין השלישי

באַנד 10 דער פריזיוו

באַנד 11 דאָס ווינשפינגעריל, I טייל

באַנד 12 דאָס ווינשפינגעריל, II טייל

באַנד 13 צוריק אַהיים. אַלטע מעשה. שם און יפת אין וואַגאָן

באַנד 14 אין אַ שטורעם־צייט. אין דער ישיבה של מעלה. אַ סגולה צו יידישע צרות

באַנד 15 די נשרפים. ספר הבהמות. ספר הגלגולים. דאָס קעלבל

באַנד 16 שבת און יום־טוב. חג האָסיף. דער חילוף. שבת. וואָס הייסט חנוכה. אויף אַסיפות. אַ שטאָט אין מזרח־וואַנט. די אַנטדעקונג פון וואָלין.

באַנד 17 עלטערן און קינדער

באַנד 18 שלמה ר׳ חיימס (1 בוך)

באַנד 19 שלמה ר׳ חיימס (2 בוך)

באַנד 20 זכרונות וועגן מענדעלען.

נ״ע צוויי בענדער

באַנד 21 מעשיות וועגן מענדעלען
מעשיות, זכרונות, עפּיזאָדן און קוריאָזן דערציילט פון שלום־עליכם, ציטראָן, אַנ — סקי, ראַווניצקי, קלויזנער, שניאור, פיכמאַן א. אַ.

באַנד 22 מענדעלע־טורעם
אַרטיקלען פון פּרץ, בערדיטשעווסקי, בינזבורג, דובנאָוו, דינעזאָן, בערקאָוויטש, ספעקטאָר, ווייסער, גאַרעליק, פרילוצקי, ניגער, נאַדיר, אויסלענדער, דאָברושין, מייזל, גראָס א. אַ.

די ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים זענען די גרונט־שטיינער פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז איר אָנהייב, איר ערשטער אויסדרוק פון קראַפט, פון פאָרם, פון שפּראַכלעכער און קינסטלערישער פאַרווירקלעכונג.

מענדעלע איז ביז היינט דער גרעסטער קינסטלער פון יידישן וואָרט.

זיין ווערק איז צום לערנען, צום שטודירן און צום געניסן צוגלייך.

מענדעלעס ווערק דאַרפן זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז!

פאַרלאַג געזעלשאַפט „צענטראַל“ וואַרשע, נאַלעווקי 7.